STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03238

A MENTSH TRAKHT

H. Kusnetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים קוזנעץ

אַ מענטש טראַכט

(וועגן מענטש און לעבן)

פארלאג
מ"ע"נ"ט"ש

תשי"ז — 1957
ברוקלין, נ. י.

A MENTSH TRACHT

MEDITATIONS
(ON MAN AND LIFE)

by CHAIM KUSNETZ

Published by FARLAG MENTSH

Copyright, 1957
BY
CHAIM (HYMAN) KUSNETZ.
353 Alabama Avenue
Brooklyn 7, N. Y.

Printed in the U.S.A.

363

אינהאַלט:

אַנשטאָט אַ הקדמה — 9

ערשטער טייל: די רייד פון קעצקאָ

וועגן מענטש — 14
מינהגים — 20
רעליגיע — 24
יידישקייט — 30
גאָט — 34
געבונדנקייט, אויס־ און איינגעהאַלטנקייט — 38
גליק און אומגליק — 40
לעבן גרינג — 43
פילאָזאָפיע — 46
פרוי און הייראַט — 49
חכמה און נאַרישקייט — 52
שרייבן און לייענען — 56
פּאָעטן און פּאָעזיע — 60

צווייטער טייל: געדאַנקען

דער יחיד און די געזעלשאַפט:

די „מענטשלעכע נאַטור" — 66
„קשוט עצמך", קאַפּיטאַליזם — 69
זיין און באַוואוסטזיין, מאַרקס און מאַרקסיזם — 77
„רעליגיעזע מאָראַל", רעליגיע און גאָט — 90
זיכערהייט און גערעכטיקייט — 101

דער מענטש און זיין מענגאַלאָמאַניע:

„דער קעניג איז נאַקעט" — 104

שאַפער און אויסטער — 105
שפּלות־געפיל און קאָמפּענסאַציע — 106
באַרימעריי — 107
באַוואוסטזיין און ליכט — 107
טעלעפּאַטיע און „דעזשאַ ווי" — 108
איינזאַמקייט און מעגאַלאָמאַניע — 110
באַלאַנס־פּרינציפּ — 111
גאווה — 112

אין און אַרום דעם מענטשן

א.

מאַכט און מורא — 114
דאָס ראַטעווען דעם כבוד — 115
איך־באַוואוסטזיין און אַנזען — 116
ראַציאָנאַליזאַציעס — 117
„איך" און „דו" — 121
קאָמפּלעקס — 122
שולד־געפיל — 123
מורא און מאַסקע — 124
די קאַפּאָטע פון לעבן — 124
„זונפלעקן" און „היץ" — 125
וויץ — דערלייזונג — 125
עקסטראָווערט און אינטראָווערט — 126
דער מענטש — די מאַס — 127
גלייבונג און האַנדלונג — 127
מענטש און מאַסע — 127
מענטש — ע פּלוריבוס אונום — 128
„איך" (יחיד און פאָלק) — 128
,קול המון" — 129
בלעטערנדיק „בראשית" — 130
סוף דבר... כי זה כל האדם... — 131

אין און אַרום דעם מענטשן

ב.

נישט־וויסן — 132
קנאה — 133
סאַדיזם — 134
שנאה צום פרעמדן — 135
דערקענטעניש און רחמנות — 135
דעטערמיניזם און פרייער ווילן — 136
פרייער ווילן און אַחריות — 138
אַחריות און באַוואוסטזיין — 140
פאַרברעכן און שטראָף — 140
פאַרברעכער — הינעראויג — 141
טאָלעראַנץ — 141
קוואַליטעט און קוואַנטיטעט — 143
„התקן עצמך בפרוזדור" — 144
דענקען — 145
דאָס בעטן אויף הכמה — 146
פעסימיזם און ווילן — 146
שפּאַנונג און אָפּשפּאַנונג — 146
פּראָגרעס — 147
צניעות — 147
ווערבאַליזאַציע און באַוואוסטזיין — 148

דער פאַרבאָרגענער מענטש:

מענטש און מקור — 149
קאַרל גוסטאַוו יונג — 149
מענטש און חלום — 150
קינדהייט — דער עמוד־האש — 151
„איז" און „עסט" — 154
סכיזאָפרעניע און שאָק־באַהאַנדלונג — 154
דואַליזם — דוכרא ונוקבא — 156

געוויסן — 156
מענטש — אַ דריי איניקייט — 157
וואַסער — בראשית — 157
געלעכטער — 158
בענקעניש (פרויד, שניאורסאָן און ראַנק) — 162
זעלבסט־אויסדרוק (פרויד, אַדלער און שניאורסאָן) — 164
פרויד און אַדלער — 173
פרויד, סיבה און פועל־יוצא — 174
אַלפרעד אַדלער, דער „נאָרמאַלער" און דער „נעוראָטיקער" — 175
פרויד — 176
דערציאונג — 188

יצירה און חלום:

אינספּיראַציע — 190
באַגער נאָך מאַכט — 192
זעלבסט־אויסדרוק — 193
שאַפער — וואולקאַן — 193
חלום און שאַפונג — 193
דער שאַפער און זיין ווערק — 194
טיפקייט און לשון — 195
טאַלאַנט — 195
ווי אַזוי און וואָס — 196
קונסט און שונד — 197
ליד — אַ קערן — 197
וויטזיכטיקייט און בלינדקייט — 198
ברייטקייט און טיפקייט — 198

געשלעכט און ליבע:

געשלעכט — עטער — 199
געשלעכט און ליבע — 199

ליבע און תכלית — — — — — — — — — — — — 199
אַלץ פאַרן קיום המין — — — — — — — — — — — 200

מענטש, וועלט און לעבן:

מענטש און לעבן — — — — — — — — — — — — 201
וועלט און לעבן — מיליקען און בערגסאָן — — — — — 202
זיין ווערן — — — — — — — — — — — — — 202
דעטערמיניזם — שפינאָזאַ און פרויד — — — — — — 202
פיזיאָלאָגישע פסיכאָלאָגיע — — — — — — — — — — 203
סענסואַליזם — אינטעלעקטואַליזם — — — — — — — 203
ווילן און שכל — שאָפּענהויער — — — — — — — — 204

אַפאָריזמען און עפּיגראַמען:

לעבן — — — — — — — — — — — — — — 205
„חזון" און נחמו" — — — — — — — — — — — — 206
יחיד און כלל — — — — — — — — — — — — — 209
דער „גרויסער" און דער „קליינער" מענטש — — — — 211
יוגנט און עלטער — — — — — — — — — — — — 213
וויסן — — — — — — — — — — — — — — — 214
אמת און שקר — — — — — — — — — — — — — 215
פאַרשידנס — — — — — — — — — — — — — — 215

אַנשטאָט אַ הקדמה

שרייבן און אַרויסגעבן היינטיקע צייטן אַ יידיש בוך איז דאָך אַזוי אומנויטיק און זינלאָז! און אַט־דער באַוואוסטזיין וואָלט דאָך געדאַרפט זיין ווי אַ טאַרמאַז וואָס פאַרהאַלט דעם חשק צו שאַפן. —

אַז ס'איז נישטאָ קיין נאָכפרעג, וואָלט דאָך דער אָנבאָט געדאַרפט אַטראָפירט ווערן. —

אַז ס'איז נישטאָ מער קיין כלי וואָס זאָל אויפנעמען, שטעלט זיך דאָס אייל אָפּ. איז אוים נ ס! (מלכים ב, ד, 6).

אָבער מיין נשמה איז אַן אויסטער וואָס ווערט כסדר געררייצט און זי איז געצוואונגען כסדר צו שאַפן פערל־סובס־טאַנץ פון געדאַנקען. מ ו ז שאַפן, כדי זי זאָל קאָנען לעבן!

— איר דאַרפט ניט צאָלן פאַר די פערל, איר קאָנט זיי האָבן פריי! אומזיסט! בחינם! איך וועל זיי אַוועקגעבן אייך מיט שמחה! —

אַ קול קורא במדבר. אינעם מדבר פונעם יידישן וואָרט!

קיינער פילט אין זיי ניט — נישט קיין טעם און נישט קיין ריח.

קיינער וויל זיי אין די הענט נישט נעמען.
קיינער וויל אויף זיי נישט קוקן.
קיינער וועגן זיי וויל גאַרנישט הערן. —

ווי ביי יעדן איינעם וואָלטן אַלע חושים אָפּגעשטאָרבן.

טראָג איך זיך אַרום מיט „פערל", ווי כביכול מיט זיין תורה, און נישט נאָר „נעשה" קיינער זאָגט נישט, — אויך ניט „נשמע".

איז צו וואָס פאַרעפנטלעך איך אַט־דעם בוך?

מילא, שרייבן, ס'הייסט, פאַרשרייבן מיינע געדאַנקען, האָב איך געמוזט — און מוז —ווי איך מוז לעבן און באַפרי־דיקן די עיקרדיקע פאָדערונגען פון לעבן. ווי איך קאָן נישט אונטערדריקן די פונקציעס פון מיין גוף, אַזוי קאָן איך נישט אונטערדריקן די פונקציעס פון מיין גייסט. אָבער פאַרעפנטל־

לעבן דאָס געשריבענע — צו וואָס? בפרט נאָך, אז פון דער שארית הפליטה וועלן בלויז געציילטע, די פארשטייענדיקע, מיך פאַרשטיין, די איבעריקע, די פאַרשטיינערטע, וועלן מיך דאָך פאַרשטיינען!

דער ענטפער —ווי דער ענטפער אויף אַלע קשיות פון לעבן — איז: עבדים היינו.

און איך בין נישט קיין אויסנאַם.

איך ווייס וואויל, אז „שנאו בשער מוכיח, ודבר תמים יתעבו" 1), אָבער אַ קול אין מיר שרייט: „ודברת אליהם את כל אשר אנכי אצוך; אל תחת מפניהם! 2). און נישט אַן איינ־מאָליקן, שטילן „ודברת", נאָר „קרא בגרון, אל תחשך, כשופר הרם קולך" 3) „ואמרתי: לא אזכרנו ולא אדבר עוד בשמו, והיה בלבי כאש בערת עצר בעצמותי, ונלאיתי כלכל ולא אוכל" 4), איז „ אדברה אני — ויעבר עלי מה. על מה אשא בשרי בשני ונפשי אשום בכפי? הן יקטלני — לא איחל! — אך דרכי אל פניו אוכיח"! 5)

*

„כמה דעונשא דבר נש בגין מילה בישא, כך עונשיה בגין מילה טבא דאתי לידיה ויכיל למללא ולא מליל".

— זוהר, פ' תזריע

---

1) זיי האָבן פיינט דעם שטראָפער אין טויער, און דעם וואָס רעדט ערלעך פאַראומווערדיקן זיי (עמוס ה' 10)

2) און זאָלסט ריידן צו זיי אַלץ וואָס איך וועל דיר באַפעלן; זאָלסט זיך נישט שרעקן פאַר זיי (ירמיה א' 17)

3) רוף מיט דער קעל (שריי אין דער הויך) זאָלסט זיך נישט צוריקהאַלטן, ווי אַ שופר הייב־אויף דיין קול (ישעיה נ"ח, 1)

4) און איך האָב געזאָגט: איך וועל אים נישט געדענקען, און וועל מער נישט ריידן אין זיין נאָמען. אָבער (זיין וואָרט) איז גע־ווען אין מיין האַרצן ווי אַ ברענענדיק פייער איינגעשלאָסן אין מיינע

אַ מענטש טראַכט

„וכל מי שגילה לו הקב"ה דבר ואינו כותבה ויכול לכתוב, הרי גוזל מי שגילה לו, כי גלה לו אלא לכתוב".

— ספר חסידים, תק"ל.

* * *

אַזוי ווי קיין פרעמדע האַנט האָט זיך נישט צוגערירט צו דעם כתב־יד פון אָט־דעם בוך, טראַג איך אַליין די פולע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדן וואָרט וואָס געפינט זיך דאָ.

(חוץ, פאַרשטייט זיך, פאַר די דרוק־פעלערן...)

ביינער, און איך האָב זיך געמאַטערט עס איינצוהאַלטן און נישט געקאָנט (ירמיה כ', 9)

5) איך וועל ריידן — און זאָל קומען אויף מיר וואָס (עס זאָל נישט זיין). פאַרוואָס נעם איך מיין לייב אין מיינע ציינער און מיין לעבן שטעל איך אין קאָן? ער וועט דאָך מיך טייטן — אויף דעם ריכט איך זיך! (אָדער לויטן כתיב: נישטאָ וואָס צו האָפן!) — אָבער מיינע וועגן אים אין פנים וועל איך אויפווייזן! (איוב יג,13).

ערשטער טייל:

די רייד פון קעצקאָ

I
די רייד פון מעצקא

וועגן מענטש

א לאנגע צייט האָט קעצקאָ נישט באוויזן זיך צווישן זיינע תלמידים.
און מורא האָבנדיק, אַז ער איז אפשר נישט געזונט, זיינען זיי געקומען צו אים געוואָר ווערן וואָס ער מאַכט.
און דערזען האָבן זיי אים זיצנדיק איבערן טיש, א פאַר־טראַכטן און א טרויעריקן.
און איינער פון די תלמידים האָט אים א פרעג געטאָן:
— קעצקאָ, וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק? אפשר פילסטו נישט־מיט־אַלעמען?
און קעצקאָ האָט געענטפערט:
— נישט־מיט־אַלעמען? יאָ, איך בין נ י ש ט מיט אַלע־מען!
אָ, טייערע תלמידים מיינע, א טיפער טרויער האָט אַרומ־גענומען מיין נשמה, ווייל איך האָב אָנגעהייבן טראַכטן וועגן מ ע נ ט ש.
— אויב אַזוי, האָט דער תלמיד זיך אָפגערופן, — רייד־זשע טאַקע צו אונדז וועגן מענטש!
און קעצקאָ האָט אָנגעהייבן ריידן:
— זיי טרומייטערן, איך טרוים; זיי תרועהן, איך טרויער, איז בעט מיך נישט צו ריידן וועגן מ ע נ ט ש: צו וואָס פאַר־טיפן מיין טרויער?
ווייל ריידן וועגן מ ע נ ט ש, מיינט ריידן וועגן זיין טראַ־דיציאָנעלער ציוויליזאַציע.
אָבער אין דער טראַדיציאָנעלער ציוויליזאַציע איז עטיק אויף וואַקאַציע.
און דער איבער־מענטש איז אין איר אַן איבעריקער מענטש.
און פאַרן מענטש צו לעבן לויט דער נאַטור,איז, לויט איר תורה, נישט נאַטירלעך.
און וואָס פאַר א ציוויליזאַציע, אַזאַ מענטש!

ווי ווידערווייליק עס זיינען מיר די מענטשן פון דער טראַ־דיציאָנעלער ציוויליזאַציע!
און דערפאַר מייד איך זיי אוים.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער מיטאַמאָל האָבן זיינע אויגן זיך אָנגעצונדן און ווי ער וואָלט פאַר זיך אַ מחנה מענטשן דערזען, האָט ער אָנגעהייבן ריידן מיט פייער:
— איר האַלט זיך אין איין אַרומרייסן איבער נבלות, איר אָפּגעריסענע מנוולים!

דער עיפּושדיקער ריח פון די נבלות איז ווי בלומענדופט פאַר אייערע נאָזלעכער.

און דאָס איז אייער אָפּשאַצונג פון דער וועלט:

וואָס מער נבלות זי פאַרמאָגט, אַלץ אַ בעסערע וועלט איז זי!

אַך, הונגעריקע שפּאַרבערס וואָס איר זייט!
הונגעריקע שפּאַרבערס? אַך, וואָלט איר כאָטש שפּאַרבערס געווען! אָנגעפּילט וואָלט איר די געדערים אייערע און אוועק־געפלויגן. —

הונגעריקע הינט זענט איר. און אייער איינציקע באַשעפ־טיקונג, נאָכדעם ווי איר ווערט צייטווייליק פאַרטיק מיט די נבלות, איז איבער טרוקענע ביינער אַרומצורייסן זיך!

ער האָט זיך באַרואיקט אַ ביסל און ווייטער גערעדט:
—אָבער וואָס איז דער חידוש, וואָס איר זענט נישט רייף, אַז די זון פון דערקענטעניש שיינט נישט אויף אייך, און דער רעגן פון פאַרשטענדעניש טוט אויף אייך נישט פאַלן.

און דאָס איז מחמת איר זייט אינגאַנצן איינגעהילט אין דער טראַדיציאָנעלער ציוויליזאַציע!

און וואָס איז דער חידוש וואָס איר זענט אומריין, אַז

שטענדיק זענט איר אַנגעפּעלצט מיט דער טראַדיציאָנעלער ציוויליזאַציע!

ווען איר ווילט זיך וואַשן, רייניקן, מוזט איר זיך אויס־טאָן נאַקעט.

גייט אַרום נאַקעט — און דעמאָלט וועט איר מוזן ריין זיין!

אָבער צו וועמען רייד איך דאָס?

און ווי איינער, וואָס כאַפּט זיך פּלוצלינג אויף פון שלאָף, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, און דערזעענדיק די תלמידים זיינע שטיין פאַרגאַפט און געפּלעפט, האָט ער זיך געווענדט צו זיי מיט די דאָזיקע רייד:

— תלמידים מיינע, איך וועל טאָן אייער באַגער, כאָטש איך באַגער עס נישט צו טאָן.

ס'איז מיר נישט גרינג צו ריידן וועגן מ ע נ ט ש, אָבער, אַז איך וועל ריידן וועט מיר אפשר גרינגער ווערן.

גלייבט נישט די וואָס זאָגן אייך, אַז דער מענטש איז אַ חיה ווי אַלע חיות.

צווישן מענטש און חיה זיינען טאַקע פאַראַן אַ סך פּאַ־ראַלעלן, אָבער בלויז דער מענטש קאָן זיך פאַרשטעלן.

און בלויז דער מענטש קאָן אַרומגיין אַ דערשלאָגענער, ווייל ער קאָן זיך צו גאָרנישט ניט דערשלאָגן.

און בלויז דער מענטש קאָן פילן, אַז איידער צו זיין אַ גאָר־נישט, איז בעסער גאָרנישט צו ז יי ן.

וואָס זשע איז דער מענטש?

„דערקען זיך אַליין!" האָט מען אייך געלערנט. איך אָבער זאָג: זוכט נישט צו דערקענען זיך אַליין — צו וואָס זאָלט איר אַנטלויפן פון זיך?

ווייל ווי נאָר איר וועט אָנהייבן דערקענען זיך, וועט איר גלייך אויסגעפינען, אַז דער וואָלד האָט שוין פון לאַנג אַרוים־

אַ מענטש טראַכט

געשטופּט פון זיך דעם מענטשן, דער מענטש אָבער האָט נאָך
עד־היום פון זיך נישט אַרויסגעשטופּט דעם וואַלד.
און שטענדיק טראָגט ער אים אין זיך.
און וועט טראָגן כל־זמן ער וועט זיין בלויז אַ כלי פאַר דער
טראַדיציאָנעלער ציוויליזאַציע.

תלמידים מיינע, טראַכט ווייניקער וועגן מענטש!
ווייל טראַכטנדיק וועלן די אויגן פון אייער גייסט ווערן
שאַרפזעענדיק און ווייטזיכטיק —
און דער אייביקער ווילדוואַלד וואָס אינעם מענטשן איז
נישט איבעריקס וואויל פאַרן אָנבליק.
הערט וואָס איך זאָג אייך:
אַזוי וואויל איז די שוואַכזעעוודיקע און קורצזיכטיקע:
זיי זעען נישט טיפער פונעם אייבערפלאַך פון זייער
א י ך, אַזוי, אַז זיי זעען תמיד לויטער שיינס און גוטס.
אין דער מוטערם טראַכט האָט איר גאָרנישט געטראַכט
— און איר זענט ווי גאָט געווען, און אייך איז גוט געווען.
איז טראַכט בכלל וואָס ווייניקער!
טראַכט נישט און דענקט נישט, ווייל דענקען איז נישט
קיין דאַנקבאַרע אַרבעט.
האָט איר געהערט די היינטיקע וויסנשאַפטסלייט זאָגן, אַז
וואָס גיכער ס'איז די באַוועגונג, אַלץ לענגער איז די צייט און
קירצער דער רוים?
זיי האָבן דאָס וועגן מענטשן געזאָגט!
וואָס גיכער ס'איז די באַוועגונג פון זיין פאַנטאַזיע; וואָס
גיכער עס פליען זיינע געדאַנקען און וואָס אימפּעטיקער —
דערפאַר — זיין אומרו, אַלץ לענגער ציט זיך פאַר אים אויס
די צייט און אַלץ ענגער, פילט ער, איז דאָס אָרט וואו ער גע־
פינט זיך.
איז צו וואָס דאַרפט איר עס?!

לאָזט נישט אייער פאַנטאַזיע זיך אַנצוצינדן, ווייל פייער פאַרניכטעט זיין אייגענעם טרעגער!
לאָזט נישט אייערע געדאַנקען זיך פונאַנדערצופלאַקערן, ווייל ווען דאָס שוועבעלע ברענט, באַדט עס זיך טאַקע אין ליכט און שיינט, אָבער ברענט עס אוים און דאָס פייער פאַרשווינדט, ווערט עס פאַרקוילט און שווארץ!

תלמידים מיינע, טראַכט נישט, דענק נישט. אַנטלויפט פונעם זאָג „דערקען זיך אַליין" ווי פון פייער.
ווייל פרואוון דערקענען זיך אַליין מיינט שפּילן זיך מיט פייער.
און נישט יעדער מענטש איז אַ פעניקס!
וואַנדערט נישט איבער די וועגן פון וואַגנדיקע געדאַנקען, ווייל דער וואַנדערער — דאָס איז אַ מענטש וואָס בענקט נאָך וואונדער,
אָבער דער, וואָס בענקט נאָך וואונדער, וועט געוויין און וואונדן געפינען!

אַז ער איז געבליבן שטיל, האָט אַ תלמיד זיך אָפּגערופן:
— אָבער דו אַליין טראַכטסט און דענקסט דאָך!
און קעצקאָ האָט געענטפערט:
— דער לייכט-טורעם פאַרשפּרייט ליכט אינעם ארומיקן חושך, אָבער אים צופוסנס הויערט פינצטערניש!
און דער תלמיד האָט זיך ווידער געווענדט צו אים:
— וועגן דעם, וואָס דער מ ע נ ט ש איז, האָסטו צו אונדז נישט גערעדט, אָבער וועסטו אפשר זאָגן אונדז וואָס ער זאָל אָדער דאַרף זיין?
און קעצקאָ האָט געענטפערט און געזאָגט:
— דער מענטש איז עפּעס אַזוינס, וואָס וויל שטענדיק. ער האָלט נישט פון „מילא" — און דאָס איז זיין מעלה!

און דערפֿאַר קאָן איך נישט פֿאַרטראָגן דעם מענטשן, וואָס האָט בטחון.

ווייל דער, וואָס האָט בטחון, ביי אים ווערט דער ווילן צעקראָכן.

אָ, ווי איך האָס צעקראָכנקייט!

צעקראָכנקייט שמעקט מיט קריכערישקייט — און דאָס אָנצוקוקן קריכט מיר פֿון האַלדז.

האַרטקייט און שטרענגקייט — דאָס האָב איך ליב!

אָבער איך וויל נישט, אַז איר זאָלט מיך מיאוס פֿאַרשטיין.

נישט, אַז דער מענטש זאָל זיין האַרט און שטרענג צו זיין מיטמענטשן און זאָל אים דערנידעריקן, נאָר, אַז ער זאָל זיין האַרט און שטרענג צו זיך גופא און זיך אַליין דערהייבן!

ווייל ווען דו הערשסט איבער יענעם, ביסטו אַ קנעכט ביי דער הערשאַפֿט; הערשסטו אָבער איבער זיך, ביסטו איר האַר!

וואָס דער מענטש דאַרף זיין?

דער מענטש דאַרף זיין ווי גאָט: זיך נישט לאָזן זען, דאָך זיך לאָזן פֿילן!

גאָט רעדט נישט — און דאָך דינען צו אים אַזויפֿיל מענטשן!

נישט קיין זייער פֿון רייד דאַרף דער מענטש זיין, נאָר אַ טוער.

פֿריער קומט נ ע ש ה, נאָכדעם נ ש מ ע. אָבער נישט נ ד ב ר!

ווייל דער וואָס טוט, רעדט נישט בכלל און וועגן טאָן בפֿרט.

ווער רעדט מעשה טוער וועגן טאָן? דער וואָס איז אויסגעטאָן פֿון מעשים!

און כדי צו טאָן, דאַרף מען האָבן כוח.

„קול ד׳ בכח”. אין כוח איז די שטים פֿון גאָט!

אָבער כדי צו האָבן כוח, דאַרף מען זיין פֿאַראייניקט.

עלעקטראָנען און פּראָטאָנען — דאַכט זיך כמעט אָן ממשות, אָבער וויפיל און וואָס פאַר אַן ענערגיע זיי לאָזן עס אַרויס, ווען זיי פאַראייניקן זיך!

דער מענטש איז אָבער דערוויל נאָך נישט פאַראייניקט:
נישט מיט זיך,
נישט מיט זיינע מיטמענטשן
און נישט מיט דער וועלט, —
און דערפאַר איז ער שוואַך.

און דערפאַר ווער איך אַזוי טרויעריק, ווען איך הייב אָן צו טראַכטן וועגן מ ע נ ט ש.

— אָבער, האָט אַ תלמיד זיך אָפּגערופן, דו האָסט דאָך אונדז אַמאָל געלערנט, אַז צו קוקן שטענדיק אויף די מענטש־לעכע שוואַכקייטן פון אויבן־אַראָפּ איז אויך אַ שוואַכקייט!

און קעצקאָ האָט געענטפערט:

— אמת, דאָס איז מיין שוואַכקייט, אָבער אויך מיין שבח!

וועגן מינהגים

ס'איז געווען אַ שטיקנדיקע היץ, און קעצקאָ איז כמעט אַ נאַקעטער געזעסן אין זיין שאָקלשטול אַנטקעגן אַן עלעק־טרישן פעכער, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט דער קלעפּעדיק־הייסער לופט פונעם צימער, און האַלב־געדרעמלט.

און אַז די תלמידים — אַלע באַשניפּסט און באַרעקלט — זיינען אַריינגעקומען און דערזען אים אין אַזאַ הילוך, האָבן זיי זיך איבערגעוואונקען, און איינער פון זיי האָט זיך גע־ווענדט צו אים מיט די דאָזיקע רייד:

— דו ווייסט, קעצקאָ, מיר זיינען דיך איצטער מקנא, און וואָלסטו דערלויבט דיך נאָכצוטאָן, וואָלסטו פאַרדינט אונדזער דאַנק און לויב!

דערזען אַרום זיך תלמידים זיינע, איז קעצקאַ ווי לע־בעדיק געוואָרן און אָנגעהייבן ריידן:

— דערלויבן אייך? אין אַזאַ הייסן וועטער וואָלט דער אייבערשטער אַליין אייך געהייסן ווערן בוגדים אין אייערע אויבערשטע בגדים מיט די אַלע נאָכשלעפעניש!

תלמידים מיינע, אייער איצטיקער הילוך איז דאָך אַ מינהג בלויז, איז זעט טאַקע און ווערט לויז פון אים — און אייערע קערפּערס וועלן דערלייזט ווערן!

נאָכדעם ווי די תלמידים האָבן אים געפאָלגט, האָט קעצ־קאַ ווייטער גערעדט:

— תלמידים מיינע, אויב איר האָט נאָר אַ ביסל שכל — שלעפּט זיך נישט נאָך נאָך די שכללאָזע מינהגים פונעם המון; אויב איר זיינט נאָר אַ ביסל ציוויליזירט — לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון די זינלאָזע פּירעכצן פון דער טראַדיציאָנעלער ציוויליזאַציע!

און אַ תלמיד האָט זיך אָפּגערופן און געפרעגט: — אָבער מינהג — דאָס איז דאָך עפּעס, וואָס איז טיף איינגעוואָרצלט אינעם פאָלק; און מענטשן זיינען זיך אָפּט מקריב צוליב אַ מינהג; און אַ מינהג איז דאָך אַזוי שטאַרק, אַז ער ברעכט אַמאָל אַ דין. און מיר דוכט, אַז בכלל איז פירן זיך לויטן מינהג אַ סך גרינגער ווי גיין געגן אים. באַקוועמער — אַוודאי!

און קעצקאַ האָט געענטפערט:

— דער מינהג איז איינגעוואָרצלט אינעם פאָלק, זאָגסטו מיט יראת־הכבוד, אָבער פאָלג מיך און וואָרצל־אויס פון זיך דעם יראת־הכבוד פאַרן מינהג.

טו עס — און איך גיב דיר אָפּ כבוד!

יאָ, ס׳איז טאַקע אמת, אַז מענטשן זיינען זיך אָפּט מקריב

צוליב אַ מינהג, אָבער דו זיי בעסער מקריב דעם מינהג צוליבן אמת.

זיי אים מקריב — און איך בין דיך מקרב!

אַ מינהג ברעכט אַ דין? אַזוי האָסטו טאַקע געהערט זאָגן, אָבער איך זאָג דיר: זיי דיין אייגענער דיין און צעברעך דעם מינהג.

צעברעך אים — און איך גיב דיר מיין ברכה!

פירן זיך לויטן מינהג איז גרינגער, באַקוועמער? יאָ, מינהגים — דאָס זיינען שטיוול מיט וועלכע ס׳איז באַקוועם איבערצובראָדיען אַ בלאָטע.

באמת, די טראַדיציאָנעלע ציוויליזאַציע איז אַ האַרבע האַרבסטיקע בלאָטע, און מיט די מינהגים-שטיוול איז גרינגער און באַקוועמער צו בראָדיען אין איר. אָבער פאַרוואָס נישט אויסטריקענען אָט-די בלאָטע און אָנהייבן אַרומגיין אַ באַרוועסער אָדער אין שטעקשיך? ערשט דעמאָלט וואָלט מען זיך געקאָנט פילן באמת באַקוועם!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך פאַרטראַכט.

און אַ צווייטער תלמיד האָט זיך אָפּגערופן און געפרעגט:

— אָבער וואָס זאָגסטו צו דעם כלל „ביסטו אין רוים, איז טו ווי די רוימער”? און,בכלל, וואָס האָסטו צו מינהגים?

און קעצקאָ האָט געענטפערט און געזאָגט:

— אָט-דער כלל איז גוט פאַרן כלל, אָבער נישט פאַרן דענקענדיקן יחיד.

אמת טאַקע, וועסטו זיך אויפפירן לויט די משוגעתן פונעם כלל, וועסטו אין זיינע אויגן זיין אַ קלאָרער, און קוים וועסטו זיך אויפפירן לויט דיין אייגענעם קלאָרן שכל, וועסטו אין די אויגן פונעם כלל זיין אַ משוגענער, אמת, אָבער אַ מענטש, וואָס האָט אַ זעלבסט און אַ ווילן און איז פאַרשטענדיק, וויל

און דאַרף זיין זעלבסטשטענדיק, — און מינהג — דאָס איז דאָס פאַרשאָלטענע סדום-בעטל, וואָס גלייכט אַלעמען אוים.

מינהג — דאָס איז שטייענדיק וואַסער, פאַרגליווערטער נוסח. גוט פאַר די פאַרגליווערטע, אָבער נישט פאַר די פאַר־שטייענדיקע.

מינהג — דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס שלעפּט זיך פון דור צו דור און מאַכט יעדן איינעם פאַר אַ נאָכשלעפּער.

מינהג — פאַרן ערב־רב איז דאָס דער עגל-הזהב, אָבער פאַרן דענקענדיקן מענטשן איז דאָס די מים-המאררים.
אָבער דו ביסט דאָך נישט קיין סוטה, איז טו נישט נאָך דעם שוטה און זאָג זיך אָפּ פון דעם.

נישט לאָז זיך פירן פונעם מינהג — זיי דיין אייגענער מנהיג !

און טאָמער וועט דיר אימיצער זאָגן : אויב דו וועסט פאַר־לאָזן די מינהגים פונעם פאָלק, וועסטו נישט האָבן קיין דער־פאָלג און וועסט זיך פילן פאַרלאָזן ! זאָלסטו אים ענטפערן :

„דאָס איז מיין כלל : אַ מענטש מיט גייסטיקן כוח פאַר־לאָזט זיך אויף זיין אייגענעם מוח. — פאַרלאָז זיך אויף זיך — און דו וועסט זיך נישט פילן פאַרלאָזן !”

און ווענדנדיק זיך צו אַלע תלמידים, האָט קעצקאָ פאַרענ־דיקט :

—תלמידים מיינע, דער כלל „ביסטו אין רוים — טו ווי דו רוימער” איז טאַקע אַלט און פאַרשפּרייט איבער דער גאַנ־צער וועלט, אָבער איך בעט אייך מיט מיין גאַנצן ערנסט : אויב איר קאָנט זיך אַמאָל נישט העלפן, איז טוט ווי די רוימער אָבער טראַכט נישט ווי זיי !

וועגן רעליגיע

איינמאָל האָבן קעצקאָ'ס תלמידים פאַרפירט אַ היציקן, בליציקן שמועס וועגן רעליגיע און אירע וועגן.

אייניקע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר טיפע און הויך־קולטורעלע מענטשן, האָבן געטענהט, אַז רעליגיע איז דאָס טיפסטע און דאָס העכסטע פון דער מענטשלעכער קולטור.

אייניקע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז נאָר מיט זיי מוז מען האַלטן, ווייל זיי זיינען ניכטער און אויסגעהאַלטן, האָבן געטענהט, אַז רעליגיע איז ווי מאַזלען — אַ קינדערשע קראַנקהייט אַזאַ; אַ מין אַנשיקעניש, אַ פּלאָג, וואָס איז באַפאַלן דעם מין מענטש אין זיין קינדהייט, ווען ער האָט נאָך נישט געוואוסט בכלל און פון גייסטיקער היגיענע בפרט, און פון וואָס ער מוז פּטור ווערן, ווי ער טוט אַלץ אין דער וועלט פּטור צו ווערן פון פּאָקן און פון אַנדערע מגפות און פּלאָגן.

און אייניקע האָבן געפּשרהט: אַמאָל איז רעליגיע טאָקע געווען נישט לויטערער גלויבן, נאָר מוטנער אַבערגלויבן, וויסטע קינדישע פאַנטאַזיעס און נאַרישע זאַבאָבאָנעס, אָבער היינט איז רעליגיע אַ וויכטיקער צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור.

און איין תלמיד האָט זיי אין דעם געוואַלט אַרויסהעלפן:

— אין פּרקי־אָבות שטייט דאָך בפירוש, אַז די וועלט שטייט

—שטיי! — האָט קעצקאָ, וואָס איז געזעסן דערביי און צוגעהערט זיך צום שמועס פון זיינע תלמידים, אויסגערופן.

און זיך ווענדנדיק צו די תלמידים, האָט ער אָנגעהייבן ריידן מיט האַרץ:

— יאָ, אין פּרקי־אָבות שטייט טאָקע בפירוש, אַז די וועלט שטייט אויף דריי זאַכן, און איינע פון זיי איז עבודה, דינען גאָט, איך אָבער זאָג אייך: די עבודה צו גאָט איז אַן אבידה פאַרן מענטשן!

דער אמת-רעליגיעזער מענטש איז נישט דער וואָס דינט גאָט און מיינט, אַז מיט דעם פאַרדינט ער זיך עולם הבא, נאָר דער וואָס דינט זיין מיטמענטשן אַזוי, אַז יענער קריגט עולם-הזה.

דער אמתער, טיף-רעליגיעזער מענטש איז נישט דער וואָס דינט גאָט און ברענגט צו אים קרבנות, פון וואָס עס זאָל נישט זיין, נאָר דער וואָס זוכט צו זיין אמתדיק אַפילו צו זיך אַליין און איז אַ מענטש פון דער ט י ף. און אַנשטאָט מקריב צו זיין פאַר גאָט וואָס עס זאָל נישט זיין, איז ער מקרב צו זיך דעם מענטשן, ווער ער זאָל נישט זיין.

„רעליגיע" מיינט בינדן און אויך רעספּעקטירן. און בלויז דער, וואָס בינדט נישט זיין מיטמענטשן, נאָר פאַרבינדט זיך מיט אים און רעספּעקטירט אים, איז באמת רעליגיעז.

„גאָט וויל און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל טאָן וואָס ער הייסט". ווער זאָגט עס? דער מענטש וואָס וויל, פאַרלאַנגט און הייסט, אַז מענטשן זאָלן אים נאָכטאָן!

און נישט קיין חידוש. אין זיין קינדהייט האָט מען אים אָנגעשטעקט מיט די מיקראָבן פון רעליגיע, נו, טענהט ער איצטער: „כל עצמותי תאמרנה"!

יאָ, מיט פּאָמפּע און צערעמאָניע פּאָמפּען זיי אַריין אין האַרץ און אין מוח פונעם קינד, ווען ער איז נאָך אַ תם, דעם זיס-ביטערן טעם פון רעליגיע און אירע צערעמאָניעס, און נאָכדעם טענהט ער, און נאָכדעם טענהן זיי: דער מענטש נויטיקט זיך אין רעליגיע, קאָן אָן דעם נישט אויסקומען! אָן רעליגיע איז ער אוים מענטש!

אָבער אויך דער אָפּיום-רויכערער טענהט, אַז זאָל מען נאָר צונעמען פון אים דעם אָפּיום, אַזוי ווערט ער אוים מענטש!

אמת, ס'איז צו גלייבן, אַז פאַרן אמתן גלייביקן איז רעליגיע נישט קיין סם-המות, נאָר אַ סם חיים, אָבער וויפל אמת-גלייביקע זיינען פאַראַן אויף דער וועלט? ! וויפל מענטשן

גלייבן אויף אַן אמת אין די אמתן אין וועלכע זיי מיינען, אַז זיי גלייבן ? !

דער כלומרשטער מאמין גלייבט באמונה שלמה, אַז די וועלט איז בלויז אַ פּאָרהויז, אַ קאָרידאָר, דער אמתער פּאַלאַץ איז יענע וועלט; אַז די וועלט איז דער עולם השקר און יענע וועלט — דער עולם האמת. איז ווען אַ נאָענטער שטאַרבט ביי אים, דאַרף ער דאָך פרייען זיך, אָבער וואָס זעען מיר ? ער וויינט און קלאָגט. זיין וויינען און קלאָגן באַווייזט, אַז אין דער אמתן גלייבט ער נישט אין וואָס ער מיינט, אַז ער גלייבט !

אָדער ווען צו דעם כלומרשטן מאמין טרעפט עפּעס, וואָס ער קאָן נישט פאַרטראָגן, זאָגט ער נישט: דאָס איז דאָך גאָט׳ס ווילן, דאַרף איך עס מקבל באהבה זיין ! נאָר ער הייבט אָן מתפלל זיין צו גאָט עס זאָל ווערן בעסער.

אָנשטאָט ער זאָל מבטל זיין זיין ווילן פאַר גאָט׳ס ווילן, וויל ער, אַז גאָט זאָל מבטל זיין זיין ווילן פאַר זיין ווילן !

ס׳איז ווי ער וואָלט געזאָגט :

—גאָט, דו אַלצווייסער, וואָס ווייסטו וואָס פאַר מיר איז גוט ? !

גאָט, וואָס דו פירסט די וועלט מיט שכל, וואָס פאַר אַ שכל איז דאָס צו מאַכן מיך ליידן ? !

האַנדל נישט לויט דיין שכל, נאָר לויט מיינעם.

טו נישט לויט דיין שכל וואָס איז אַ טאָן נאָר לויט מיין שכל וואָס איז אַ לויט !

ווען איז רעליגיע אַ סם-חיים פאַרן מענטשן ? ווען זי מאַכט דעם מענטשן געטלעך. אָבער ביז איצט זעען מיר בלויז, אַז דער מענטש מאַכט זיין גאָט מענטשלעך.

אַזוי פון זינט מענטש איז געוואָרן מענטש און אָנגעהייבן אויסטראַכטן געטער און טראַכטן וועגן זיי.

אַמאָל,זייענדיק אָן כוח, הילפסלאָז בנוגע דער נאַטור, האָט

ער פֿאַרגעטערט — און געדינט צו — די נאַטור־כּוחות — און עס אָנגערופֿן „רעליגיע״; ער האָט געדינט צו האָלץ און צו שטיין, די ווערק פֿון זיינע אייגענע הענט — און ביי אים איז דאָס געווען „רעליגיע״; ער האָט געלאָזט פֿאַרברענען — צי אויף אַנדערע וועגן אומברענגען — זיינע אייגענע קינדער, כּדי צו פֿאַרשאַפֿן זיינע געטער אַ נחת־רוח, — געהרגעט קינדער, געפּראַוועט זנות־וואַקכאַנאַליעס — און דאָס איז ביי אים גע־ווען „רעליגיע״!

און וואָס איז איצט? ער קוקט אַרויף צו די הימלען מיט די געטער — די „ווערק״ פֿון זיין קינדישער פֿאַנטאַזיע — און פֿאַרזעט די ערד מיט די מענטשן וואָס אויף איר.

פֿאַרזעט? — פֿאַרזייט די ערד מיט מענטשן!

צוזאַמען מיט זיינע תּפֿילות שיקט ער אויך מענטשן צו די הימלען!

ער פֿאַרגעטערט אַ טויטן מענטשן — און הרגעט אין זיין נאָמען, אומברחמנותדיק, לעבעדיקע מענטשן — און ביי אים הייסט דאָס, אַז ער קעמפֿט עס פֿאַר זיין רעליגיע פֿון ליבע און פֿון רחמים.

און ווען איר פֿרעגט אים: סטייטש? וועט ער אייך ענט־פֿערן: — אויסגעלייזט האָט מיך גאָט פֿון מיינע זינד און דער־פֿאַר דין איך אים אונטערטעניק!

ווי מיר וואָלט זיך עס געוואָלט אויסשרייען צו אים און צו זיינע גלייכנס: אַך, ווען וועט איר זיך שוין פֿון אייער גאָט אויסלייזן און אָנהייבן דינען זיך, איינער דעם אַנדערן, אין פֿרייהייט.

און צו די אַלע אינטעליגענטן און אינטעלעקטואַלן וואָס טענהן, אַז זיי האָבן זיך שוין באַפֿרייט פֿון זייערע געטער — און שטאָלצירן מיט דעם, ווילט זיך אויסשרייען:

— באַפֿרייט האָט איר זיך פֿון אייערע געטער און איצט

זייט איר פריי — און גרייסט זיך מיט דעם, איך אָבער זאָג:
אויער־געבויערטע קנעכט זייט איר!

באַפרייט האָט איר זיך פון אייערע געטער, איז פריידט זיך מיין נשמה, אָבער ווען וועט איר זיך שוין אויך באַפרייען פון אייער בענקשאַפט צו זיי?!

ווי געפאַנגענע מיט קייטן אויף די פיס, אַזוי זיינט איר געשמידט אין קייטן פון בענקשאַפט צו די געטער אייערע און איר קאָנט זיך נישט באַוועגן פריי! און איר זענט נישט פריי צו גיין אין אייערע אייגענע וועגן!

מיט די אייגענע הענט האָט איר אייערע געטער געטייט און זיי מקבר געווען — און געפריידט האָב איר זיך מיט אייך, אָבער וואָס זע איך? אין די פינצטערע נעכט פאַרגנבעט איר זיך צו די קברים זייערע און לייגט דאָרטן בלומען אַוועק, און זענט מתפלל צו זיי!

און אַ תלמיד האָט זיך אָפּגערופן:

— אָבער רעליגיע באַקעמפט דאָך ש ק ר און פריידיקט שלום און אחדות!

און קעצקאָ האָט געענטפערט:

— אָבער רעליגיע גופא איז דאָך ש ק ר!

„ווען גנבים צעקריגן זיך, זוכט זיך אָפּ די גנבה". —

באַקענט זיך מיט דעם וואָס איין רעליגיע זאָגט וועגן דער צווייטער — און איר וועט זיך דערוויסן דעם אמת וועגן ביידע!

יעדע רעליגיע טענהט: „מיין גאָט איז דער אמתער גאָט, י ע נ ע מ ס גאָט איז אַ געטש!

יאָ, רעליגיע — יעדע רעליגיע! — איז שקר.

יעדע רעליגיע טענהט, אַז זי איז בלויזער אמת אָן שום בלויזן; אַז נאָר זי איז דער גאַנצער פולער אמת. אָבער דער אמת איז דאָך, אַז קיין גאַנצער אמת איז גאָרנישט בנמצא, ווייל ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און אַרונטערגעשליידערט

דעם אמת צו דער ערד, איז ער, דער אמת, צעשמעטערט און צעשפּליטערט געוואָרן אויף שטיק-שטיקלעך !...

און וואָס שייך דעם, אַז רעליגיע פּריידיקט שלום און אחדות, ווייסט איר דאָך וואָס אין פּרק שטייט : „לא המדרש עיקר אלא המעשה".

רעליגיע — אַנשטאָט זי זאָל זיין אַ מרבה שלום בעולם, איז זי אַ מרבה שנאה און מלחמה ;

אַנשטאָט צו פאַרבינדן די מענטשן אין אחדות, האָט זי זיי צעשפּליטערט !

דאָס איז דער מאַנטל פון אַ שעפּעלע, וואָס די וועלף — די הערשער, די סאַדיסטן, די טאָרקוועמאַדעס פון דער וועלט — טוען אָן אויף זיך.

אָך, וויפל טייוולאָנישקייטן זיינען עס אָפּגעטאָן געוואָרן — און ווערן אָפּגעטאָן — אין נאָמען פון גאָט און רעליגיע !

און אַ צווייטער תלמיד האָט זיך אָפּגערופן און געפרעגט :

— זאָל עס מיינען, קעצקאָ, אַז דו ביסט אויך געגן דער יידישער רעליגיע ?

און קעצקאָ האָט געענטפערט און געזאָגט :

— ווען יידישקייט וואָלט געווען אַ רעליגיע, וואָלט איך אויך געגן איר געווען ג ע ג ן, אָבער יידישקייט איז נישט קיין רעליגיע, נאָר תורת-חיים — די לערע פון לעבן, דער וועג צום לעבן, דאָס לעבן גופא ! און אויב נישט ווי עס איז, איז ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין !

אָך, תלמידים מיינע, ווען גאָט וואָלט געפירט די וועלט לויט דעם יידישן וועלט-באַנעם, וואָלט קיין לויט אומגליק אויף דער וועלט נישט געווען,—על-כל-פנים וואָלטן אויף דער וועלט אַזוי פיל צרות נישט געווען, — און מענטשן וואָלטן אַזוי להוט נישט געווען און לוט'עווען נישט געדאַרפט !

וועגן יידישקייט

... און אַ תּלמיד האָט זיך אָפּגערופן:

—קעצקאַ, זאָג דעם אמת. דאָס וואָס דו האָסט יידישקייט אַרויסגענומען פונעם גדר פון רעליגיע — איז עס מחמת דעם, וואָס דו ווילסט אויסנעמען ביי רעליגיעזע יידן, אָדער ווייל דו האָסט מורא, אַז דער יידישער עולם זאָל דיך נישט פאַרשטיי- נען, אָדער צוליב דעם וואָס דו האָלטסט טאַקע פון יידישקייט אַן עולם ומלואו?

און קעצקאַ האָט געענטפערט און געזאָגט:

— דער פאַרשטייענדיקער, וואָס האָט דערגרייכט די מדרגה פון אַ ו ים נעמען, האָלט נישט פון אויסנעמען. באַדיי ווערן פאַרשטיינט, וועט ער אַלץ באַשטיין אויף זיינע מיי- נונגען. איך האַלט פון אמתער יידישקייט, ווייל זי האָלט פון אמת!

און אַ צווייטער תּלמיד האָט זיך אָפּגערופן:

— אויב אַזוי, לאָמיר טאַקע הערן און פאַרנעמען ווי אַזוי דו באַנעמסט יידישקייט.

און קעצקאַ האָט געענטפערט:

—יידישקייט איז נישט אַ צירונג, נישט אַ יום-טובדיקער בגד, נישט אַ טאָגע, וואָס מ׳טוט אָן בלויז אין אַ פייערטאָג אָדער ביי אַ געוויסער געלעגנהייט, נאָר דאָס איז אַ העמד אויפן לייב וואָס מ׳טראָגט יעדן טאָג. אַ העמד אויפן לייב? דאָס לייב גופא!

יידישקייט איז נישט מיטאָלאָגיע, נישט טעאָלאָגיע און נישט אַבסטראַקציע,נאָר אַקציע, נאָר אַ ציוויליזאַציע וואָס איז די קאָנקרעטיזאַציע פון עטיק.

יידישקייט איז פאַר לערנען, פאַר פאָרשן, פאַר וויסן, אָבער האָלט אין דער זעלביקער צייט, אַז מדרש אָן מעשה איז נישט עיקר, נאָר עקר.

יידישקייט זאָגט „נעשה ונשמע". פריער נ ע ש ה, נאָכדעם נ ש מ ע!

יידישקייט גלייבט באמונה שלמה, אַז נישט סתם גלייבן, וואָס איז צו גאָרנישט ניט מחייב, איז דער עיקר, נאָר מ ע ש י ם.

ווען עס קומט די צייט, ווען דער מענטש דאַרף אָפּגעבן דין־וחשבון, איז די ערשטע פראַגע וואָס מ׳פרעגט אים — נישט „צי האָסטו געגלייבט באמונה שלמה?" נאָר „נשאת ונתת באמונה?" — צי האָסטו געהאַנדלט באמונה, ערלעך?

יידישקייט באַטראַכט ווי אַ הייליקן נישט דעם וואָס אַנטלויפט פון לעבן מיט זיינע אויפגאַבן, נאָר דעם וואָס מאַכט פאַר זיין אויפגאַבע אין לעבן צו לעבן הייליק, ס׳הייסט: מענטשלעך.

יידישקייט — „לא בשמים היא". זי לערנט נישט, אַז פאַרן מענטשן איז הימל דער עיקר און אַז זיין דערלייזונג ליגט, דעריבער, אין אָפּזונדערן זיך פונעם כלל, אַנטלויפן פון דער וועלט אין דער קעניגרייך פון הימל אַריין, נאָר — אל תפרוש מן הצבור!

די גאַנצע תורה האָט צו טאָן מיט דעם ווי צו לעבן אויף דער ע ר ד, ווי צו לעבן אויף ד ע ר וועלט.

יידישקייט לערנט נישט צו דעזערטירן פון וועלט און פון לעבן, נאָר לערנט ווי צו עפּענען צו זיי ט י ר ן.

יידישקייט פאַרשליסט ניט דעם מענטשן אין אַ שטייג פון אינפאַנטיליסטישן פאַטאַליזם, נאָר דאָס איז אַ לעבנס־שטייגער וואָס העלפט דעם מענטשן צו זיין אַ לעבנס־שטאַיגער.

יידישקייט זאָגט: דו טאָרסט נישט אַנטלויפן פון דער וועלט, נאָר ס׳איז דיין חוב „לתקן עולם" — צו פאַרריכטן די וועלט, צו אויסבעסערן זי.

יידישקייט איז פרעמד דער פּערזאָנען־קולט. דאָס פאַרגעטערן אַ בשר־ודם.

מי לנו גדול ממשה? און דאָך „ולא ידע איש את קבורתו"!
נישט מען יום-טובט זיין געבורט און נישט מען פייערט זיין טויט.

און דאָס איז ווייל ביי יידישקייט איז דער עיקר די לערע און נישט די פּערזאָן.

יידישקייט—דאָס איז אייביקער קאַמף געגן עבודה-זרה, געגן פאַרגעטערן נאַטור-כוחות, געגנשטאַנדן און לעבעדיקע ברואים. אַפילו מענטשן — מעגן זיי האָבן די גרעסטע כוחות — פיזישע צי גייסטיקע — און מעגן זיי זיין פון די העכסטע שטאַנדן און די לעבעדיקסטע בריות.

תלמידים מיינע, ווי גרויס אַ מענטש זאָל נישט זיין, איז ער נישט מער ווי אַ מענטש און איז אַלץ אַ תלמיד.

און יעדער איינער קאָן זיין גרויס. אויב נישט אין שכל, איז אין מידות. אַ חכם-לב.

יידישקייט — דאָס איז פרייהייט, גלייכהייט און ברידער-לעכקייט.

פרייהייט. ווילסטו בלייבן אַן עבד? איז נישט נ ר צ ה, נאָר נ ר צ ע!

ווען די גאַנצע וועלט איז נאָך געווען פול מיט חושך-מצרים—מיט עבודות, מיט געצנדינעריי (אויך אַ פאָרם—נישט פון עבודה, נאָר פון עבודות) — איז שוין די תורה געווען פול מיט „זכר ליציאת מצרים".

דו טאָרסט נישט זיין פאַרקנעכטיקט צו כוכבים ומזלות, צו נאַטור-כוחות. נישט דו דאַרפסט זיי דינען, נאָר דו דאַרפסט זען, אַז זיי זאָלן דיר דינען. דאָס איז דער סוד און יסוד און זינען פון יידישקייטס קאַמף געגן עבודה-זרה.

גלייכהייט. „משפט אחד לכם ולגר". יידישקייט איז אין כעס ווען מען צעטיילט די מענטשן אויף קאַסטעס: יידישקייט פאַרדריסט ווען גרופּעס האַלטן זיך פאַרריסן.

דער מעכטיקסטער הערשער און אַן אוממעכטיקער באַ-

דינער, דער גרעסטער גאון און אַ וויסטער „גוי", דער רייכס־טער און דער אָרעמסטער — אַלע גלייך צו אַ מנין, צו אַ מזומן — פֿאַר גאָט און פֿאַרן געזעץ בכלל.

ברידערלעכקייט. „בצלם א' עשה את האדם".

„בנים אתם לד' א'".

און דאָס איז דער זינען פֿון אַחדות־הבורא.

איין באַשעפֿער פֿון אַלץ—איז אַלדאָס באַשאַפֿענע פֿונעם זעלביקן יחוס; איין באַשעפֿער פֿון אַלעמען — זיינען דאָך אַלע ברידער.

יידישקייט — דאָס איז דער אייביקער שונא פֿון המניזם און דער שטענדיקער קעמפֿער פֿאַר הומאַניזם.

יידישקייט האַלט פֿון ליבע און פֿון אַחדות. זי פּראָוועט אָבער נישט קיין ליבעס און מאַכט נישט יד־אחת מיט פֿאַר־ברעכערישע מאַכטהאָבערס, נאָר זוכט זיי צו צעברעכן.

יידישקייט — דאָס איז פּערמאַנענטע רעוואָלוציע, וואָס זוכט איבערצומאַכן די מענטשלעכע וועלט און דעם מענטשן.

אברהם אָבינו — דער ערשטער ייד — איז געווען דער ערשטער צו רעוואָלטירן געגן די גלייבונגען און די פֿירונגען פֿון דער וועלט אין וועלכער ער האָט געלעבט.

אָנשטאָט זיך צוצופּאַסן צו איר און טאָן „וואָס אַלע גוטע און פֿרומע לייט טוען", האָט ער זי געזוכט צו צעפּאַסעווען.

די הייליקע געטער פֿון זיין אייגענעם טאַטן האָט ער נישט פֿאַרגעטערט, נאָר צעשמעטערט ווי קינדישע געט־שעס.

משה רבנו, אליהו הנביא און די אַנדערע אמתע נביאים — זיי האָבן קיין מורא נישט געהאַט צו זיין אומלאָיאַל צו די הערשערס און די פֿירערס פֿון זייער וועלט און צייט; געש־טעמפּלט צו ווערן ווי רעוואָלוציאָנערן און פֿאַררעטער האָט זיי נישט אָפּגעשראָקן און אָנשטאָט צו באַהאַלטן זיך אין טראַנשייען פֿון שוייגן און פֿאַרשווייגן און פֿאַרראָטן זייער

מענטשלעכקייט, האָבן זיי געאַרבעט מעשים געגן די אומ־
מענטשן פון זייער צייט און זייערע מעשים תעתועים!

יידישקייט איז נישט אַ גריבלען זיך אין, נישט אַ מעטאַ־
פיזיק פון מה למעלה און מה למטה, מה לפנים און מה לאחור,
נאָר אַ פּראַגמאַטישע פילאָזאָפיע, וואָס צילט צו פירן דעם
מענטשן פון מטה צו מעלה, מאחור לפנים.

יידישקייט איז נישט אַ וואַקסן ליכט פאַר אַן איקאָנע,
נאָר אַ ליכט וואָס באַלייכט דעם וועג צו דערוואַקסנקייט און
מאַכט לייכטער צו קאָנען עם דערגרייכן.

„אתה בחרתנו״? דער יידישער „אתה בחרתנו״ מיינט
נישט: דערפאַר דאַרפן מיר האָבן ספּעציעלע רעכטן און מיר
זיינען באַרעכטיקט צו געוועלטיקן איבער יענעם, נאָר דאָס
מיינט: דערפאַר דאַרפן מיר זיך אויפפירן רעכט און רעכט־
פאַרטיק און דאַרפן געוועלטיקן איבער זיך.

וועגן גאָט

איינמאָל האָבן די תלמידים געטראָפן קעצקאָן פאַרטיפט
אין שרייבן. איז דאָס זיי געווען אַ גרויסער חידוש. און איינער
פון זיי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און געפרעגט:

וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט, קעצקאָ, וואָס דו האַלטסט אַ
פען אין האַנט? וואָס איז מיט דיר געשען?!

און קעצקאָ האָט געענטפערט:

— האָב נאָר־וואָס עלית־נשמה געהאַט און אַ פּאָר בלעט־
לעך פון גאָט׳ס טאָג־בוך האָב איך איבערגעלייענט, איז כדי איך
זאָל דאָס געלייענטע נישט פאַרגעסן, וויל איך עס פאַרשרייבן.
אָבער גוט וואָס איר זענט דאָ, וועל איך עס אייך איבערגעבן
בעל־פה:

„ויאמר״... „וידבר״...

איך בין דער האַר פון וואָרט. מיט מיין וואָרט האָב איך

וועלטן באַשאַפן. אָבער ווען ס'איז געקומען צו דער באַשאַפונג פונעם מענטשן, איז מיין וואָרט געוואָרן הילפלאָז.

אַרבעטן האָב איך געמוזט איבער דעם מענטשן, ווי דער טעפער איבער ליים. אַפילו מיין וואָרט איז געווען אָן האַפט, ווען ס'איז געקומען צום מענטשן!

נישט וואָרט, נאָר טאַט האָט דעם מענטשן געמאַכט, און נישט וואָרט, נאָר טאַט קאָן אים איבערמאַכן.

*

„די וועלט איז אַ יאַמערטאָל" — קלאָגט איר. און איר האָט טענות צו מיר למאי איך האָב אָט־די וועלט אינגאַנצן באַשאַפן. איז זייט וויסן: נישט צוליב מיין גוטסקייט, חכמה און אַלמעכטיקייט האָב איך די וועלט באַשאַפן, נאָר צוליב מיין אומדערטרעגלעכער איינזאַמקייט און נאַגנדיקער לאַנג־ווייל.

געזוכט האָב איך אַ מקום־מקלט פון זיך אַליין און פון דעם — די וועלט.

אייביקייטן בין איך געווען פאַרזונקען און זיך אַליין און אַ דריקענדיקע איינזאַמקייט האָט מיך געפייניקט. און נישט קאָנענדיק מער אַריבערטראָגן אָט־די שרעקלעכע איינזאַמקייט, האָב איך זיך געוואָלט אָנטאָן אַ מעשה. אָבער איך האָב נישט דאָס גליק פונעם מענטשן. דאָס איז די איינציקע עובדא וואָס איך, דער כל־יכול, קאָן נישט טאָן.

איז אויב נישט אָנטאָן זיך אַ מעשה, האָב איך זיך געוואָלט אַריינטאָן אין דער וועלט פון מעשים. האָב איך די וועלט באַשאַפן. און אין דער וועלט פון מעשים אָנגעהייבן לעבן.

און די וועלט איז מיין ירידה געוואָרן.

די באַשאַפונג פון דער וועלט איז מיין ערשטע און גרעס־טע זינד געווען: האָב מיין אייגענע נאַטור פאַרלייקנט.

איידער איך האָב באַשאַפן די וועלט, בין איך אַן אינטראָ־ווערט געוועזן. בין איך געוועזן אַן אינטואיטיווער דענקער, וואָס איז איינגעשלאָסן אין זיך אַליין, און איצטער — — —

איך בין זינדיק. און איר מעגט מיך נאָך מער באַליידיקן. נישט נאָר „קנא ונוקם" און „איש מלחמה" מעגט איר מיך אָנרופן, נאָר אויך פ אַ ר ר ע ט ע ר, ווייל מיט דער באַשאַ־פונג פון דער וועלט האָב איך זיך אַליין פאַרראַטן.

האָב געוואָלט אַוועקקוקן פון זיך, און איצטער קאָן איך זיך אַליין נישט אָנקוקן.

*

„אשר בחר בנו". פאַרוואָס האָב איך אויסגעקליבן דעם ייד פאַר מיין פאָלק?

נישט אַן אל רחום וחנון בין איך, ווי איר וואָלט געוואָלט, אַז איך זאָל זיין, נאָר אַן אכזר, אַ סאַדיסט.

מיר איז געוועזן שלעכט און כ'האָב געליטן, איז האָב איך שלעכטס און ליידן פאַרקערפּערט און אינקאָרפּאָרירט אין וועלט און לעבן — מיין אָפּשפּיגלונג.

קוקט אין די ימען, אויף דער ערד, אין דער לופטן — אָר־מעטום אַכזריות, פּייניקונג, רציחה, גלידער־צעפּליקונג, פאַר־צוקונג.

א י ך בין אַ ס אַ ד י ס ט און דער ייד איז אַ מ אַ ז אָ־כ י ס ט, ער נעמט אויף זיך אַליין יסורים, איז יסורים מקבל באהבה, און דערפאַר האָב איך אים גענומען פאַר מיין פאָלק!

*

אָך מענטשן, מענטשן, איר האָט מיך באַזעצט אין זיבעטן הימל, כדי איך זאָל זיין וואָס ווייטער פון אייערע הערצער!

*

ווען ס'קומט צום טויט, וואָס טאָג־טעגלעך זעט איר אים

ווי אַ פאַקט, פאַרלייקנט איר אים: נישטאָ קיין טויט! אָבער ווען ס'קומט צו מיר, ווענגן וועמען אָדער ווענגן וואָס איר האָט קיין שום השגה נישט, נעמט איר מיך אָן ווי עפּעס וואָס איז אבסאָלוט זיכער!

*

איך בין פולקאָמען — זאָגט איר. איך וויל, אַז איר זאָלט זיין גוט און פרום און זאָלט דינען צו מיר — גלייבט איר באמונה שלמה.

אָבער אויב האָב איך אַ ווילן, בין איך דאָך נישט פולקאָמען, וויל וו ע ל ן מיינט: נישט האָבן. אָדער מורא האָבן פאַר נישט האָבן. און אויב איך האָב נישט קיין ווילן, פעלט דאָך מיר עפּעס, עפּעס אַזוינס וואָס אַ ליאַדע מענטש האָט.

און מיט אייער תפילה־טאָן צו מיר גיט איר אַליין צו, אַז איך בין נישט פולקאָמען.

וואָס דען זענט איר אויסן מיט אייערע געבעטן, אויב נישט, אַז איך זאָל ענדערן מיין דעה? אָבער דאָרט וואו ס'איז דאָ פולקאָמענהייט, איז קיין ענדערונג נישטאָ. קאָן נישט זיין!

יאָ, אייער מתפלל זיין צו מיר איז דאָס זעלבע ווי איר וואָלט געטענהט: „גאָט וואָס ווייסטו וואָס איז גוט פאַר אונדז? מ י ר ווייסן בעסער פון דיר, איז טו בעסער וואָס מ י ר ווילן! מ י ר זיינען דאָך געדעכט איז טו א ו נ ד ז ע ר ווילן!

אומפולקאָמען בין איך, און דערפון די אומפאַלקאָמענהייט פון מיינע שאַפונגען.

*

אין מיין גוטסקייט באַניי איך די וועלט יעדן טאָג, — אַזוי האָלט איר אין איין איבערחזרן. איך זאָג אייך אָבער: נישט מחמת גוטסקייט באַניי איך די וועלט, נאָר צוליב מיין אומ־פולקאָמענהייט.

איך בין ווי דער פּאָעט אייערער, וואָס האַלט אין איין אויסבעסערן און איבערשרייבן זיין ליד.

ווען זיין ליד וואָלט צום ערשטן מאָל אַרויסגעקומען פּול־קאָם, וואָלט ער עס נישט געדאַרפט „באַנייען" אַלע מאָל.

*

איך דער אַלוויסנדיקער בין דער פּראָדוקט פון אייער אומוויסנקייט — און ווי, איר ווייסט נישט פון דעם!

איך דער אַלמעכטיקער בין דאָס באַשאַף פון אייער אום־מעכטיקייט —און ווי, איר זייט אוממעכטיק דאָס צו פאַר־שטיין!

איך דער אייביקער בין דער אָפּשטאָם פון אייער פאַר־גענגלעכקייט — און ווי, איר קאָנט עס נישט דערגיין!

איך בין אַלוויסנדיק — און ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט זיך.

איך בין אַלמעכטיק — און קאָן זיך נישט באַפרייען פון מיין מאַכט.

איך בין אייביק — און דאָס איז מיין אייביקע קללה.

וועגן געבונדנקייט, אויס- און איינגעהאַלטנקייט

און קעצקאָ האָט געזאָגט:

— כל־זמן איך בין איך און בין צוגעבונדן צום לעבן, בין איך פאַר געבונדנקייט.

דער בוים איז צוגעבונדן צו דער ערד, דערפאַר ווערן זיינע וואָרצלען גענערט פון איר און ער דאַרף נישט אַרום־גיין צו זוכן חיונה.

די פאָס איז אַרומגעבונדן מיט רייפן, דערפאַר האַלט זי זיך גאַנץ און קאָן אָנגעפילט ווערן.

דאָס קינד אין דער מוטערס טראַכט איז צוגעבונדן צו דער מוטער — און עס ווייסט נישט פון קיין דאגות.

איך האַלט אָבער נישט פון אויסגעהאַלטנקייט.

ווען דער זייגער וואָלט שטענדיק אויסגעהאַלטן געווען און תמיד געוויזן די זעלביקע צייט, וואָלטן מיר קיינמאָל די דיכטיקע צייט נישט געוואוסט.

ווען דער וועטער וואָלט שטענדיק אויסגעהאַלטן געווען, יוואָלט דאָס לעבן געווען אומדערטרעגלעך.

ווען אונדזערע אויגנדעקלעך וואָלטן תמיד אויסגעהאַלטן געווען, שטענדיק אָפן אָדער פאַרמאַכט, וואָלטן מיר נישט גע־קאָנט אויסהאַלטן.

בלויז טויטע און אידיאָטן זיינען שטענדיק אויסגעהאַלטן, אָבער נישט קיין לעבעדיקע, וואַקסנדיקע און דענקענדיקע מענטשן.

אין זיין פריסטער קינדהייט קריכט דער מענטש אויף אַלע פיר, ווערט ער אָבער עלטער, הייבט ער אָן אַרומצוגיין אויף צוויי.

נישט אויסגעהאַלטן? דאָס איז אָבער וואַקסן, לעבן!

„דאָס איז נוצלעך, דאָס איז שיין" זאָגט איר, און באַרימט זיך און גרייסט זיך, וואָס אין דעם זענט איר תמיד אויסגע־האַלטן. אָבער איז דאָס אמת פאַר אַלעמען?

פאַר דער שפין איז דאָס שפינוועבס נוצלעך, פאַר אַ סי־מעטריע־ליבנדיק מענטשנאויג — שיין, פאַר דער פליג איז עס אָבער אַ נעץ פון טויט!

און געפינט מיר כאָטש איין מענטשן, וואָס איז אויסגע־האַלטן אַ גאַנצן מעת־לעת!

ביינאַכט איז ער אַן אינטראָווערט: אויסגעטאָן פון דער וועלט און פאַרזונקען אין חלומות, אָבער בייטאָג ווערט ער אַן עקסטראָווערט: אַ מענטש פון מעשים.

איידער ער זעצט זיך עסן, איז ער אַ מאַטעריאַליסט, עסט ער אָבער אָפּ, אַזוי ווערט ער אידעאַליסטיש געשטימט...

זיין, נישט צו זיין אויסגעהאַלטן לערן איך אייך, נאָר צו זיין איינגעהאַלטן.

ווען איר זיין אויסגעהאַלטן, וועט דאָס לעבן זיך נישט איינהאַלטן אין אייך, אָבער וועט איר זיין איינגעהאַלטן, וועט איר אויסהאַלטן דעם לעבן.

זייט תמיד אויסגעהאַלטן — און קיינער וועט פון אייך נישט קאָנען אויסהאַלטן, אָבער זייט איינגעהאַלטן — און אַלע וועלן האַלטן פון אייך.

און וואָס מיין איך מיט איינגעהאַלטנקייט? נישט נאָר צו איינהאַלטן זיך, אָפּהאַלטן זיך פון אורטיילן, פון פאָרמירן אַ מיינונג, פון אָננעמען אַ געדאַנק, אַ לערע אַאז"וו איידער מען עקזאַמינירט עס אין ליכט פון שכל און פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט, — וואָס דאָס איז אַ זעלבסט-פאַרשטענדלעכ-קייט, ווייל דער איינציקער וועג צום וואַרשיינלעכן אמת, — נאָר אויך צו זיין איינגעהאַלטן מיט דער אויסגעהאַלטנקייט.

זייט איינגעהאַלטן, אָבער באַוואוסטזיניק, אויסגערעכנ-טערהייט, און נישט מחמת שעמעוודיקייט.

איר זאָלט זיך קיינמאָל נישט שעמען!

ווייל דער, וואָס האַלט זיך שטענדיק אין שעמען, וועט קיינמאָל נישט שמ'ען.

און כדי צו קריגן אַ נאָמען, דאַרף מען קאָנען צו אַלצדינג זאָגן אָמן...

וועגן גליק און אומגליק

— ווי אַזוי זאָלן מיר לעבן און וואָס זאָלן מיר טאָן, כדי צו זיין גליקלעך? — האָבן עטלעכע פון די תלמידים געפרעגט קעצקאָן.

און קעצקאַ האָט געענטפערט:

— די יוגנט טראַכט פון דער צוקונפט, ווייל דאָס לעבן שטייט איר פאָראויס; די עלטער טראַכט פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל דאָס לעבן שטייט הינטער איר. —

ביידע טראַכטן וועגן לעבן.

צי זייט איר יונג, צי זייט איר אַלט — טראַכט וועגן לעבן, אָבער נישט וועגן גליק.

אָבער ניין, דאָס לעבן איז אייך נישט געגעבן געוואָרן כּדי צו טראַכטן וועגן אים.

אָט־דאָס וויל איך אייך זאָגן:

לעבט און טוט און טראַכט נישט וועגן גליק.

אויב איר וועט לעבן מיטן געדאַנק פון גליק, וועט איר קיינמאָל נישט גליקלעך זיין אין אייער לעבן!

דאָס גרעסטע אומגליק איז גליק, זאָג איך אייך: מען פטרט אַוועק ס׳ביסל יאָרן זיך יאָגנדיק נאָך דעם!

און ווייסן זאָלט איר:

מיט גליק איז דאָס זעלבע ווי מיט דער מצווה פון שכחה.

און איר ווייסט דאָך:

די דאָזיקע מצווה קאָן מען נישט טאָן בכוונה.

ווער בענקט נאָך גליק? דער, וואָס האָט עס נישט!

איר קאָנט נישט פאַרטראָגן די קלעפּ פונעם לעבן, דערפאַר קלעפּט איר זיך צום געדאַנק פון גליק.

אָבער איך זאָג אייך:

ניט שטענדיק זיינען קלעפּ שלעכט.

ס׳איז גוט, אַז אַ טעפּיך, וואָס ליגט צו־לאַנג אויף איין אָרט אַ רואיקער און זעלבסט־צופרידענער, ווערט אַמאָל גוט אויסגעקלאַפּט. ריינער ווערט ער דאַן.

קריזיס? קרי: זיס!

אַ,איר גליקלאַזע! איך זע אַן אייערע צורות, אַז איר קאַנט נישט פאַרטראָגן די צרות פונעם לעבן.

אָבער דער איינציקער פּלאַץ, וואו קיינער קריגט נישט די פּלאַץ, דאָס איינציק אָרט, וואָס איז פריי פון צרות, איז בלויז דער בית-הקברות!

— מיינט עס, אַז דאָס לעבן איז איין גרויסע צרה?

— תלמידים מיינע, איז אויף דער ערד טאָג אָדער נאַכט — די זון שיינט שטענדיק!

טראַכט נישט און רעדט נישט וועגן גליק — באַקלאָגט זיך נישט.

ווייל מיט באַקלאָגן זיך קלאָגט מען זיך אָן!

קלעטערט איר מיט קראַנקע פיס אויף אַ באַרג, זאָלט איר נישט באַשולדיקן דעם באַרג וואָס די פיס טוען אייך וויי.

— די פיס פון אייער גייסט זיינען קראַנק און איר ליידט.

איז פאַרגעסט נישט און אידענטיפיצירט זיך מיט אַלע ליידנדיקע — און איר וועט אָן אייערע אייגענע ליידן פאַרגעסן.

און אויב עס וועט אייך אוממעגלעך זיין צו פאַרגעסן זיי, האָב איך אַ טרייסט פאַר אייך:

אויב איינער פילט, אַז די וועלט איז אים ע נ ג, איז עס אַמאָל אַ סימן, אַז זיין נשמה איז ב ר יי ט.

אַ רויער, גרינער עפּל הויך זיצט אויפן בוים; אַ זאַפטיקער, אַ רייפער, וואַלגערט זיך אויף דער ערד.

ווען די לופט וואָלט אינגאַנצן ריין געווען פון שטויב, וואָלטן אונדזערע אויגן קיין ליכט נישט געזען.

ווען זיינע וואָרצלען וואָלטן נישט געלעגן טיף אין דער ערד, אין פינצטערניש, וואָלט דער בוים קיין פרוכט נישט געקאָנט אַרויסברייגנען.

און ווען דער קערן וואָלט פריער נישט צעפוילט געוואָרן, וואָלט פון אים קיין זאַנג נישט געקאָנט אַרויסשפּראָצן.

תלמידים מיינע,נעמט זיך דאָס אַריין אין זינען — און דער געדאַנק פון גליק וועט פון אייער זינען אַרויסגיין.

וועגן לעבן גרינג

...און איינער פון די תלמידים האָט זיך אָפּגערופן:

— קעצקאָ, ס׳איז באמת געווען אַ גליק צו הערן דיך ריידן וועגן גליק און אומגליק, ס׳וואָלט אָבער פּשוט געווען אַן אומגליק פאַר אונדז, ווען דו זאָלסט זיך אָפּזאָגן און נישט ריידן מער וועגן דעם. און פּשוטער.

נו, זאָל זיין,אַז אַלץ וואָס דו האָסט געזאָגט וועגן גליק און וועגן אונדז איז אמת, און דיין טרייסט איז טאַקע באמת אָנגעלייגט ביי אונדז, אָבער — — ס׳אז שווער צו לעבן, קעצקאָ! און אויב נישט לעבן גליקלעך, איז ווי לעבט מען כאָטש ג רינ ג ע ר? זיי אונדזער רעטער און רייד קאָנקרעטער!

און קעצקאָ האָט זיך פאַרטראַכט און נאָכדעם האָט ער געענטפערט און געזאָגט:

— כ׳האָב שוין אַ סך מאָל געהערט ווי מענטשן, אַנשטאָט צו קליגן זיך ווי צו לעבן, באַקלאָגן זיך: „שווער צו לעבן!" „שווער צו פאַרטראָגן דאָס לעבן!" אָבער, תלמידים מיינע, ווען אַ מענטש באַקלאָגט זיך,אַז ס׳איז אים שווער צו פאַרטראָגן דאָס לעבן, איז עס נישט מחמת זיין לעבן איז מסתם פול מיט שוועריקייטן, נאָר ווייל ס׳איז סתם ל יי ד י ק.

און דאָס זאָלט איר וויסן:

וואָס ליידיקער דאָס לעבן, אַלץ שווערער איז עס צו פאַרטראָגן.

ווייל דאָס לעבן איז צו אַ מאָגן געגליכן: כדי צו פילן זיך גוט דאַרף עס זיין גוט א ו י ס ג ע פ י ל ט.

און אויב אייך איז אוממעגלעך עס אויסצופילן, זאָלט איר אָבער נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך און נישט אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג און זאָגן: „ס׳איז שוין אַלץ פאַרפאַלן!"

איך וויל אייך נישט מאַכן גרינגער דאָס האַרץ, אָבער איך קאָן אייך שווערן: דעם שווערסטן לעבן קאָן מען פאַרגרינגערן!

אָבער וויסן זאָלט איר:

כדי צו לעבן גרינג, דאַרף מען פריער אַרבעטן איבער זיך שווער — און אַזוי לאַנג ביז מען קומט איבער זיך און מען דערפילט בחוש, אַז מען איז נישט קיין פאַרזיכיקער איך, נאָר, אַז מען איז אַ טייל פון מענטש און וועלט.

אָבער ניין, צו וואָס אַרבעטן איבער זיך שווער, ווען גרינגקייט ליגט אייך אין זינען און פון שווערקייט זוכט איר צו אַנטרינען?!

טוט וואָס איך זאָג אייך — און אייך וועט עס אָנקומען אַ סך גרינגער:

אויב איר ווילט פילן, אַז איר זייט אַ טייל פון מענטש און וועלט, זאָלט איר זיך טיילן מיט אייער איך — און טאַקע מיט אַלע זיינע טיילן.

און אַז איר וועט זיך טיילן מיט אייער וויסן און מיט אייער לעבן, ערשט דעמאָלט וועט איר וויסן פון אַ לעבן.

יעדער איינער פון אייך מעג זיך שטענדיק זיין דער פיינסטער יחיד וואָס קאָן נאָר געבן, אָבער קיינמאָל זאָל ער זיך נישט האַלטן פאַר אַ בן־יחיד ווען מ'דאַרף שטענדיק געבן און נאָכגעבן!

און צי האַלט איר פון זיך, צי נישט — באַהאַלט זיך נישט אין זיך. ווייל וועט איר עס יאָ טאָן, וועט קיינער מיט אייך נישט וועלן האָבן צו טאָן — און איר וועט עס נישט קאָנען אויסהאַלטן.

ווען אַ שטעכלער (יאָזש) האָט מורא, קייקלט ער זיך צונויף און באַהאַלט זיך אין זיך.

אינעווייניק אין זיך מעג ער זיין ווי ווייך און מילד, אָבער

דער דרויסן זעט ביי אים בלויז שטעכיקס.

ווען אַ טשערעפּאַכע שרעקט זיך, באַהאַלט זי זיך אונטער איר פּאַנצער. דער דרויסן זעט נישט ביי איר דאָס האַרץ, נאָר בלויז האַרטס.

באמת, ווער באַהאַלט זיך אין זיך? דער, וואָס האָט מורא פאַר צרות.

אָבער, תלמידים מיינע, פאַר צרות זאָלט איר קיינמאָל קיין מורא נישט האָבן, ווייל מורא — דאָס גופא איז די גרעסטע צרה!

און טאָמער איז אויך דאָס פאַר אייך צו־שווער אויסצו־פירן, האָב איך פאַר אייך אַ גרינגערע עצה:

לעבט מיטן לעבן פון דער מאַסע — און דאָס לעבן וועט נישט זיין קיין משא אויף אייך.

און וועט איר שטענדיק גיין אויף די אויסגעטראָטענע וועגן פון לעבן, וועט איר קיינמאָל אין אייער לעבן נישט צע־טראָטן ווערן.

און אַ תלמיד האָט זיך אָפּגערופן און געפרעגט:

— קעצקאָ, מיינסטו מיט דעם צו זאָגן, אַז מיר זאָלן ווערן פּשוטע פיליסטערס?!

און קעצקאָ האָט געענטפערט:

— ניין, דאָס איז נישט אַזוי פּשוט.

דאָס האָב איך געמיינט:

די מאַסע טראָגט אויף זיך כמעט די גאַנצע משא פון לעבן; און ווען אַ משא ווערט געטראָגן פון אַ מאַסע, איז זי שוין נישט אַזוי שווער און מ׳קאָן זי פאַרטראָגן.

און אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג — אַ סך גרינגער.

און דאָס איז דאָך וואָס איר ווילט!

איר ווערט זיך געגן פיליסטעריי? אַ, תלמידים מיינע, אויב איר זייט פון די ווערנדיקע, האָט איר זיך נישט וואָס

צו ווערן געגן דעם, ווייל דער ווערנדיקער איז געגן דעם באַוואָרנט. און אויב איר זייט עס נישט, דעמאָלט איז אייער ווערן זיך בלויז גאַוווהדיקער אָנשטעל, ווייל ניט ערשט ווערן וועט איר פּיליסטערס, נאָר איר זייט עס!

אָבער ווי און וואָס איר זאָלט נישט זיין און ווי שווער עס זאָל אייך נישט אָנקומען דאָס זיין — אויב איר קאָנט נישט באַזיגן די שוועריקייטן פון לעבן, איז זעט כאָטש, אַז זיי זאָלן אייך נישט באַזיגן!

פריער וועט איר, אָבער, מוזן באַזיגן אין זיך דעם געפיל פון קנאה.

ווען איר זעט, אַז אימיצן לעבט זיך גרינג און געמיטלעך — זאָל אייך נישט ווערן שווער אויפן געמיט; ווען איר באַמערקט, אַז דאָס לעבן איז אימיצן מהנה — זייט אים נישט מקנא. —

ווייל קנאה — דאָס פאַרשוועלט און פאַרשוועכט דאָס לעבן אַממערסטן און מאַכט עס פאַר איין גרויסער קינה.

און חוץ דעם זאָלט איר שטענדיק האָבן אין זינען:

אין דער זעלביקער צייט ווען די זון פאַרגייט אין איין אָרט, גייט זי אויף אין אַ צווייטן.

וועגן פילאָזאָפיע

איינמאָל, אין אַ הייסן זומערטאָג, זיינען די תלמידים, כאַפנדיק אַ שפּאַציר, פאַרבייגעגאַנגען קעצקאָ׳ס הויז, און דערזען האָבן זיי קעצקאָן זיצן אינדרויסן אויף אַ באַנק פאַרטיפט אין אַ בוך איבער פילאָזאָפיע.

נישט ווייט פון אים — עטלעכע מענער פאַרקאַכט אין קאָרטן, ווייבער פאַרטיפט אין רכילות, און קינדער — אין שפּיל.

זיינען זיי צוגעקומען צו אים, און איינער פון זיי האָט זיך אָפּגערופן:

— קעצקאָ, ווי קומט עס וואָס דו, אַן אומרואיקער גייסט, קאָנסט ליב האָבן פילאָזאָפיע? ווי אַזוי קאָנסטו עס באַווייזן צו פאַרטיפן זיך אין פילאָזאָפיע, ווען צו דעם דאַרף מען קאָנען גוואַלדיק קאָנצענטרירן זיך און זיין לחלוטין רואיק?!

און קעצקאָ האָט געענטפערט און געזאָגט:

— וו ײ ל איך בין אַן אומרואיקער גייסט, דערפאַר האָב איך ליב פילאָזאָפיע!

אַ מענטש וואָס איז רואיק, זעלבסטצופרידן און „גע־זעצט" קאָן נישט ליב האָבן פילאָזאָפיע.

פילאָזאָפיע איז נישט קיין קיי־גומי פאַר זאַטע מענטשן, נאָר וואַסער פאַר דאָרשטיקע!

אַ מענטש וואָס ווערט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד און געפינט דאָרטן אַלדאָסנויטיקע פאַרן אויפהאַלט פון זיין עק־זיסטענץ, — און ער באַנוגנט זיך מיט דעם, — אַזאַ מענטש וועט זיצן אויף איין אָרט, אַ רואיקער, און זיך לאָזן וואוילגיין. אָבער אַ מענטש מיט אַן אומרואיקן גייסט וועט נישט קאָנען איינזיצן אויף איין אָרט. ער וועט האַלטן אין איין אַרומוואַנ־דערן איבערן וואַלד, צו באַקענען זיך מיט זיינע וועגן און שטעגן, צו וויסן אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך און ווי אַזוי זי קוקט אויס.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ וויל און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. אָבער גלייך איז ער ערנסט געוואָרן און — וויטער גערעדט:

—פילאָזאָפיע — דאָס איז די פּאָעזיע פונעם אינטעלעקט.

אָבער פילאָזאָפיע איז אויך די דעלוזאָרישע סיסטעם פון דעם פאַראַנאָאיקער.

פילאָזאָפיע — דאָס איז די בענקשאַפט פונעם האַרץ צום קוואַל.

אָבער פילאָזאָפיע איז אויך דער מקום מקלט פון דער ווירקלעכקייט.

תלמידים מיינע, אַ סך שיינע רייד האָט איר אין אייער לעבן געהערט וועגן פילאָזאָפיע. אָבער לאָזט זיך נישט פאַר־פירן פון שיינע רייד!

ווייסט איר וואָס פילאָזאָפיע איז אין דער אמתן? און ווייסט איר ווער עס איז דער אמתער פילאָזאָף?

אַז דער אָריגינעלער מיין פון פילאָזאָפיע איז ליבע צו חכמה — דאָס ווייסט איר, איז זייט טאַקע אויך וויסן, אַז דער אמתער פילאָזאָף איז דער ליבהאָבער!

וואָס איז די העכסטע חכמה? די חכמה פון לעבן!

און אין וואָס באַשטייט די חכמה פון לעבן? אין לעבן אָן חכמות.

און דאָס מיינט: הנאה צו האָבן פון לעבן!

און ווער לעבט אַזוי? דער ליבהאָבער!

וואָס איז, אין לעצטן סך־הכל, הנאה? די באַפרידיקונג פון די חושים.

ווייל די חושים — דאָס איז דער איינציקער „באַגאַזש" מיט וואָס דער מענטש קומט אויף דער וועלט.

„גייסט" — דאָס קומט ערשט שפּעטער. און דערצו גע־צוואונגענערהייט; דאָס איז דער פּראָדוקט פון קולטור און נישט פון נאַטור.

וואָס מער חושים גלייכצייטיק באַפרידיקט, אַלץ גרעסער די הנאה.

און אמתע, פולקאָמענע הנאה קאָנט איר האָבן בלויז דער־מאָלט, ווען איר באַפרידיקט אַלע אייערע חושים אין איין און דערזעלבער צייט!

און ווער באַפרידיקט אַלע זיינע חושים גלייכצייטיק? דער ליבהאָבער!

ער קוקט אויף זיין געליבטער — און זיין חוש־הראיה איז באַפרידיקט.

ער הערט אירע צאַרטע ליבע־רייד — און זיין חוש־השמיעה קלייבט נחת.

זיינע נאָזלעכער זאַפּן אין זיך אַריין דעם אַראָמאַט פון איר קערפּער און דעם ריח פון די תמרוקי הנשים — און זיין חוש־הריח ווערט געגעזן.

ער קושט זי און עסט זי אויף לעבעדיקערהייט — און זיין חוש־הטעם ווערט געזעטיקט.

ער גלעט און צערטלט זי — און זיין חוש המישוש קריגט אַ תיקון...

תלמידים מיינע, לערנט זיך נישט פון מיר.

פילאָזאָפיע — דאָס איז ליבע צו חכמה, אָבער די בעסטע חכמה איז ליבע.

און דער ליבהאָבער — ער איז דער אמתער פילאָזאָף!

וועגן פרוי און הייראַט

אַז קעצקאָ האָט דערזען און דערהערט ווי אַזוי די תלמידים זיינע האָבן זיך אַרומגעריסן דעבאַטירנדיק איבער „פרוי און הייראַט”, האָט ער זיי איינגעשטילט און אָנגעהייבן ריידן:

— מיין נשמה ווערט צעריסן, ווען איך זע ווי מענטשן רייסן זיך אַרום.

רייסן — דאָס אָפּרייסן מענטשן פון לעבן און איינעם פון צווייטן — דאָס איז די באַשעפטיקונג פון טויט, און איך

קאָן נישט פאַרטראָגן די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט טויט׳ם באַשעפטיקונג.

און ווידערוויליק איז מיר דער מאַן, וואָס „רייסט אַרונטער" דער פרוי.

אַז אַ מאַן רייסט ליידנשאַפטלעך אַרונטער דער פרוי, איז עס אַ סימן, אַז ער איז מיט זיך אַליין צעריסן און אַז ער וויל זיך אָפּרייסן פון זיין ליידנשאַפט צו פרויען.

אָבער ליידנשאַפט איז נישט קיין מום. באמת, אָן ליידנשאַפט איז דאָס לעבן אַ מומיע!

און טענהט דער מאַן, אַז די פרוי איז דער קוואַל פון אַל-דאָס בייז און אומווערדיקייט, איז עס אַ סימן, אַז זיין ליידנשאַפט צו פרויען באַטראַכט ער ווי עפּעס בייזעס און אומווערדיקס.

יאָ, ס׳איז טאַקע אמת, אַז די פרוי איז אַ זייטיקע זאַך, אָבער אין אונדזער לעבן איז זי די הויפּט זאַך.

זי איז די טרעגערן פון לעבן און צוליב איר קאָנען מיר דאָס לעבן פאַרטראָגן.

זי איז לייכט אויף דער דעה? זי מאַכט אונדז אָבער דאָס לעבן לייכטער און ליכטיקער.

זי איז קינדיש? זי היילט אונדז אָבער אויס פון אונדזערע קינדישקייטן.

תלמידים מיינע, פאַרוואָס באַקלאָגט איר זיך, אַז דאָס לעבן איז קלאָגעדיק, אויב נישט דערפאַר וואָס איר האָט נישט קיין ווייבער פאַר וועמען צו באַקלאָגן זיך?

און מעג אַפילו זיין: א ווייב וועמען צו באַקלאָגן זיך!

און פאַרוואָס האַלט איר אין איין טרויערן וואָס איר זענט אַליין און פאַרלאָזן, אויב נישט דערפאַר וואָס איר האָט ניט קיין ווייבער וועמען צו טרויען און אויף וועמען צו פאַרלאָזן זיך?

און מעג אַפּילו זיין: ווּעמען צו פאַרלאָזן!

תּלמידים מיינע, האָט חתונה — און דאָס לעבן וועט חס האָבן אויף אייך.

אָבער ווייסט מיט וועמען.

„אַ פרוי איז ווי אַ בוך” האָט איר געהערט זאָגן.

איז דאָס אמת. אָבער ווען איר קלייבט זיך הייראַטן, זאָלט איר זען אויסקלייבן ניט קיין שונד־ראָמאַן, נאָר אַ קינסט־לעריש ווערק.

אַ שונד־ראָמאַן מעג זיך טאַקע זיין פּיקאַנט און אַמוזאַנט און מעג פאַרשלינגען אייער גאַנצן אויפמערק, ווען איר האַלט אים אין לייענען, אָבער קוים לייענט איר אים איין מאָל איבער און באַקענט זיך מיט דעם סיפּור־המעשה, אַזוי הערט ער אייך אויף צו אינטערעסירן. אָבער אַ קינסטלעריש ווערק — אין אָנהייב איז עס נישט אַזוי אָטעם־פאַרכאַפּנדיק, אָבער לייענט מען עס איבער, אַזוי ווילט זיך ערשט אָנהייבן לייענען עס אויפסניי. און וואָס מער ווידעראיבערגעלייענט, אַלץ אינ־טערעסאַנטער ווערט עס, און אַלץ טיפער קריצט זיך עס איין אין דער פּסיכיק.

און טאָמער וועט אייך אַ ציניקער ציען די עצמות: „דער מאַן איז באַשאַפן געוואָרן פון דער ערד, ליגט ער טאַקע אין דער ערד! די פרוי איז באַשאַפן געוואָרן פון זיינס אַ ביין, ליגט זי אים טאַקע אין די ביינער!” — זאָלט איר זיך ניט אָפּשרעקן.

האָט אין זינען די פאָלגענדיקע צוויי כללים — און אייערע ווייבער וועלן נישט אַרויס פון די כלים און פון זייערע מיילער וועלן נישט אַרויס קיין קללות, נאָר זיי וועלן זיין גוט צו אייך, ווי אין דער צייט, ווען זיי זיינען געווען כּלות:

„וואָס מער דו וועסט זאָרגן פאַר דיין ווייב, אַלץ ווייניקער זאָרגן וועסטו האָבן פון איר".

„טו און זאָג דיין ווייב שטענדיק וואָס איר געפעלט, גיב איר תמיד וואָס איר פעלט — און זי וועט דיר קיינמאָל נישט פאַרפעלן צו זאָגן ווי שטאַרק דו געפעלסט זי".

וועגן חכמה און נאַרישקייט

...און איינער פון די תלמידים האָט זיך געווענדט צו קעצקאָן:

— ס'איז דאָ אַ סך חכמה אין דיינע רייד, קעצקאָ, אָבער וועגן חכמה גופא האָסטו צו אונדז נאָך גאָרנישט גערעדט. אפשר וואָלסטו עס איצטער געטאָן?

און קעצקאָ האָט געענטפערט און געזאָגט:

— תלמידים מיינע, וועגן חכמה איז פאַראַן אַ סך וואָס צו ריידן, אָבער ריידן אַ סך איז נישט קיין חכמה.

און דערפאַר ריידן די אמתע חכמים אַזוי ווייניק. און בלויז אמת.

דאָס מיינט אָבער נישט, פאַרשטייט זיך, אַז יעדער וואָס רעדט ווייניק איז אַ חכם. —

משה איז געווען אַ שטאַמלער, אָבער ניט יעדער שטאַמלער איז אַ משה!

און ווייסט איר, תלמידים מיינע? איך האָב גאָר מורא צו ריידן וועגן חכמה.

ווייל זינט מענטש איז אוממענטש, און האַלט אין איין ריידן אָן מורא און אָן חכמה, איז שוין אַ סך גערעדט געוואָרן וועגן חכמה. —

אַ סך נאַרישקייטן.

און וואָס נאָך ערגער: אייבערפלעכלעכקייטן!

און ווי קאָן מען ריידן וועגן חכמה טיף, ווען חכמה האָט קיין וואָרצלען נישט?!

און ניט קיין חידוש.

ווי קאָן חכמה שלאָגן וואָרצלען, ווען זי ווערט כסדר גע־שלאָגן ?!

און דערפאַר איז אַזוי שווער מיט חכמה אויסצואוואָרצלען נאַרישקייט.

מער נאָך: דער מענטש ווערט געבוירן מיט דער פעאי־קייט צו אָטעמען, שלינגען און טאָן אַנדערע קערפּערלעכע נויטווענדיקייטן, אָבער נישט מיט חכמה.

ווייל דאָס איז אים דעמאָלט נישט נייטיק.

און ווייל דאָס איז ביי אים נישט קיין אינסטינקט, האָט עס קיין וואָרצלען נישט.

יאָ, „יוסיף דעת — יוסיף מכאוב״: חכמה איז דעם מענטשן נייטיק בלויז דעמאָלט, ווען ער איז אין אַ נויט. ווען ער איז געניים.

ווען שטאָל קלאַפּט אַ שטיין, ווערן פונקען געבוירן; ווען דאָס לעבן קלאַפּט אַ מענטשן — חכמה.

איר מוזט אָבער, אגב, פאַרשטיין, אַז סע ווענט זיך וואָס פאַר אַ שטיין און וואָס פאַר אַ מענטש.

זיכער איז עס נישט אַזוי ווען דער שטיין איז ווי אַ מענטש, און ווען דער מענטש איז ווי אַ שטיין...

און ווייל חכמה איז עפּעס, וואָס איז אַרויפגעצוואונגען אויפן מענטשן, דערפאַר איז עס נישט קיין גאַנגבאַרע סחורה.

און,פאַרשטייט זיך, אויך צוליב דעם, וואָס כמעט יעדער איינער גלייבט, אַז ער פאַרשטייט געגנוג און אַז פון דער דאָ־זיקער סחורה, חכמה, האָט ער איבערגענוג.

אַ סימן: איר ווערט הערן מענטשן באַקלאָגן זיך, אַז סע פעלט זיי אַ סך זאַכן, וואָס זיי איז געפעלן, איר וועט אָבער קיינמאָל נישט הערן, אַז מענטשן זאָלן זיך באַקלאָגן, וואָס זיי זיינען נישט קלוג, וואָס סע פעלט זיי חכמה!

און צוליב וואָס טאַקע דאַרף דער מענטש חכמה, ווען

„אמסר עלמא בידי דטפשאי" — ווען די וועלט באַלאַנגט צו די נאַראָנים? !

און איר ווייסט דאָך דעם כלל: דאָס סאַמע וויכטיקסטע פאַרן מענטשן אין דער וועלט איז דאָס צוצופּאַסן זיך צו דער וועלט און צו זיינע מיטמענטשן.

און ווייל די וועלט געהערט צו די נאַראָנים, איז דאָך וואָס וויניציקער חכם דער מענטש איז, אַלץ גרינגער קאָן ער זיך צופּאַסן צו דער וועלט. ס'איז ז יי ן וועלט.

יאָ, די וועלט באַלאַנגט צו די נאַראָנים און צו די וואָס גייען אין שפּאָן. וואָס דאָס איז היינו־הך.

און דערפאַר זיינען די, וואָס טראַכטן און קאָנען נישט גיין אין שפּאָן, תמיד געשפּאַנט און באַטראַכט ווי נאַראָנים.

אָבער די, וואָס זיינען צו חכמה גלייכגילטיק, גילטן ביי די גלייכגילטיקע פאַר חכמים.

און אַ תלמיד האָט זיך אָפּגערופן און געזאָגט:

— קעצקאָ, לויט דיינע רייד קומט דאָך אויס, אַז אין דער וועלט פון די נאַראָנים איז דער נאַר אַ חכם און דער חכם איז אַ נאַר!

און קעצקאָ האָט געענטפערט:

ביי זיך אין ווילדוואַלד איז דער „ווילדער" זולו מער חכם, און ער קאָן אין אים בעסער איינשטיין, איידער דער פּראָפעסאָר איינשטיין; ער קאָן דאָרט לעבן, ווייסט ווי צו לעבן און דאָס לעבן דאָרט איז אים מער באַקאַנט, ווי דעם גרויסן קענער און ווייסער ק אַ נ ט!

און אַ צווייטער תלמיד האָט זיך געווענדט צו קעצקאָן:

ס'איז טאַקע אמת, אַז אַלץ איז געווענדט, רעלאַטיוו, אָבער קאָנסטו אונדז בדרך כלל זאָגן וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דעם חכם און דעם נ אַ ר?

און קעצקאַ האָט געענטפערט:

— דער חכם אַנערקענט זיינע נאַרישקייטן; דער נאַר האַלט זיינע נאַרישקייטן פאַר חכמות.

דער חכם זוכט דעם נאַר צו פאַרשטיין; דער נאַר זוכט דעם חכם צו פאַרשטייענען.

ס'איז גרינגער צו איבערצייגן דעם חכם, אַז ער איז אַן אומוויסנדיקער נאַר, איידער אַן אומוויסנדיקן נאַר — אַ־ בערהויפּט אַ געבילדעטן נאַר! —אַז ער איז נישט קיין חכם.

אָבער וויסן זאָלט איר:

נישט יעדער וואָס רעדט קלוג אָדער באַחכמהט זיך איז אַ חכם, און נישט יעדער וואָס האַנדלט נאַריש אָדער באַנאַ־ רישט זיך איז אַ נאַר.

אַן אמתער, דורך־און־דורכיקער נאַר איז נישט דער, וואָס טוט אָדער רעדט נאַרישקייטן, און אַפילו אויך נישט דער, וואָס גלייבט אין נאַרישקייטן, נאָר דער, וואָס רעדט זיך איין און גלייבט, אַז ער איז אַ חכם!

און אַזוי ווי די בעסטע מעדיצין קאָן זיין דער ערגסטער סם ווען נישט אויפן ריכטיקן אָרט, אַזוי קאָן די טיפסטע חכמה זיין די גרעסטע נאַרישקייט ווען נישט אין דער ריכטיקער צייט.

און חכמה איז בלויז דעמאָלט גוט, ווען זי שטייט איין ביי אַ קלוגן מענטשן. —

ביי אַ מענטשן, וואָס איז קלוג און דערצו איז ער אַ מענטש.

און איר ווייסט וואָס איך וועל אייך נאָך זאָגן?

אַזוי ווי חכמה, ווי יעדע מעלה, איז ניט שטענדיק אַ מעלה, נאָר האָט אויך אירע חסרונות, אַזוי האָט אויך נאַריש־ קייט אירע מעלות.

געהערט האָט איר זאָגן: „אַ נאַר איז אַ צער" — און נישט

אומזיסט איז דאָ אַזויפיל צער אויף דער וועלט! — אָבער ער אַליין, דער נאַר, איז נישט אין צער.

און דאָס איז ווייל די קלענסטע נאַרישקייט קאָן אים מאַכן פילן גליקלעך און צופרידן.

און ער איז תמיד צופרידן מיט זיך.

ער איז נישט באַהאַוונט אין די פּראָבלעמען פון דער וועלט, און מ'קאָן אים גרינג אָנהענגען אַ לונג-און-לעבער אויף דער נאָז? דערפאַר דרייט ער נישט מיט דער נאָז און איז אַ גרינגער לונג-און-לעבער וואָס שייך דער וועלט און אירע פּראָבלעמען.

און דאָס לעבן איז ביי אים קיין פּראָבלעם נישט.

ער איז ניט שאַרף און ניט איבערגעשפּיצט? שטעכט ער נישט יענעם מיט שאַרפע שפּיצן...

און ווייל ער איז ווי דער שיכור, — וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג, — איז ער אָפנהאַרציק. און מויל און האַרץ איז ביי אים איינס.

אָבער הגם ס'איז אמת, אַז „פאַרזוך דעם טעם פון חכמה — און דו וועסט מקנא זיין דעם תם" — און ס'איז דאָ פאַרוואָס אים מקנא צו זיין, — זאָלסטו אָבער שטענדיק מתפלל זיין:

שומר פּתאים ד' — גאָט, וואָס דו היטסט די נאַראָנים, היט מיך אויך — אוים פון זיי!

וועגן שרייבן און לייענען

אַז די תלמידים האָבן דערזען קעצקאָן פאַרטיפט אין אַ בוך, האָבן זיי אים אַרומגערינגעלט, און איינער פון זיי, אַ שרייבזיכטיקער יונגערמאַן, האָט זיך געווענדט צו אים מיט די דאָזיקע רייד:

— קעצקאָ, אמת טאַקע, אַז דו אַליין ביסט נישט קיין

שרייבער, אָבער לייענען וואָס אַנדערע שרייבן האָסטו דאָך ליב, און אַזוי אויך ריידן, איז וואָלסטו אפשר איצט גערעדט צו אונדז וועגן שרייבן און לייענען?

דערזען די תּלמידים אַרום זיך, האָט קעצקאָ פאַרמאַכט דעם בוך, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך טיף פאַרטראַכט, האָט ער אָנגעהייבן ריידן אַזוי ווי צו זיך אַליין:

— מענטשן שרייבן. און דאָס האָב איך ליב.

שרייבט, אָבער ניט ווייל איר האָט קיין אַנדער אַרבעט ניט, נאָר ווייל איר מוזט!

באמת זאָג איך אייך: שרייבן, ווען מ'האָט נישט וואָס צו שרייבן, איז אַ סך גרינגער, ווי האָבן וואָס און ניט שרייבן!

און שרייבט איר, זאָל זיך אייך דוכטן, אַז איר ראַטעוועט זיך פון אַ שׂרפה.

ווייל בשעת אַ שׂרפה כאַפּט מען אַרויס בלויז דאָס נויטיק־סטע, דאָס טייערסטע און דאָס ווערטפולסטע.

באמת זאָג איך אייך: שרייבן — דאָס איז דאָס ראַטעווען זיך פון אַ שׂרפה!

און שרייבט איר, און שאַפט איר — זאָל עס זיין מיט באַגייסטערונג.

ווייל אויב איר וועט שאַפן אָן באַגייסטערונג, וועלן איי־ערע שאַפונגען זיין אָן גייסט.

און אויב איר וועט שאַפן בלויז כּדי צו „מאַכן אַ לעבן", וועלן אייערע שאַפונגען נישט האָבן קיין לעבן אין זיך.

ס'איז נישט וויכטיק צי קינסטלערישע שאַפונג שפּיגלט־אָפּ דאָס לעבן, צי ניט.

קינסטלערישע שאַפונג מוז נישט אָפּשפּיגלען דאָס לעבן, וואָס זי מוז יאָ, איז האָבן לעבן אין זיך!

ער איז געבליבן אַ ווײַלע שטיל און, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, ווייטער גערעדט:

— און שרייבט איר, איז זעט, אַז די ווערטער אייערע זאָלן זיין נישט קיין לאַדנס, נאָר שויבן.

אָבער ווי טיף, ווי ערנסט און ווי אָפנהאַרציק איר זאָלט נישט זיין — שרייבט שיין. ערלעך שיין.

ווייל וואָס שענער דער אויסדרוק, אַלץ שטאַרקער דער איינדרוק.

און ניט נאָר שיין זאָלט איר שרייבן, נאָר, אויב נאָר מעגלעך, אויך מיט הומאָר.

הומאָר — דאָס איז דער ליכטיקער שמייכל פון אַ קינד אין דער געגנוואַרט פון זיינע טראַגיש־ערנסטע עלטערן.

הומאָר — דאָס איז די זויערזאַפט אין וואָס די שווערקייט און טראַגישקייט פון לעבן ווערט אויפגעלייזט.

שרייבט מיט הומאָר און מ׳וועט אייך ליב האָבן!

און אַ תלמיד האָט אַ פרעג געטאָן:

— אויב אַזוי, פאַרוואָס איז נישטאָ קיין סימן פון הומאָר אין דיינע רייד?

און קעצקאָ האָט געענטפערט:

— דער וואַקוּאוּם־רייניקער קאָן זיך אַליין נישט אָפּשטויבן.

און דערמאָנט האָט ער זיך, אַז מאָרגן דאַרף ער גיין צו אַ יובילעי־באַנקעט לכבוד אַ שרייבער, און אַ וואָלקן האָט זיך פאַרצויגן איבער זיין פנים און ער האָט אָנגעהייבן ריידן מיט הארץ:

— אַ לעבן אָן שאַפן, איז אַ ים אָן אַ האַפן. —

שאַפט, אָבער אַנטלויפט פון יובילעאומס און באַנקעטן!

אַ מענטש שאַפט, אָבער שאַפן — דאָס איז דאָך זיין לעבן,

און קיינעם קומט נישט קיין באַנקעט דערפאַר וואָס ער לעבט!

דערווייל האָט אַ תלמיד געכאַפּט אַ קוק אינעם בוך, וואָס קעצקאָ האָט פריער געלייענט, און דאָס דערזעענדיק, האָט קעצקאָ אַזוי געזאָגט:

— און צו אייך לייענער זאָג איך:

לייענט, אָבער נישט כדי די אייגענע געדאַנקען צו פאַרטרייבן, נאָר כדי אייערע שלעפערדיקע געדאַנקען צו דערוועקן.

נישט כדי אַריינצונעמען אין זיך עפּעס פון דרויסן, אַזוי, אַז מ׳זאָל מיינען, אַז איר האָט עפּעס אין זיך, נאָר כדי צו קאָנען אַרויסגעבן דעם עפּעס, וואָס איז אינעווייניק אין אייך.

כדי צו קאָנען קומען צו זעלבסט-אויסדרוק.

ווייל ווי נאָר אויסדרוק, איז אוים ד ר ו ק.

און וויסן זאָלט איר:

עקספּאָרט איז פאַר אַ לאַנד געזינטער ווי אימפּאָרט.

און לייענט איר, זאָל עס זיין נישט קיין שיפלען זיך איבערן וואַסער, נאָר אַ טויכן.

ווייל כדי צו געפינען פּערל אין אַ ווערק, מוז מען זיך אין אים פאַרטיפן.

אָבער נישט קיין פּערל זאָל פאַר אייך זיין דאָס געלייענטע, נאָר הייוון.

נישט קיין פּערל, וואָס מען טוט אָן אויף זיך כדי אויסצוקוקן שיין אָדער רייך; נישט קיין פּערל מיט וואָס איר זאָלט זיך קאָנען שפּילן, ווי קינדער מיט שטיינדלעך, נאָר הייוון, וואָס ווערט אַריינגענומען אין זיך און וואָס העלפט א ו י פ ג י י ן.

תלמידים מיינע, זוכט נישט אייערע ליידיקע גריבער אָנצוגיסן מיט וואַסער, נאָר זוכט בעסער אָפּצורייניקן דעם שמוץ און די שטיינער פון אייערע קוואַלן, אַזוי, אַז זיי זאָלן קאָנען אָנהייבן שטראָמען מיט אימפּעט אומגעשטערט.

און דעמאָלט וועט אייך קיין וואַסער נישט פעלן.

וועגן פּאָעטן און פּאָעזיע

איינמאָל איז קעצקאָ געזעסן אין דער מסיבה פון עטלעכע פון זיינע תּלמידים פּאָעטן און פּאָעזיע־ליבהאָבערם און צוגע־הערט זיך ווי זיי האָבן געשמאַק געשמועסט און גערכילותט וועגן פּאָעטן און פּאָעזיע.

און הערנדיק ווי איינער האָט געזאָגט וועגן געוויסע פּאָעטן, אַז זיי זיינען עגאָאיסטן, אויסוואורפן און מען טאָר גאָר זייער פּאָעזיע נישט לייענען, האָט קעצקאָ אָפּגערופן זיך און געזאָגט:

— תּלמידים מיינע, ס'איז טאַקע אמת, אַז ס'זיינען פאַראַן אַ סך מענטשן וואָס זיינען פּאָעטן, אָבער זייער ווינציק פּאָעטן וואָס זיינען מ ע נ ט ש ן, אמת! אָבער צי דען ווייל דער מענטש קומט אַרוים פון אַ טיפּה־סרוחה, איז ער דערפאַר אַליין סרוחהדיק און דאַרף אומקומען צוליב דעם?

און צי דערפאַר וואָס די זאַנגען קומען אַרוים פון ערד, וואָס איז פול מיט מיסט, זיינען זיי קיין זאַנגען ניט און מיר דאַרפן זיך מיאוסן מיט זיי?

די נשמה פונעם פּאָעט איז אַ בינשטאָק, וואָס איז פול מיט בינען פון געדאַנקען און געפילן, אַנונגען און זעאונגען; פּאָ־עזיע — דער האָניק וואָס די בינען פּראָדוצירן.

דער בינשטאָק מעג אונדז נישט געפעלן זיין און די בינען מעגן שטעכן און בייסן, אָבער ווי זיס איז דער האָניק וואָס זיי שאַפן!

אויב דער פּאָעט איז נישט קיין עטישע פּערזענלעכקייט, איז וועד הייסט אייך האָבן צו טאָן מיט אים פּערזענלעך?

איר מעגט טאַקע נישט קאָנען פאַרטראָגן אַ געווימן פּאָעט, וואָס איז אָן אַ געוויסן, איר מעגט זיך אָבער לאָזן פאַרטראָגן פון זיין פּאָעזיע, וואָס איז אויסגעטראָגן געוואָרן אין די טי־פענישן פון זיין „איך".

תּלמידים מיינע, אָנשטאָט צו ריידן וועגן פּאָעטן און באַ־

ריידן זיי, לייענט בעסער פּאָעזיע — און דאָס וועט זיך אייך בעסער לוינען.

אָבער נישט סתם פּאָעזיע, נאָר פּאָעזיע פון טיפע פּאָעטן.

פון זייער טיפקייט וועט איר דערהייבן ווערן.

און מעג דער פּאָעט אַליין נישט וויסן פון זיין טיפקייט און אין וויסן נישט זיין טיף.

ווייל וויסן זאָלט איר:

וואָס דער אמתער, טיפער פּאָעט אומבאַוואוסטזיניק אַנט, וועט עס נישט דערגרייכן דער באַוואוסטזיין אפילו פון אַ קאַנט.

און וואָס אַרט אונדז, וואָס דער פּאָנאָגראַף אַליין הייבט נישט אָן צו הערן און באַנעמען די וואונדערלעכע מוזיק, וואָס עס טראָגט זיך פון אים, אַבי מיר הערן און באַנעמען זי!

באמת, דער טיפער פּאָעט איז צו אַ פּאָנאָגראַף־פּלאַטע געגליכן:

ער איז פול מיט קריצן, און אין זיי — באַהאַלטן געזאַנג פון מענטש און וועלט. און אַז די נאָדל פון לעבן שפּיציקט זיך אַריין אין אָט־די קריצן, רייסט זיך אַרויס דאָס מענטש־און וועלט־געזאַנג פון דער שטומער באַהעלטעניש און צע־טראָגט זיך איבער מענטש און וועלט.

תלמידים מיינע, לייענט פּאָעזיע אָדער שרייבט, אָבער רעדט וואָס ווינציקער וועגן דעם.

לערנט זיך פון דער פּאָעזיע גופא: אויך זי רעדט ווינציק.

ווי הייסט ביי די אַלטע פּאָעטן אַ ליד? — געדיכט.

דאָס איז דאָס וואָרט: געדיכט!

אַ ליד מוז זיין געדיכט, קאָנצענטרירט, עסענץ!

און טאָמער טרעפט איר פּאָעזיע וואָס רעדט אַ סך, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז קיין סך נישט ווערט ווי פּאָעזיע.

בכלל זאָלט איר האָבן אַ כלל:

פּאָעזיע וואָס רעדט און פאַררעדט זיך — פאַרראַט זיך.

רייד הערט מען, אָבער פּאָעזיע דאַרף נישט ריידן כדי מ׳זאָל זי הערן.

ווייל פּאָעזיע דאַרף נישט לאָזן הערן, נאָר דאַרף געבן אַנצוהערן.

אַ הערעניש — אַלע הערן עס גלייך, און דאָס זעלבע, און תמיד אויפן זעלביקן אופן, אָבער אַן אָנצוהערעניש — יעדער באַזונדער באַנעמט עס אויף אַ באַזונדערן אופן און שטענדיק לויט דעם צושטאַנד פון זיין שטימונג.

און דערפאַר איז אמתע פּאָעזיע געגליכן צום מן:

יעדער איינער פילט אין דעם אַן אַנדער טעם, לויט זיין ווילן און וועלן.

און אַפילו אויך פאַר דעם איינעם האָט עס ניט שטענדיק איין און דעם זעלביקן טעם.

ווייל ניט שטענדיק איז ער דער זעלביקער און ווייל דאָס זעלבע.

תלמידים מיינע, איר האָט ליב פּאָעזיע — און דערפאַר זענט איר מיר ליב.

אין פּאָעזיע — דער **א** און דער **ת** פון דעם מענטשנס חלומות און טיפסטע פאַרלאַנגען נאָך דעם און נאָך דאָס, וואָס אויף יענער זייט פונעם מענטשנס יכולת.

הייבן זיך צו די הייכן; נידערן אין די תהומות; דורכדרינגען די ווייטקייט און דאָס פאַרהוילענע; קפיצת-הדרך — פּאָעזיע זייער פאַרווירקלעכונג. פּאָעזיע טוט עס.

און קפיצת-הדרך — דאָס איז דער הויפּט-כישוף פון פּאָעזיע.

פּאָעזיע — דאָס איז דער קפיצת-הדרך פון געדאַנק און געפיל.

פּאָעזיע — בליץ־שנעל קאָן זי אַפילו דעם כסא־הכבוד דערגרייכן.

באמת, פּאָעזיע איז צו אַ בליץ געגליכן.

דאַכט זיך דאָס גאַנצע באַשאַף אין אין חושך־מצרים איינגעהילט, אָבער אָט גיט אַ בליץ — און אַ בלענדנדיק ליכט צעשפּאַלט די חשכות, ווי משה׳ם שטעקן דעם ים־סוף, און אַלץ ווערט אַזוי קלאָר באַלויכטן און אַ נ ט פּ ל ע ק ט.

און צו אייך פּאָעטן וויל איך זאָגן:

אָז ישיר. זינגען זאָלט איר בלויז דעמאָלט ווען איר האָט פריער אַ ים געשפּאָלטן.

און דעמאָלט וועט אייער געזאַנג צעשפּאַלטן די פאַר־האַרטעוועטע קאָרע פון אייבערפלעכלעכקייט, וואָס אויף דער אייבערפלאַך פונעם מענטשן, און וועט אַריינדרינגען אין איט־לעך שפּעלטעלע פון זיין נשמה.

צווייטער טייל:

געדאַנקען

II

געדאנקען

דער יחיד און די געזעלשאַפט

די „מענטשלעכע נאַטור"

א. „דער וואָס גלייבט, אַז מ'קאָן נישט ענדערן די מענטשלעכע נאַטור, האַלט, אַ פּנים, אַז דער מענטש איז עפּעס אַזוינס, וואָס שטייט אַ סך נידעריקער פון אַ חיה. ווייל קעץ און הינט, וואָס זיינען אַמאָל געווען ווילדע חיות, זיינען איצטער שפּיל־חברים פון קליינע קינדער".

איז דאָס ריכטיק ווי גאָלד. אָבער מוסיף צו זיין, אַז כּדי צו ענדערן די מענטשלעכע נאַטור — און דורכדעם אויך זיין וועלט — איז פריער נייטיק צו ענדערן דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין, דאָס איז עפּעס וואָס איז נישט אין הסכּם מיטן שׂכל און מיט דער ווירקלעכקייט.

ווען קעץ און הינט לעבן אין וואַלד, זיינען זיי ווילד. ווילדקייט איז אין זייער נאַטור. ווי אַזוי אָבער ענדערט מען — קאָן מען ענדערן — זייער נאַטור, אַזוי, אַז זיי זאָלן ווערן פריידלעך אויף אַזויפיל, אַז קינדער זאָלן זיך קענען שפּילן מיט זיי? זיכער נישט דורך אַפּעלירן צו זייער שׂכל און דורך ענדערן זייער באַוואוסטזיין. אויב מען וויל ענדערן זייער ווילדע נאַטור, דאַרף מען זיי קודם־כּל אַוועקנעמען פון זייער ווילדער סביבה און אַריינגעמען זיי אין אַ מענטשלעכער אומגעבונג. און די נאַטור פון זייערע קינדער וועט מען שוין גאָרנישט דאַרפן ענדערן, ווייל זייענדיק פון סאַמע געבוירן־אָן אין אַ מענטשלעכער סביבה, וועלן זיי במילא אויסוואַקסן „מענטשלעכער", פריידלעכער.

בלויז יחידים, בלויז געציילטע עטישע פּערזענלעכקייטן קאָנען ענדערן זייער „חיהשע" נאַטור דורך אַנטוויקלען און לייטערן זייער באַוואוסטזיין, — טראָץ דעם וואָס זיי געפינען זיך שטענדיק אינעם ווילדוואַלד פון דער טראַדיציאָנעלער

ציוויליזאַציע — בלויז געציילטע קאָנען עס טאָן — און דאָס אויך צוליב געוויסע פּסיכאָ־פיזישע אורזאַכן, איבערלעבענישן, אומשטענדן, קאָמפּלעקסן אאַז״וו., וואָס זיינען אייגנטימלעך בלויז פאַר זיי. די מערהייט, אָבער, — אין וואָס פאַר אַ סביבה זי לעבט, אַזוי איז זי. משל למה הדבר דומה? כינעזיש איז אַ שווערע שפּראַך, און יידיש — אַ גרינגע. איז אַז מען זאָל אָנהייבן איינריידן די כינעזער זיי זאָלן אַוועקוואַרפן זייער „אָפּגעשטאַנענע", „אוממענטשלעכע" שפּראַך און זיך בעסער אַ נעם - טאָן צו יידיש, אַ שפּראַך, וואָס רעדט זיך, שרייבט זיך און לייענט זיך ממש פון זיך אַליין, וואָלט עס געהאָלפן? ס׳איז צו גלויבן, אַז נישט. ווייל, ערשטנס, ריידנדיק צו זיי אויף יידיש, וואָלטן זיי עס גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. און וואָלט מען אַפילו גערעדט צו זיי אויף כינעזיש, וואָלט עס אויך ווינציק - וואָס געהאָלפן, ווייל זייענדיק פון קינדווייז - אָן אין אַ הויז וואו מען רעדט בלויז כינעזיש, און גייענדיק אין אַ שול וואו מען לערנט בלויז כינעזיש, און לעבנדיק צווישן מענטשן וואָס באַנוצן זיך בלויז מיט כינעזיש, וואָלט דער כינעזער ביי זיין בעסטן ווילן נישט געקאָנט אַוועקוואַרפן זיין שפּראַך. בלויז געציילטע כינעזער — און דאָס אויך בלויז די וואָס האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס אין שפּראַכן, אָדער די וואָס קומען שטענדיק אין באַרירונג מיט יידיש־ריידנדיקע יידן — בלויז געציילטע כינעזער וואָלטן זיך געקאָנט אָפּגעבן מיט יידיש, אַזוי, אַז דאָס זאָל ווערן זייער שפּראַך. בלויז געציילטע און נאָך שווערער האַרעוואַניע!

* * *

ב. ס׳איז ניט: וואָס פאַר אַ מענטשלעכע נאַטור, אַזאַ ציוויליזאַציע, נאָר וואָס פאַר אַ ציוויליזאַציע, אַזאַ מענטשלעכע נאַטור. (וועגן יחידים אויסנאַמען רעדט מען נישט, ווייל אָן אויסנאַם באַשטעטיקט בלויז דעם כלל).

די „מענטשלעכע נאַטור" איז בלויז אַ שעיר לעזאזל אויף וועמען די תקיפים, די מאַכטהאַבערס, די הערשערס און זייערע באַוואוסטזיניקע און אומבאַוואוסטזיניקע אַגענטן און נאָכשלעפּערס וואַרפן אַרויף אַלע איבלען וואָס זיינען די פּראָדוקטן פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג; אַלע צרות אין וועלכע זיי אַליין, די מאַכטהאַבערס, זיינען, אין אַ גרויסער מאָס, שולדיק.

ווי זינגט ק. ד. באַלמאָנט: „וואָלטשיע ווּרעמיאַ פּרעווראַטילאַ ווסיעך וו וואָלקאָוו" — די וואָלפישע צייט האָט פאַרוואַנדלט אַלעמען אין וועלף".

* * *

ג. קאַפּיטאַליזם — זאָגן די פּאַרטיידיקער פון דער קאַפּיטאַליסטישער (אום)אָרדענונג — איז מער צוגעפּאַסט צו דער מענטשלעכער נאַטור ווי אַ וועלכע נישט איז אַנדער אָרדענונג.

ראובן האָט שמעונען דערלאַנגט מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ און ער, שמעונס קאָפּ, איז געשוואָלן געוואָרן. וואָס זשע האָט שמעון געטאָן? ער איז אַריין צו ראובנען אין הוט־קראָם און געקויפט זיך אַ גרויסן הוט. אָנגעמאָסטן און — יאָ, דער גרויסער הוט איז געווען אויף אים ווי אָנגעמאָסטן...

* * *

ד. די רויבער־באַראָנען און פּראָים־פּיראַטן זייגן אויס דאָס בלוט פון דעם אָרעמען קולי און מאַכן פאַר אים דאָס לעבן אומדערטרעגלעך. וואָס זשע טוט דער קולי? ער קויפט ביי די זעלביקע רויבערס אָפּיום און פאַרשיכורט זיך.

— אָפּיום, מאַכט ער, דער קולי, איז צוגעפּאַסט צו דער מענטשלעכער נאַטור. ווייל עס ליגט אינעם מענטשנס נאַטור צו וועלן זיך פאַרשיכורן און פאַרגעסן אָן דער האַרטער, שווערערווירקלעכקייט.

אַז מען קאָן די האַרטע און שווערעווירקלעכקייט מאַכן ווייך און גרינג, — על־כל־פּנים ווייכער און גרינגער, — דאָס פּאַלט אים גאָרנישט איין!

„קשוט עצמך"

קאַפּיטאַליזם

א. דער וואָס פּריידיקט, אַז כדי אויסצובעסערן די וועלט, ס'הייסט, די מענטשלעכע געזעלשאַפט, דאַרף מען פריער זיך אַליין אויסבעסערן; אַז כדי צו באַקעמפן אַ רשעותדיקע, חיהשע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג דאַרף מען פריער באַקעמפן די אייגענע רשעות, די חיה אין זיך, דער וואָס פּריידיקט אַזוי, איז באַוואוסטזיניק, צי אומבאַוואוסטזיניק, אַן אַגענט פון דער טראַדיציאָנעלער ציוויליזאַציע, פון די הערשנדיקע קלאַסן, די מאַכטהאָבערס פון דער וועלט.

אַוודאי דאַרף יעדער מענטש זען צו באַקעמפן די חיה וואָס אין אים און אַנטוויקלען זיין באַוואוסטזיין און מענטש־לעכקייט; אַוודאי דאַרף יעדער יחיד זען אויסצובעסערן זיך אַליין, אָבער דער, וואָס איז סאָציאַל־באַוואוסטזיניק, דער, וואָס נעמט זיך די לאַגע פון דער „וועלט" צום האַרצן, דער, וואָס וויל אַ גערעכטע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, אַ סדר־העולם וואָס זאָל זיין באַזירט אויף שכל און יושר — דער איז שוין אַן אויסגעבעסערטער!

*

אַלץ וואָס איז אומשכלדיק און אוממענטשלעך; אַלץ וואָס איז באַרבאַריש, חיהש, ווילד אין אַ סדר־העולם, און פאַר וואָס דער סדר־העולם אַליין איז פאַראַנטוואָרטלעך, ווערט פון די מאַכטהאָבערס, די באַלעבאַטים פונעם סדר־העולם, און זייערע אַגענטן און משרתים בכוונה און סיסטעמאַטיש אַרויפגעלייגט אויף דער מענטשלעכער נאַטור, אַזוי, אַז עס זאָל הייסן: שול־דיק אין די מערסטע צרות פון דער וועלט איז נישט חלילה דער אופן פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, נאָר די מענטשלע־כע נאַטור, און פאַרשטייט זיך, אַז מיר (די הערשנדיקע

קלאַסן), די אויפהאַלטערס פון אַט-דער אָרדענונג, קאָנען גאָר־נישט טאָן וועגן דעם, בלויז דער יחיד קאָן וואָס שייך זיין איי־גענער נאַטור!

און ווי צופרידן זיי זיינען עס צוצוקוקן ווי אַנשטאָט דער עולם זאָל געמיינזאַם זיך פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעכן קאַמף, מיטן סאָציאַלן „ובערת הרע מקרבך", פאַרנעמט זיך יעדער יחיד באַזונדער מיט אינדיווידועלן קאַמף געגן זיך אַליין.

„ס'איז גוט, וואָס אַנשטאָט די אַלע יחידים זאָלן צוזאַמען פירן אַ קאַמף געגן אונדז, זייער אויסערלעכן שונא, — וואָס דאָס וואָלט געמיינט אונדזער פאַרניכטונג, — פירן זיי אַ קאַמף — יעדער יחיד באַזונדער — מיטן אינערלעכן שונא, וואָס דאָס איז פאַר אונדז קנאַפּ-וואָס געפערלעך!"

*

מענטשן וואוינען אין אַ געגנט וואָס איז פול מיט זומפּן און מאַלאַריע-מיקראָבן און זיינען קראַנק אויף מאַלאַריע. איז דער, וואָס פּריידיקט, אַז ס'איז דער חוב פון יעדן יחיד צו באַ־קעמפן די דאָזיקע מיקראָבן וואָס זיינען אין אים, אַז יעדער יחיד באַזונדער מוז גובר זיין זיינע אייגענע מיקראָבן — אַזאַ מענטש איז, אָביעקטיוו גענומען, אַ פאַרברעכער, ווייל — כאָטש אומבאַוואוסטזיניק — אָן אַגענט, אַ פאַרשפּרייטער פון מאַלאַריע. מחמת דורך דעם וואָס יעדער יחיד באַזונדער וועט קעמפן געגן זיינע אייגענע מיקראָבן וועט די מאַלאַריע נישט פאַרשווינדן. וועלן קומען נייע מענטשן אינעם געגנט, וועלן די מערסטע פון זיי זיכער קראַנק ווערן אויף מאַלאַריע. וואָס עס מוז געטאָן ווערן איז פאַראייניקן אַלע יחידים, און אַלע צו־זאַמען, מיט געמיינזאַמע כוחות, זאָלן די זומפּן אויסטריקענען — און די מאַלאַריע וועט שוין פאַרשווינדן במילא!

* * *

ב. באַקעמפן דעם אייגענעם „יצר־הרע", נישט וועלן, ניט געגנשטעלן זיך דעם בייזן—טאָקע גאַנץ פיין און עטיש, אָבער מיט דעם העלפן מיר דאָך אויפצוהאַלטן די פאַרברעכערישע טראַדיציאָנעלע ציוויליזאַציע! מיט אונדזער בלויז יחידישער עטיק העלפן מיר דאָך אויפצוהאַלטן די אומעטישע געזעל־שאַפטלעכע אָרדענונג פון הערשער און באַהערשטע; די גע־זעלשאַפטלעכע אָרדענונג וואו אַליץ ווערט געטאָן און געשאַפן פאַרן מ אַ ר ק און נישט פאַרן מ ע נ ט ש ן; וואו דער מענטש אַליין איז בלויז אַ סחורה פאַרן מאַרק און ווי אַ סחורה ווערט ער געשאַצט; וואו פ ר אָ פ י ט (און דער מענטש וואָס מאַכט אים) איז אַ ל ץ און דער פ ר אָ פ ע ט (דער זעער, דער שאַ־פער) איז ג אָ ר נ י ש ט, אַ גאָרנישט; די אָרדענונג אין וועל־כער דער וואָס ט ר אַ כ ט און פּריידיקט מענטשלעכקייט און זוכט צו זיין אַ רעטער, ווערט באַטראַכט ווי אַן אוממענטש, אַ פאַררעטער!

(אונטער „טראַדיציאָנעלע ציוויליזאַציע" זאָל פאַרשטאַ־נען ווערן אַלע ציוויליזאַציעס ביז איצטער, וואָס זיינען געבויט נישט אויף שכל, אויף וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג, נאָר אויף טראַ־דיציע. למשל, די גריכיש־רוימישע ציוויליזאַציע מיט אירע האַרן און שקלאַפן; די פעאָדאַלע מיט אירע פּריצים און לייב־אייגענע; די קאַפּיטאַליסטישע מיט אירע באַלעבאַטים און לוין־אַרבעטער. — איין ציוויליזאַציע, וועמענס פּנים האָט זיך געביטן, אָבער נישט דער תוך).

*

אַפילו די וואָס פאַרנעמען דעם סאַמע אויבנאָן אין דער וועלט פון קאַפּיטאַליזם און זיינע רעגירונגען טענהן, אַז זיי זיינען פאַר גערעכטיקייט און שלום אויף דער וועלט.

אָבער זאָל אימיצער באמת פּרוּוון אַרבעטן פאַר אַזאַ

סדר־העולם וואָס זאָל דערמעגלעכן, אַז עס זאָל באמת הערשן גערעכטיקייט און שלום אויף דער וועלט, וועט ער גלייך גע־שטעמפּלט ווערן ווי אַ רעוואָלוציאָנער און אַ פאַררעטער וואָס דאַרף אויסגעראָטן ווערן.

*

וואָס איז, אין תוך, די „פילאָזאָפיע" אָדער די „נשמה" פון קאַפּיטאַליזם?

— מיר פּראָדוצירן אַלץ אין וואָס מענטשן נייטיקן זיך, נישט דערפאַר ווייל די מענטשן נייטיקן זיך אין דעם, נאָר ווייל מיר נייטיקן זיך אין פּראָפיטן.

אויב מיר מאַכן נישט קיין פּראָפיטן, הערן מיר אויף צו פּראָדוצירן און זאָלן די מענטשן מאַכן מיט די זייטן. וועמען אַרט עס?!

פאַרשטייט זיך, אַז אָט־דעם אמת האַלטן מיר פאַר זיך. ווער עס זוכט מגלה צו זיין אָט־דעם אמת, דעם זוכן מיר צו מאַכן פאַר אַ מת.

פאַר דער וועלט זאָגן מיר, און טוען אַלץ זי זאָל גלייבן אין דעם, אַז מיר בויען און האַלטן־אויף די וועלט.

וועמען נאַרט עס? כמעט אַלעמען!

* * *

אַ געוויסע כעמישע סובסטאַנץ האָט די פעאיקייט אָדער אייגנשאַפט אויפצומונטערן דעם מענטשן.

ווייל אַ מענטש פילן מונטער, נעמט ער אין זיך אַריין אַ ביסל פון אָט־דער סובסטאַנץ. מונטערער — מערער. דאָס קאָן אָבער אַזוי נישט אָנגיין אָן אַ סוף. ווייל די סובסטאַנץ האָט אין זיך אַ געוויסע מאָס פון אַ מין סם, און וואָס מער דער מענטש נעמט אַריין אין זיך פון דער סובסטאַנץ, אַלץ מער סם קריגט ער אין זיך אַריין, און וואָס מער סם, אַלץ מער דער־דריקט און נידערגעשלאָגן הייבט ער זיך אָן פילן. און אָנשטאָט

וואָס אין אָנהייב איז דער סובסטאַנץ געווען אַ ברכה פאַרן מענטשן, פאַרוואַנדלט זי זיך לסוף אין אַ קללה.

* * *

ג. איך וואוין אין אַ וואַלד, צוזאַמען מיט מיר נאָך עטלעכע מענטשן. און מיר הונגערן נאָך פלייש, ווי די וועלט נאָך גע־רעכטיקייט. און אין וואַלד דרייט זיך אַרום אַ ווילדער אָקס. און איך ווייס: ווען איך זאָל אים טייטן, וואָלט איך געהאַט אַ וועלט מיט פלייש. אָבער טייטן אים איינער אַליין איז איבער מיינע כוחות. זאָג איך צו זיך: וואָס איז די פעולה פון מיין ווערלן פלייש? אַז טייטן דעם אָקס קאָן איך נישט, איז צו וואָס ווערלן און ליידן? בעסער שוין רעזיגנירן, אָפּזאָגן זיך פונעם פאַרלאַנג נאָך פלייש און — פטור.

אַזוי טראַכטן אויך אַלע וואָס מיט מיר. יעדער באַזונדער מיטן זעלביקן געדאַנק און געפיל.

איז דער אָקס לעבט פון די טעג און מ י ר הונגערן.

ווען מיר זאָלן זיך, אָבער, אַלע צוזאַמענריידן און אָנשטאָט רעזיגנירן אָנהייבן אַטאַקירן דעם אָקס; אָנשטאָט, אַז יעדער באַזונדער זאָל באַקעמפן זיין ווילן (נאָך פלייש), זאָלן מיר אַלע צוזאַמען באַקעמפן דעם אָקס, וואָלטן מיר דאָך אויפגע־הערט צו הונגערן!

*

און דאָס שענסטע איז, וואָס זיי אַליין, די קאַרפּנקעפּ פון קאַפּיטאַליזם, זיינען בלב ונפש רעוואָלוציאָנערן. אָבער בלויז ווען עס קומט צו פּראָדוקציע.

וואָס שייך פּראָדוקציע האַלטן זיי נישט פון קאָנסערוואַ־טיזם, פון רעאַקציע, פון סטאַטוס קוואָ, — באשר די אַלטע מעטאָדן זיינען מעשה־טראַדיציע פאַרהייליקט, — נאָר זיינען די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן. און דערפאַר טאַקע איז אין אָט־דער פּראָדוקציע די אמתע מזל־ברכה.

* * *

ד. מענטשן גייען אַרום אומצופרידענע און קלאָגן זיך: שלעכט! אָרעמע ערד, פאַרפלייצונגען, בייזע פליגן אאַז״וו אד״גל.

זיי זיינען אומצופרידן, באַקלאָגן זיך, אָבער טוען וועגן דעם גאָרנישט. אַ קללה פון גאָט, איז וואָס קאָן מען העלפן ? !

ווען זיי וואָלטן אָבער געוואוסט די געזעצן פון דער נאַטור, וואָלטן זיי, אַנשטאָט זיך צו באַקלאָגן, אַ נעם-געטאָן זיך צו דער אַרבעט — און זיי וואָלטן טאַקע פטור געוואָרן פון די מערסטע נאַטור-אַנשיקענישן!

וואָס מער זיי וואָלטן געוואוסט וועגן דער „ארבעט״ פון דער נאַטור; וואָס בעסער זיי וואָלטן פאַרשטאַנען דעם „מע-כאַניזם״ אירן, אַלץ גרעסערע באַלעבאַטים וואָלטן זיי געווען איבער איר.

דאָס אייגענע איז אויך וואָס שייך דער געזעלשאַפט.

אויך די פירעכצן פון דער געזעלשאַפט זיינען זיי נישט קלאָר און זיי באַטראַכטן זיי ווי נאַטור-דערשיינונגען.

* * *

ה. נישטאָ קיין נוצלעכערע זאַך פאַר אַ מענטשן ווי אַ מענטש.

שפּינאָזע מיינט מיט דעם וואָס שייך חברשאַפט, פריינד-שאַפט. אָבער די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם נעמט עס פשוטו כמשמעו.

פאַרן קאַפּיטאַליסט איז טאַקע נישטאָ קיין נוצלעכערע זאַך ווי אַ מענטש, נוצלעך ווי אַ פערד, אַ בהמה.

און ווי אויף אַ פערד, ווי אויף אַ בהמה, קוקט ער טאַקע אויף זיין מיטמענטשן, ווען ער נוצט אויס.

און דער פאַקט וואָס דער מענטש לאָזט זיך אויסנוצן ווי

אַ פערד, אַ בהמה, און דערצו טענהט ער נאָך, אַז אַזוי דאַרף זיין און אַ דאַנק גאָט פאַרן קאַפּיטאַליסט — אַז נישט, וואו וואָלט ער, ער מענטש, גענומען דאָס ביסל „האָבער" אויף צו דערהאַלטן דאָס לעבן ? ! — דאָס אַליין באַווייזט, אַז דער קאַ־פּיטאַליסט האָט טאַקע דעם ריכטיקן קוק !...

* * *

ו. קאָן אַ מענטש נישט באַצווינגען די שוועריקייטן פון דער ווירקלעכקייט כדי צו קריגן דאָס, וואָס זיין האַרץ פאַרלאַנגט, זוכט ער צו באַצווינגען די פאַרלאַנגען פון זיין האַרץ.

* * *

ז. דו האַלטסט דיין קאָפּ שטענדיק צום הימל פאַרריסן—און דערווייל פאַרזעסטו די ערד. דו בענקסט נאָכן בלוי פונעם הימל — און דערווייל פאַרזעסטו דאָס גרין פונעם גראָז.

* * *

ח. די מאַכערס — זיי לעבן און שאַפן זיך מיטן לעבן ; די פּרושים — זיי מאַכן בלויז פּירושים אויפן לעבן !

* * *

ט. די רשעים זיינען אין רשעות טעטיק, און די צדיקים פריידיקן קדושה און עטיק !

און זיי פרעגן נאָך : „מדוע דרך רשעים צלחה ?" (פאַר־וואָס גייט עס די רשעים גוט ?).

* * *

י. „אַ רייכער איז דער, וואָס באַנוגנט זיך מיט דעם וואָס ער האָט". איז דאָס טאַקע אמת, ס'איז אָבער אויך אמת, אַז

דער וואָס באַנוגנט זיך מיט דעם וואָס ער האָט, איז זעלטן אַ רייכער.

* * *

יא. „אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנד". אמת, ס'איז אָבער יאָ אַ שאַנד גאָרנישט צו טאָן וועגן דעם !

* * *

יב. די איצטיקע טראַדיציאָנעלע ציוויליזאַציע לאָזט דעם מענטשן אויסגיין. די צוקונפטיקע, מענטשלעכע, וועט לאָזן דעם מענטשן אויפגיין.

* * *

יג. דאָס קעמפן פאַר יושר, פאַר גערעכטיקייט, איז ניט שטענדיק אַ פּראָדוקט פון אידעאַליזם.

אויב איינער סקריפּעט אויף אַ פידל, שפּילט אַזוי שלעכט און רייסט און צופּט די סטרונעס אַזוי, אַז עס גרילצט אַזש אין די אויערן, און איך הייס אים אויפהערן שפּילן — און טו טאַקע עפּעס וועגן דעם ! — איז דאָס נישט צוליב מיין אידעאַליזם, צוליב מיין רחמנות אויף דער פידל און אויף די סטרונעס אירע וואָס ווערן געפּייניקט, נאָר מחמת עגאָאיזם, צוליב מיין אייגענער באַקוועמלעכקייט, צוליב דעם וואָס איך קאָן עס נישט פאַרטראָגן !

זיין און באַוואוסטזיין
מאַרקס און מאַרקסיזם

א. „**נישט זייענדיק קיין מאַרקסיסט מעג מען דאָך אָננעמען איין פּרינציפּ אַ מאַרקסיסטישן: אַז דער הויפּט-פאַקטאָר** פון אַלע געשיכטלעכע דערשיינונגען איז דער צושטאַנד פון די פּראָדוקציע-מיטלען. אָבער ווען אַ געוויינלעכער מאַרקסיסט רעדט וועגן „פּראָדוקציע-מיטלען" זיינען דאָס פאַר אים נאָר די מאַטעריעלע מיטלען: דער שטיין-האַמער אין פאָר-היסטאָרישע צייטן, די אייזערנע מאַשין אין אונדזערע טעג. דאָ האָט ער אָבער אַ טעות. דאָס זיינען נישט די אמת-וויכטיקסטע מיטלען פון פּראָדוקציע. איידער אַ מענטש מאַכט דעם ערשטן האַמער, מוז ער זיך פריער פאַרטראַכטן וועגן דעם, וואָס ער וויל פּראָדוצירן און וואָס עס פעלט אים דערצו, און דאַן ערשט מוז ער אויסטראַכטן דעם האַמער. די הויפּטזאַך דאָ איז דאָס „טראַכטן". דאָס אייבערשטע, דאָס ערשטע און וויכטיקסטע פון אַלע פּראָדוקציע-מיטלען איז אונדזער גייסטיקער „אַפּאַראַט". — וו. זשאַבאָטינסקי.

קאָן מען דאָך מיינען, אַז דער משל מיטן האַמער האָט אַלע מאַרקסיסטן די מיילער פאַרמאַכט: טאַקע, מען זעט דאָך בפירוש, אַז איידער מען מאַכט דעם האַמער טראַכט מען וועגן מאַכן אים, הייסט עס, אַז ט ר אַ כ ט ן קומט פריער און איז דער עיקר! ווי וואָלט אָבער געווען ווען מען גיט אַזאַ משל: אַ מענטשן הייבט אָן ציען אין האַרצן. גיט ער פריער אַ טראַכט, אַז מען דאַרף עסן, און נאָכדעם הייבט ער אָן טראַכטן ווי אַזוי צו קריגן שפּייז און ערשט דאַן עסט ער. הייסט עס, אַז איידער ער עסט ט ר אַ כ ט ער וועגן עסן. איז דאָך — פון אויבנאויף גענומען — קלאָר, אַז דאָס טראַכטן וועגן עסן קומט פריער, אָבער — איידער דער מענטש האָט אָנגעהייבן ט ר אַ כ ט ן וועגן

עסן, האָט אים געצייגן אין האַרצן, און געצייגן אין האַרצן האָט אים ווייל דער מאָגן האָט געפאָדערט שפייז!

פריער איז געקומען דער מאָגן מיט זיין פאָדערונג נאָך שפייז און דאָס טראַכטן וועגן עסן איז געקומען ערשט נאָכ־דעם, ווי אַ פּועל־יוצא פונעם מאָגנס פאָדערונג.

דאָס טראַכטן וועגן שפייז איז נישט מער ווי פיזיאָלאָגיע איבערגעזעצט אויף פסיכאָלאָגיע.

*

הענט און פיס זיינען דעם קערפּער געגעבן געוואָרן, נישט כדי זיי זאָלן פאַר אים שפּילן פידל און טאַנצן, נאָר ווי אינסטרומענטן, וואָס זאָלן אים העלפן אין זיין קיום. דאָס אייגענע אויך וואָס שייך דעם מוח, דעם „גייסטיקן אַפּאַראַט".

* * *

ב. אויב דער מענטש איז, אין די אויגן פון דער נאַטור, אַ חיה ווי אַלע חיות, איז ווי קומט עס וואָס די חיהשע געזעל־שאַפט איז שטענדיק אַ באַשטענדיקע און די מענטשלעכע האַלט זיך אין איין ענדערן?

אפשר צוליב דעם:

דער חילוק צווישן דעם מענטשן און דער חיה באַשטייט אין דעם, וואָס דער מענטש באַנוצט זיך מיט געצייג און די חיה — נישט.

דער חיהס „געצייג" צו קריגן שפּייז זיינען אינטעגראַלע טיילן פון איר קערפּער. און אַזוי ווי די דאָזיקע „געצייג" — די פיזיאָלאָגישע אָרגאַנען און גלידער — ענדערן זיך נישט (רע־לאַטיוו גענומען), איז ממילא ענדערט זיך נישט איר געזעל־שאַפט. דער מענטש איז אָבער אַ געצייג־באַנוצנדיקע חיה, און געצייג, די מיטלען און די אופנים פון פּראָדוקציע, האַלטן זיך אין ענדערן, איז צוזאַמען מיט זייער ענדערונג ענדערט זיך אויך זיין, דעם מענטשנס, געזעלשאַפט.

וואָס זשע מאַכט דעם מענטשן צו מאַכן און ענדערן זיין געצייג?

אַזוי ווי אַלץ אין לעבן איז „בעל כרחה", אַזוי דאָ אויך. ער איז צו דעם געצוואונגען פון לעבן גופא.

וואוינט ער, למשל, לעבן אַ טייך, איז ער געצוואונגען צו דערפינדן אַ שיפל, אַ נעץ אד"גל; געפינט ער זיך אין וואַלד, איז ער געצוואונגען צו דערפינדן אַ שפּיז, אַ פּאַנצער, אַ פייל־בויגן וכדומה, און אין אַ סדר־העולם פון קאָנקורענץ מוז ער זיין געצייג האַלטן אין איין ענדערן, אויסבעסערן.

* * *

ג. דאָס קאָנקרעטע לעבן נעמט זיך נישט פון דער אַבסטראַק־טער אידייע, נאָר די אַבסטראַקטע אידייע נעמט זיך פונעם קאָנקרעטן לעבן.

אידייע... גייסט... מיסיע... אורזאַך און ווירקונג:

דרשנט דער פילאָזאָף העגעל: דער אַבסאָלוטער גייסט וויל זיך אַליין דערקענען...אַ פאָלק האָט אַ מיסיע צו אַנטוויק־לען אַן איינצל־פּרינציפּ פונעם אַבסאָלוטן גייסט... אַנטוויקלט דאָס פאָלק איינעם פונ׳ם גייסטס פּרינציפּן אויף אַזוי פיל אַז ער קומט ביז זעלבסט־דערקענונג, דעמאָלט — „דער מור האָט די אַרבעט אָפּגעטאָן, דער מור קאָן גיין!"

און נחמן קראָכמאַל זאָגט אים נאָך, אָבער אויף אַן אַנדער אופן: ניט אין שטאַט דערגרייכט דער אַבסאָלוטער גייסט זיין העכסטן פּונקט פון אַנטוויקלונג, זיין זעלבסט־דערקענונג, נאָר אין דער רעליגיע. און דעם יידנס מיסיע איז צו אַנטוויקלען און פאַרפולקאָמען דעם רעליגיעזן פּרינציפּ.

פילאָזאָפן, דענקערס — און זיי פאַרשטייען ניט, אַז דעם פאָלקס לעבן, זיין „נאַציאָנאַלער גייסט" איז נישט דער רע־זולטאַט פון זיין מיסיע, נאָר פאַרקערט.

בכלל איז לעכערלעך צו ריידן וועגן „מיסיעס". אויב איך בין אַן אידיאָט מחמת געוויסע דריזן אַרבעטן אין מיר נישט

ווי געהעריק, הייסט עס, אַז מיין מיסיע אין לעבן איז צו זיין אַן אידיאָט...

אויב צוליב געוויסע קאָנקרעטע סיבות בין איך שוואַך און יעדער איינער הייבט אויף מיר אַ האַנט, נעמט אַוועק פון מיר וואָס איך האָב, און מחמת איך קאָן זיך נישט ווערן הייב איך אָן טענהן, אַז מען טאָר זיך נישט שלאָגן, מ׳דאַרף זיין גוט, עטיש — הייסט עס, אַז מיין מיסיע אין לעבן איז צו פאַר־שפּרייטן דעם געדאַנק פון עטיק, פון יושר...

די אידייע, די „מיסיע", איז נישט די סיבה, נאָר דער פּועל־יוצא פונעם מענטשנס מצב און לעבנס-אופן.

* * *

ד. פאַראַן מענטשן וואָס טענהן, אַז דאָס גוטס און שלעכטס אין אונדזער וועלט איז דער רעזולטאַט פון דער אַרבעט און ווירקונג פון איינצעלנע מענטשן, און אַז דער כאַראַקטער פון די מענטשן וואָס שטייען בראש פון דער וועלט איז פון דער סאַמע גרעסטער וויכטיקייט.

אַ חידוש וואָס זיי טענהן אויך נישט, אַז די הויפּטזאַך אין אַ זייגער זיינען די ווייזערס. צי דער זייגער גייט גוט צי שלעכט, איז דאָס דער רעזולטאַט פון די ווייזערס! די ווייזערס ווייזן אונדז די צייט!

אמת, ווען מיר קוקן אויפן זייגער פון אויבנאויף, בלויז אויפן ציפערבלאַט, זעען מיר טאַקע בלויז די ווייזערס. און צי דער זייגער לויפט, צי ער קריכט—מ י ר זעען, אַז דאָס איז די עובדה פון די ווייזערס. ווען מיר זאָלן אָבער אַריינקוקן אַ ביסל טיפער אינעם זייגער, וועלן מיר דערזען אַ גאַנצע מאַשינעריע און מיר וועלן צו אונדזער „איבעראַשונג" דערוויסן זיך, אַז די ווייזערס — נישט נאָר „פירן" זיי נישט דעם זייגער, נאָר, אַז זייער אייגענע באַוועגונג איז גאָר די „אַרבעט" פונעם זיי־גערס אינגעווייד, פון זיין מעכאַניזם.

„גרויסע" מענטשן, „פירערס" — זיי זיינען בלויז די ווייזערס אויפֿן ציפערבלאַט פונעם זייגער פון דער מענטשלעכער געשיכטע!

*

ווען דער ים צעשטורעמט זיך און שטויסט אַרוים צום ברעג אַ באַרג מיט אָפּפאַל, מיינט עס נישט, אַז דער באַרג מיט אָפּפאַל, וואָס איז געווען אין ים האָט געמאַכט, אַז דער ים זאָל זיך צעשטורעמען, נאָר עס מיינט, אַז ווייל דער ים האָט זיך צעשטורעמט, דערפאַר איז דער באַרג מיט אָפּפאַל אַרויסגעשטויסן געוואָרן צום ברעג.

*

„שולדיק אין די שלעכטע פירונגען פון דער וועלט איז דער יחיד און נישט דער סדר-העולם אין וועלכן ער לעבט. וואָס איז דער כלל, דער ציבור? נישט מער ווי אַ קאָנגלאָמעראַציע, אַ מולטיפּליקאַציע פון יחידים! במילא מיינט עס, אַז ער, דער כלל, באַזיצט פונקט די זעלביקע פּסיכיק און כאַראַקטעריסטיק ווי יעדער יחיד-שותף אין איר. אין קורצן, אין בכלל אלא מה שבפרט".

נו, די געשטאַלט-פּסיכאָלאָגיע האָט שוין פון לאַנג באַוויזן די פאַלשקייט פון דער הנחה, אַז „אין בכלל אלא מה שבפרט".

ווען מיר כאַפּן אַ קוק אויף אַ בילד אין אַ ציימונג, וואָס זעען מיר? לאָמיר זאָגן: דעם פּרצוף-פּנים פון אַ מענטשן. אַבער ווען מיר קוקן זיך צו צום בילד גענויער זעען מיר גאָר, אַז דאָס, אויף וואָס מיר קוקן, איז בלויז אַ קאָנגלאָמעראַציע, אַ קאָלעקציע פון ליכטיקע און טונקעלע פינטעלעך אָדער פּאַסיקלעך!

דער פּרט איז נישט מער ווי אַ פּינטל, אָבער דער כלל איז מער ווי אַ מולטיפּליקאַציע פון פּינטעלעך און האָט גאָר אַנדערע אייגנשאַפטן!

אָדער אַ ביישפּיל פון געאָמעטריע.

אַ ליניע איז איין זאַך, אָבער דריי ליניעס קאָמבינירט אין אַ דריי־עק איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש, איז מער און האָט אַנדערע אייגנשאַפטן ווי בלויז אַ קאָלעקציע פון ליניעס.

אָדער אַ ביישפּיל פון אַטאָמישער פיזיק.

דער „יחיד" (עלעקטראָן, פּראָטאָן וכו') אין יעדן כעמישן עלעמענט איז דער זעלביקער, אָבער אַן עלעמענט איז מער ווי בלויז אַ מולטיפּליקאַציע פון זיינע „יחידים". מער נאָך: די „יחידים" פון וועלכע דער אַטאָם איז צוזאַמענגעשטעלט זיינען ממש אַן ממשות, אָבער דער אַטאָם, דער „כלל" איז שוין גאָר ממשותדיק.

דער „יחיד" איז ענערגיע, אָבער דער „כלל" — אַ סך „יחידים" אין אַ געוויסן „סדר־העולם" — איז שוין מאַטעריע!

דאָס אייגענע איז אויך אין ביאָלאָגיע. סיי אַ מילב און סיי אַ העלפאַנט, סיי אַ וואָרעם און סיי אַ מענטש, סיי אַן אידיאָט און סיי אַ גאון באַשטייען פון איינצעלנע קעמערלעך (צעלן).

דער „יחיד" איז בלויז אַ שטיקל פּראָטאָפּלאַזם, אָבער דער „כלל" איז מער ווי בלויז אַ מולטיפּליקאַציע פון קעמערלעך. מער נאָך: נישט די „יחידים", די קעמערלעך, באַשטימען די אייגנשאַפטן און די פונקציעס פון דעם „כלל", פון די געוועבן, נאָר דער „כלל", די געוועבן, באַשטימען די אייגנשאַפטן און די פונקציעס פון די „יחידים"!

אָבער צו וואָס זוכן ביישפּילן? אַ בנין פון ציגל קאָן זיין אַ שטוב, אַ פּאַלאַץ, אַ בית־מדרש אד"גל. דאָס איז אָבער בשום אופן נישט בלויז אַ קאָלעקציע פון ציגל. דאָס אייגענע איז אויך וואָס שייך אַ בגד, אַ רעקל, אַ קלייד, אַ קאָלדרע, אַ טלית אד"גל — געמאַכט פון די זעלביקע וואָלפעדעם, זיי זיינען אָבער בשום אופן נישט בלויז אַ מולטיפּליקאַציע פון פעדעם.

*

אַפילו העכסט אינטעליגענטע מענטשן ווערן געש־טרויכלט אין דעם.

אָט, למשל, גלייבט וויל דיוראַנט, אַז „די אמתע מענטש־לעכע געשיכטע איז נישט אין פרייזן און שכירות, אויך נישט אין וואַלן און שלאַכטן... עס איז די דויערנדיקע ביישטייערונ־גען געמאַכט דורך גאונים צו דעם סכום פון דער מענטשלע־כער ציוויליזאַציע און קולטור. די געשיכטע פון פראַנקרייך איז נישט... די געשיכטע פון דעם פראַנצויזישן פאָלק, די גע־שיכטע פון יענע נאָמענלאָזע מענער און פרויען וואָס האָבן געאַקערט די ערד, פאַרריכט די שיך ... (ווייל אָט־די זאַכן זיינען געטאָן געוואָרן אומעטום און שטענדיק); די געשיכטע פון פראַנקרייך איז דער רעקאָרד פון אירע אויסנאַמלעכע מענער און פרויען, אירע דערפינדערס, וויסנשאַפטסלייט, שטאַטסלייט, פאָעטן, קינסטלער, מוזיקער, פילאָזאָפן..."

נו, „אמת מארץ תצמח". אַפילו ווען מען באַגראָבט דעם אמת אין דער ערד, שפּראָצט ער סוף־כל־סוף אַרויס.

אָט האָט זיך טאַקע ביי דעם זעלביקן וויל דיוראַנט אַרויס־געכאַפּט: „לואי דער זעכצנטער, זעענדיק אין זיין טעמפּל־תפיסה די ווערק פון וואָלטעיר און רוסאָ, האָט געזאָגט: „יע־נע צוויי מענער האָבן חרוב געמאַכט פראַנקרייך", — מיינענ־דיק דעספּאָטיזם.

אַ סברה, אַז דער אָרעמער קעניג האָט דער פילאָזאָפיע אָנגעטאָן צופיל כבוד; אָן ספק, עקאָנאָמישע סיבות זיינען גע־לעגן אַהינטער דעם אינטעלעקטועלן אויפשטאַנד וואָס איז געווען צענטרירט אין וואָלטעירן".

און שרייבנדיק וועגן שפּענגלערן: „אַז געשיכטע איז דע־טערמינירט דורך דערפינדונגען און דערפינדונגען דורך אי־

דייען, און אידייען דורך עקאָנאָמישע באַדערפעניש — דאָס פּאַלט אים נישט איין". („אַדוועַנטשור אין דזשיניוס").

* * *

ה. „קאַרל מאַרקס האָט געבראַכט אַלע אומגליקן אויף דער וועלט! אַלע צרות פון דער איצטיקער צייט נעמען זיך פון אים!".

ניין, נישט אַ לערע ענדערט וועלט און לעבן, נאָר פאַרקערט: ענדערנדיקע וועלט און לעבן ברענגען אַרויס אַ לערע. מאַרקס' לערע איז ווי גראַמאַטיק, למשל.

אויב אין דער שפּראַך איז עפּעס נישט גלאַט, איז עס נישט די שולד פון דער גראַמאַטיק, נאָר פון דער שפּראַך גופא!

* * *

ו. „מאַרקס מיט זיין גראָבן מאַטעריאַליזם, מיט זיין מאָגן-פילאָזאָפיע, איז שולדיק אין די אַלע צרות און איבערקערענישן פון דער וועלט אין דער איצטיקער צייט!"

אַ מענטש האָט געגעסן נישט די ריכטיקע שפּייז. שפּייז אָן מינעראַלן, אָן וויטאַמינען און אָן די וויכטיקסטע נאַרהאַפט-שטאָפן. האָט זיין גוף, מיט דער צייט, געקראָגן פאַרשידענע אויסשלאָגן, די ציינער האָבן ביי אים אָנגעהייבן קרישלען זיך, די יאַסלעס — בלוטיקן און ער האָט, בכלל, אָנגעהייבן קרענקען.

האָט אַ דאָקטאָר אים אונטערזוכט און געזאָגט, אַז שולדיק אין אַלע זיינע צרות איז די שפּייז וואָס ער עסט. און אויב ער וועט נישט אָנהייבן לעבן אויף אַ ריכטיקער, באַלאַנסירטער דיעטע, וועט זיין געזונט האַלטן אין איין פאַרערגערן זיך און דאָס וועט פאַרקירצן זיין לעבן.

דער מענטש האָט אים נישט געפאָלגט און דעם דאָקטער'ס „נבואה" (פּראָגנאָז) איז מקויים געוואָרן.

און איצט קאָן מען הערן זיין ווייב ווי זי האַלט אין איין שרייען: — דער דאָקטער, ימח שמו, — ע ר איז שולדיק אין

מיין מאַנס קראַנקהייט: ווען נישט דער אויסוואָרף דער דאָק־טער מיט זיין גראָבן דיאַגנאָז און פּראָגנאָז וואָלט מיין מאַן נישט געליטן אַזוי!

* * *

קאַרל מאַרקס.

דאָס, וואָס אוממענטשן ריידן אין זיין נאָמען, מיינט נאָך נישט, אַז ער איז געווען אַן אוממענטש; דאָס, וואָס טייוואָלים באַנוצן זיך מיט זיין לערע, מיינט נאָך נישט, אַז זיין לערע איז אַ טייוולאָנישע.

טראָץ אַלע חסרונות, פון אים ווי אַ מענטש און פון זיין לערע, האָט ער אָבער געהאַט די גרויסע מעלה פון קעמפן, סיי מיטן קאָפּ און סיי מיטן גאַנצן לייב און לעבן, פאַר אחדות, פאַר צדק און יושר, פאַר אמתער סאָציאַלער גערעכטיקייט. (הגם ער אַליין וואָלט פּראָטעסטירט געגן אָט־דעם „בילבול" אויף אים).

ווי דער צדיק ר' צדוק, אידענטיפיצירנדיק זיך מיטן גאַנצן כלל ישראל, האָט געהאַלטן אין איין פאַסטן כדי ירושלים זאָל נישט חרוב ווערן, אַזוי האָט ער, מאַרקס, דער גרויסער בעל־יסורים געהאַלטן שטענדיק אין „פאַסטן", אין לעבן אַ חיי־צער, ווייל ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיטן גאַנצן מענטשלעכן מין.

*

די קורחם פון אַלע צייטען און לענדער, צוזאַמען מיט זייערע עדהס, האַלטן אין איין גיסן פּעך און שוועבל אויף אים, אָבער צוזאַמען מיט משה רבנו קאָן ער מיט אַ ריינעם געווים זאָגן: „לא חמור אחד מהם נשאתי"!

* * *

וואָס איז דער סאַמע עיקר, די „נקודה" פון מאַרקסיזם?

דאָס מקיים זיין גאָטס זאָג „וכבשה ורדו" — באַצווינגט זי און געוועלטיקט.

ס׳הייסט, נישט נאָר דאַרף דער מענטש ווערן דער האַר אי־
בער דער נאַטור (דורך פאָרשן און דערגיין אירע סודות, די
געזעצן אירע, און זיין וויסן פאַרוואַנדלען אין מעשים) און
איינשפּאַנען און אויסנוצן זי פאַר זיין וואוילזיין, נאָר
ער דאַרף אויך זען אויפצוהערן זיין דער שקלאַף פון די פּראָ־
דוקטיווע כוחות, די מיטלען און אופנים פון פּראָדוקציע און
דיסטריבוציע, און ווערן זייער האַר.

וואָס איז געווען מאַרקס׳ טיפסטער „אני מאמין״?

די רעאַליזירונג פון גאָטס אָנזאָג „וקראתם דרור בארץ
לכל ישביה״ (ויקרא כ״ה, 10).

ביז איצט איז דער מענטש פאַר דער מאַשין און ניט
די מאַשין פאַרן מענטשן, נישט דער אַרבעטער באַשעפטיקט
די מיטלען פון פּראָדוקציע, נאָר די מיטלען פון פּראָדוקציע
באַשעפטיקן דעם אַרבעטער; ביז איצט איז דאָס עקאָנאָמישע
לעבן באַלעבאָס איבערן מענטשן, ווי דער וועטער, למשל, ס׳איז
שוין אָבער צייט, אַז ער, דער מענטש, זאָל אויפהערן ריידן
וועגן „וועטער״, נאָר זען עפּעס טאָן וועגן אים.

אָנשטאָט צו זיין אַן אומבאַהאָלפענער שקלאַף ביים
„וועטער״ און זיך מוזן צופּאַסן צו אים, דאַרף ער ווערן באַלע־
באָס איבערן „וועטער״ און צופּאַסן אים צו זיך.

פריי דאַרף דער מענטש זיין, דאַרף און זאָל און וועט!

איצט איז ער אַ חמור און פאַרשקלאַפט צום חומר, אָבער
ער דאַרף — און וועט סוף־כל־סוף! — באַפרייען זיך פון דער
ממשלה פון נויטווענדיקייט און אַריינטרעטן אין דער ממשלה
פון פרייהייט.

* * *

ג מענלעך:	ווייבלעך:
רוים	ישראל
דייטשלאַנד	פראַנקרייך
אַקצידענט	אָריענט
יידנטום	קריסטנטום
וויסנשאַפט	קונסט
מאַכט	ליבע
שכל	געפיל
עקסטראַווערסיע	אינטראָווערסיע.

אַמאָל, ווען די פרוי איז געווען באַלעבאָס (מאַטריאַרכאַט), וואָלט די אייבערשטע צעטיילונג געווען פונקט פאַרקערט. באַווייזט עס, אַז נישט דאָס לעבן איז שולדיק אין אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דער מענטשלעכער וועלט, נאָר דער אופן פון לעבן. נישט „ביאָלאָגיע", נאָר „סאָציאָלאָגיע", עקאָנאָמיק.

* * *

בית-מיליקען-טאָלמאַן האַלט פון רעגענעראַציע און בית-דזשינס-עדינגטאָן האַלט פון דעגענעראַציע פונעם קאָסמאָס.

די זעלביקע פאַקטן און די זעלביקע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן — און דאָך אַזעלכע אַנטקעגנגעזעצטע מיינונגען. (די יצירה איז אַן אייביקער פּראָצעס. די קאָסמישע שטראַלן זיינען די „חבלי לידה" פון נייע וועלטן; דער אוניווערז גייט, לויט דעם צווייטן געזעץ פון טערמאָ-דינאַמיק, צום אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג).

— זאָל עס זיין מחמת דעם ?

אַמעריקע איז יונג, איז אינמיטן פון איר בליען, האַלט זיך ערשט אין אויסשפּרייטן, על-כל-פנים אין אויסשפּרייטן איר

איינפלוס; איר „זיין" איז „רעגענעראַציע" — און מיליקען־טאַלמאַן זיינען אַמעריקאַנער.

ענגלאַנד, ווי אַן אימפּעריע און פּאָליטיש־עקאָנאָמיש האַלט אין פונאַנדערפאַלן, אין דעגענערירן — און דזשינס־עדינגטאָן זיינען ענגלענדער.

* * *

די איינוואוינער פון די קאַלטע לענדער זיינען, בכלל גע־נומען, עקסטראַווערטן. די פון די הייסע לענדער — אינטראָ־ווערטן.

אויב דאָס איז אמת, קאָן מען עס דערקלערן אויף אַט־דעם אופן:

די פון די קאַלטע לענדער דאַרפן קעמפן מיט דער נאַטור כדי צו קאָנען עקזיסטירן. די נאַטור איז אינדרויסן פון זיי, איז זייער קוק צום דרויסן געווענדט, זיינען זיי עקסטראַווערטן.

די פון די הייסע לענדער—איין שיהי־פיהי מאַלצייט אַ טאָג איז גענוג פאַר זיי, און אַ הויז, אַ בגד — נישט פון די געוואַל־דיקע נויטווענדיקייטן, פוילענצן זיי. בפרט נאָך, אַז די היץ העלפּט אין דעם דירעקט אַרוים! איז אַז מען דאַרף זיך נישט פאַרנעמען מיט דער ווירקלעכקייט, פאַרנעמט מען זיך מיט דער פאַנטאַזיע; אַז מ׳דאַרף נישט זיין פאַרטאָן אינעם דרויסן, קריכט מען אַריין און מען פאַרטוט זיך אין זיך — און מ׳ווערט אינטראַווערטיש.

ח. „אַ נביא איז נישט אָן כבוד, סיידן אין זיין אייגן לאַנד, ביי זיינע קרובים און אין זיין הויז. און ער האָט דאָרטן נישט געקאָנט טאָן קיין וואונדער". (מאַרקוס, קאַפּיטל 6, 4—5).

„אָנבאַט און נאָכפרעג". ווי אין עקאָנאָמישן אַזוי אויך אין גייסטיקן לעבן.

אַמאָליקע יאָרן זיינען ביי די יידן געווען אַזויפיל עילויים אין לערנען, נישט נאָר צוליב דעם וואָס זיי, די עילויים, האָבן

געהאַט שאַרפע מוחות, ווי אויך — און אפשר איבערהויפּט! — מחמת דעם וואָס דער עולם האָט געגלייבט אין לערנען, טייער געהאַלטן לערנען, געקוקט אויפן לערנער, אויפן גע־לערנטן מיט יראת־הכבוד.

ווייל די סאָציאַלע קולטור־אַטמאָספערע איז געווען פול מיט „עלעקטריציטעט" פון גלייבן אין לערנען, דערפאַר האָבן די לערנערס געוואָלט לערנען, געקאָנט לערנען און טאָן וואונ־דער אין לערנען, בליצן און זיין עוקרי־הרים.

* * *

ט. דאָס „זיין" באַשטימט נישט נאָר דעם באַוואוסטזיין, נאָר, אין אַ גרויסער מאָס, אויך דעם אונטער־ און אומבאַוואוסטזיין.

*

ש. א. האָט געהאַט אַ זייער אָרעמע קינדהייט אין פּוילן. די אמתע וואַרשעווער אָרעמקייט. ממש נישט געוואוסט וואָס לעבן הייסט.

אין זיין (יידיש) בוך איבער השארת הנפש שרייבט ער, אַז ער האָט נישט געגלייבט אין אַ לעבן נאָכן טויט. האָט נישט געוואָלט גלייבן, מחמת דאָס לעבן אויף ד ע ר וועלט איז גאַר־נישט אַזאַ מציאה, אַז ער זאָל וועלן נאָך אַ לעבן אויף י ע נ ע ר וועלט; ער איז גאָרנישט אַזוי פאַרליבט אין דער ערשטער עקזיסטענץ, אַז ער זאָל בענקען נאָך אַ צווייטער. נאָר וואָס דען? אַז ער האָט אָנגעהייבן פאָרשן, קלייבן פאַקטן וועגן השארת הנפש, איז ער געצוואונגען געוואָרן פון די פאַקטן אָנצונעמען, אַז ס'איז יאָ דאָ אַ לעבן נאָכן טויט, אַ צווייטע עקזיסטענץ.

ק. ל. איז אַ זון פון אַ מיליאָנער אין אַמעריקע.

אין זיין (ענגליש) בוך איבער השארת הנפש שרייבט ער, אַז איידער ער האָט אָנגעהייבן פאָרשן און קלייבן פאַקטן פאַר אָט־דעם בוך, האָט זיך אים זייער געוואָלט אַ לעבן נאָכן טויט

און ער האָט געגלייבט דערין, אָבער די פאַקטן און לאָגיק האָבן אים געצוואונגען צו ענדערן זיין מיינונג און באַטראַכטן אומשטערבלעכקייט ווי אַן אילוזיע.

ש.א. האָט אין זיין קינדהייט געהונגערט, געליטן נויט. די מאַטעריעלע וועלט איז צו אים געווען אַ „שטיפמוטער״.

ער איז אַ ביטערער שונא פון מאַטעריאַליזם, פון גשמיות און אַ טיף־גלייביקער אין רוחניות. און אויף קאָמוניזם קוקט ער ווי אויף טומאה.

ק. ל., ווי אַ מיליאָנערס אַ קינד, האָט אין זיין קינדהייט געהאַט פון כל־טוב.

ער איז אַ מאַרקסיסט, אַן אַטעאיסט און אויף קאָמוניזם קוקט ער — אָדער האָט געקוקט — ווי אויף עפּעס, וואָס העכערס און שענערס קאָן גאָרנישט געבן.

„רעליגיעזע מאָראַל״
רעליגיע און גאָט

א. „דער פּשוטער מענטש ווייסט נישט פון קיין אַנדער מאָראַל, ווי אַ רעליגיעזע. און אין תוך איז טאַקע גאָרנישטאָ קיין אַנדערע. אויב דער מענטש איז, ווי די מעכאַניסטן זאָגן, נישט מער ווי אַ כעמיש־ביאָלאָגישע מאַשין, אַן אַ פרייען ווילן, אַן אַ צוועק אין לעבן, איז דאָך נישטאָ קיין אורזאַך פאַר וואָס ער זאָל זיך אויפפירן מאָראַליש; אויב ס׳איז „לית דין ולית דיין״, איז פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיין עטיש?״.

יאָ, פון אויבנאויף גענומען איז דאָס ריכטיק. אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעכער קוק אויפן מענטשן קאָן אין דעם אומוויסנדיקן זייער גרינג אַרויסרופן מאָראַלישע אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, די מעשה איז אָבער וואָס אַן אומוויסנדיקער קאָן נישט האָבן אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעכן קוק אויפן מענטשן. אויף דער נאַטור אויך נישט! קוים האָט ער עס יאָ, איז ער

שוין נישט אומוויסנדיק, איז ער שוין באַוואוסטזיניק און פאַר־שטענדיק, איז ער קלוג. און דער קלוגער זאָגט: ס'איז טאַקע אמת, אַז לית דין ולית דיין — אין דעם פּרימיטיוו־רעליגיעזן זין — און איך מעג זיך אויפפירן נישט־עטיש, טאָן און אויפ־פירן זיך ווי מיר ווילט זיך. אָבער אויב איך מעג עס, מעג עס דאָך יענער אויך, קאָנען מיר דאָך אַזוי איינער דעם אַנ־דערן פאַרניכטן! מוז איך דאָך שטענדיק לעבן אין אומזיכער־קייט, פאַרדאַכט און מורא, מוז איך דאָך תמיד זיין אויף דער וואַך, ווי אַ חיה אין וואַלד, וואָס דאָס איז גאָר קיין לעבן נישט! איז לוינט זיך מיר טאַקע בעסער — פון מיין אייגענער טובה וועגן! — צו לעבן בשלום מיט מיינע מיטמענטשן, וואָס דאָס מיינט: צו זיין עטיש.

פאַר מיין אייגענעם קיום מוז איך טאָן וואָס איז גוט און נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט!

שוין נישט צו ריידן וועגן דעם, אַז נישט נאָר קאַמף פאַרעקזיסטענץ הערשט אין דער נאַטור, — נאָר אויך געגנזייטיקעהילף. ואחרון חביב. און אַ סברה, אַז דאָס לעצטע — דאָס העלפן יענעם, דאָס אַוועקגעבן זיך — פאַר־שאַפט דעם מענטשן מער נחת־רוח און מנוחת־הנפש איידער נעמען.

ווייל געבן גיט דעם מענטשן דאָס געפיל, אַז מען דאַרף אים, וואָס דאָס גיט זיין לעבן אַן אינהאַלט און אַן אַנהאַלט.

* * *

ב. רעליגיעזע מאָראַל — מה רעל!

די רעליגיעזע מאָראַל פון די מולכ'יסטן האָט באַפוילן צו פאַרברענען קינדער; די רעליגיעזע מאָראַל פון די הינדוסן האָט געהייסן פאַרברענען פרויען; די רעליגיעזע מאָראַל פון דעם סטאַליער'ס נאָכפאָלגערס האָט געפאָדערט צו פייניקן און פאַרברענען סיי פרויען און סיי מענער; די רעליגיעזע מאָ־

ראַל פון דעם עפּילעפּטיקער׳ס חסידים האָט סאַנקציאָנירט די פאַרניכטונג, דורך פייער און שווערד, פון די „אומגלייביקע״.
„אַ פייער־אָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט״!
אויב מיר האָבן יאָ אַ ביסל מאָראַל אויף דער וועלט, איז עס מחמת דער מענטש, זייענדיק אַ „געזעלשאַפטלעכע חיה״, האָט מורא פאַר זיינע מיטמענטשן אַ סך מער ווי פאַר גאָט; רעכנט זיך מער מיט זיין שכנ׳ס מיינונג ווי מיט גאָטס געבאָט!

* * *

ג. דער אומבאַוואוסטזיין איז דער יסוד, די פּרימערע פונקציע. דער באַוואוסטזיין איז, אַזוי צו זאָגן, אַן איבערבוי, די סעקונדערע פונקציע.
רעליגיע נעמט זיך פון דער פּרימערער פונקציע, דערפאַר איז זי אַזוי פאַרגליווערט, אַזוי עקשנותדיק־אומפאַרענדערלעך, אַזוי בלינד־פאַנאַטיש איינגעגלייבט אין זיך, אין איר אַבסאָלוטן אמת.
וויסנשאַפט נעמט זיך פון דער סעקונדערער פונקציע, דערפאַר איז זי דער היפּוך פון רעליגיע.

*

וויסנשאַפט, וואָס ווייסט אַ סך וועגן „זאַכן״ וואָס מען קאָן וויסן, וואָס מען קאָן „פריער־שפּעטער, זיך דערוויסן, זאָגט הכנעה׳דיק: אפשר, דאָס איז בלויז אַ השערה, אַ טעאָריע. רעליגיע, וואָס ווייסט גאָרנישט וועגן „זאַכן״ וואָס מען קאָן גאָרנישט וויסן, וואָס מען קאָן קיינמאָל זיך נישט דערוויסן, דאָגמאַטעוועט: זיכער! אַבסאָלוט! אַ תורה וואָס איז אייביק!

*

„אַז גלויבן שטייט אַ סך העכער פון וויסן, איז צו זען פון דעם פאַקט, וואָס אַ מענטש וועט זיך מקריב זיין פאַר

זיין גלויבן אָבער נישט פאַר זיין וויסן. פאַרגלייכט די שטאַרקע פעולה וואָס אמונה האָט אויפן מענטשן און די ביז גאָר שוואַכע פעולה וואָס דאָס וויסן האָט אויף אים!"

נו, דאָס איז טאַקע אמת, מ'טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אין אַ קינד דאָמינירט „מאַגיש - דענקען" און נישט וויסן, און מחמת דעם קאָן מען עס איינריידן אַלץ אין דער וועלט, אַלץ וואָס איז אומלאָגיש, איראַציאָנאַל — און דאָס ווערט ביי אים אַ קאָמפּלעקס.

אמונה הייבט מען אָן אַריינפּאָמפּען אין אים — אָדער ער נעמט זיך אָן פון דעם — אין זיינע פריסטע קינדער-יאָרן, בעת וויסן קומט צו אים — אויב עס קומט צו אים בכלל! — העט שפּעטער, ווען ער איז שוין אַ „פּאַרטיקער".

ווידער, גלויבן איז פאַרבונדן מיט געפיל, און וויסן — מיט שכל. און אַז אַ מענטש גייט אַרונטער פון זינען, איז עס מחמת קאָנפליקטן אין דער ספערע פון געפיל און נישט צוליב שקלא-וטריאם און פּראָבלעמען פון שכל.

*

אַז ס'איז נישטאָ קיין שומר, איז דער גאָרטן הפקר און „כל דכפין" מאַכט זיך דאָרט היימיש.

*

אַז אַ גאָרטן ווערט נישט קולטיווירט, ווערט ער פאַר-פלייצט פון ווילדגראָז. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז דאָס ווילד-גראָז איז עפּעס העכערס, חשובערס, אַז ס'איז וויכטיקער און ווערטיקער פון בלומען.

*

דאָס לאָזן זיך אומברענגען פאַר אַ גלויבן מאַכט נאָך נישט דעם גלויבן פאַר עפּעס העכערס, פאַר אמת, אַזוי ווי דאָס

באגיין זעלבסטמארד צוליב א פרוי מאכט נאך נישט דער פרוי פאר אן איבערמענטש, פאר דעם העכסטן אמת אין פרויען־שאפט.

*

רעליגיע וואָרצלט אינעם פרימערן פרינציפּ. פון אים איז זי געבוירן און פון אים שעפּט זי איר יניקה.

א קינד אין דער פינצטער שרעקט זיך און זעט גייסטער.

דאס איז געווען דער אָנהייב און איז די גאנצע צייט דער תוך פון רעליגיע.

די פינצטערניש פונעם אומבאוואוסטזיין באשאפט און נערט די אַלע גייסטער און געטער.

אמת, רעליגיע האט דורכגעמאכט א געוואלדיקע עוואָ־לוציע, אזוי, אז די היינטיקע ציוויליזירטע רעליגיעס האבן כמעט גארנישט אין געמיינשאפט מיט די אַמאליקע, די פרימי־טיווע, אָבער וואס פאר א תוך־באדערפעניש פונעם מענטשן באפרידיקן די דאזיקע ציוויליזירטע רעליגיעס ?

דער מענטש וויל נישט זיין קיין יתום אינעם קאסמאס, נו, גיט אים רעליגיע א טאטן. ער וויל נישט נאכן טויט שפורלאז פארשווינדן פון דער וועלט, ער וויל נישט זיין טויט ! — נו, גיט אים רעליגיע א נשמה און א יענע וועלט. — צוקערלע־קעכלעך פאר קינדער !

*

וואס מער באלעבאס דער מענטש ווערט איבער דער נא־טור, אלץ וויניקער באלעבאטעווען די געטער איבערן מענטשן.

*

וואס מער די מענטשהייט וועט זיך באפרייען פון נויט, אלץ וויניקער וועט זי זיך נייטיקן אין געטער.

* * *

ד. „הכל... יפה בעתו". פאַרן פּרימיטיוון מענטשן איז רעליגיע געווען די בעסטע „פילאָזאָפיע" און וויסנשאַפט. דאָס איז געווען די בעסטע דערקלערונג וואָס זיין פּרימיטיווער מוח האָט געקאָנט געבן פון יענע כוחות וואָס ער האָט געזוכט צו קאָנטראָלירן פון זיין אייגענער טובה וועגן, און פון די מעטאָדן ווי אַזוי צו קאָנטראָלירן זיי.

אויב הינטער די און יענע נאַטור־כוחות און דערשיינונגען געפינען זיך לעבעדיקע ווילנס, גייסטער (אַנימיזם), — וואָס ער איז געווען זיכער, אַז זיי געפינען זיך אינדרויסן פון אים ווי רעאַלע וועזנס, — איז דאָך דאָס, וואָס מען טוט כדי צו נושא־חן זיין ביי זיי, נישט מאַגיק, נישט טאַבו, נישט אַבערגלייבן, נאָר עפּעס, וואָס איז זייער פּראַקטיש און שכל־הישרדיק.

*

גאָט און עטער.

אַ מענטש וויל זיך דערקלערן געוויסע דערשיינונגען, באַשאַפט ער זיך אַ השערה. אַזאַ השערה איז, למשל, דער עטער. אויך גאָט.

אויף אַ געוויסן מעמד פון קולטור און וויסנשאַפט זיינען אַזעלכע השערות געווען נוצלעך, ווייל פאַרענטפערט אַ סך דערשיינונגען, וואָס אָן זיי, די השערות, וואָלט עס נישט געווען מעגלעך. אָבער איצטער אין דער נאָך־איינשטיינישער צייט, איז די עטער־השערה געוואָרן לגמרי נוצלאָז, ווייל די אַלע דערשיינונגען וואָס די השערה פונעם עטער האָט דערקלערט, ווערן איצט דערקלערט אַ סך פּשוטער און אָן ווידערשפּרוכן: פיזיש־מאַטעמאַטיש.

אַ פאַרפרוירענער טייך (ווי יעדע נאַטור דערשיינונג) איז פאַרן פּרימיטיוון מענטשן געווען די אַרבעט פון אַ גייסט, זיינס

אַ קאַפּריז. אַז קיין בעסערע דערקלערונג פאַרוואָס דער טייך איז פאַרפרוירן און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן האָט ער נישט געהאַט, איז דאָס אויך געווען אַ דערקלערונג. אָבער נאָכדעם ווי די וויסנשאַפט האָט אויסגעפונען די נאַטירלעכע סיבה פון דעם, דאַרפן מיר שוין צום גייסט מיט זיינע קאַפּריזן נישט אָנ־קומען.

און אַזוי ווי ס׳איז שוין אוים מיט דער עטער־פיקציע, אַזוי וועט אויך סוף־כל־סוף ווערן אוים מיט דער גאָט־פיקציע. ווייל דער גאָט פונעם „ציוויליזירטן" איז בלויז די פאַראיידעלונג פונעם „גייסט" פון דעם „פרימיטיוון".

אַמאָל איז גאָט געווען אַ לעבעדיקע השערה, די בעסטע דערקלערונג פון אַלע דערשיינונגען פון וועלט און לעבן. אָ־בער איצט איז די דאָזיקע השערה שוין אומנויטיק, נוצלאָז, און יעדער לעבעדיקער אבר וואָס ווערט נוצלאָז מוז סוף־כל־סוף אַטראָפירט ווערן.

נאָטאַ בענע: דאָ רעדט זיך נישט וועגן דעם פילאָזאָ־פישן גאָט פון אַ שפינאָזאַ, אויך נישט וועגן דעם פּאָעטישן גאָט פון אַ טאַגאָר, און אוודאי נישט וועגן דעם סאָציאָלאָגישן גאָט פון אַ דורקהיים, וואָס איז דער קאָנצענטרירטער לעבנס־ווילן פון אַ פאָלקס־געמיינשאַפט פערזאָניפיצירט, נאָר וועגן דעם קינדיש־אַנטראָפּאָמאָרפישן גאָט וואָס איז דער פּראָדוקט, די פּראָיעקציע, פונעם מענטשנס אומבאַוואוסטזיין.

*

פאַרוואָס איז „משה אמת ותורתו אמת"? אין וואָס באַ־שטייט די גרויסקייט, די רייפע דערוואַקסנקייט, פון יידיש־קייט?

איז דער ענטפער: יידישקייט — אין תוך, אין לעצטן סך־הכל — איז אייביקער קאַמף קעגן אינפאַנטיליסטישן געטע־ריזם, אומאויפהערלעכע מלחמה מיט געטערשטשינע.

*

אמת, אויך יידישקייט באַנוצט זיך מיטן נאָמען, באַגריף אָדער טערמין „גאָט". אָבער דאָס איז אַ מעשה מיט האָמעאָ־פּאַטיע.

האָט דען יידישקייט אַמאָל נישט איינגעפירט קרבנות, כדי אָפּצוגעוויינען דעם יידן פון (מענטשלעכע) קרבנות?

און הייליקע ימים־טובים כדי אָפּצוגעוויינען אים פון אומ־הייליקע (געצענדינערישע) ימים־טובים?

* * *

ה. אחד העם האַלט, אַז די מערסטע דינים,סייגים,תקנות און מינהגים פון דער יידישער אמונה זיינען אַנטשטאַנען אין גלות צוליב די נויטן פונעם פאָלק, ווי אַ פּאַנצער צו באַשיצן דעם יידישן פאָלק פון אונטערגאַנג. דאָס מיינט, אַז די יידישע אמונה ווי זי האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט אין גלות איז דער פּראָדוקט פון אַן עוואָלוציאָנערן פּראָצעס פון צופּאַסונג צוליב קיום האומה, ווי אַ חיה, וואָס אַנטוויקלט אין זיך במשך אַ צייט גע־וויסע גלידער און אייגנשאַפטן וואָס העלפן זי צוצופּאַסן זיך צו דער סביבה און פאַרזיכערן איר קיום.

אויך זשיטלאָווסקי האַלט, אַז „די אַלע דינים און מינהגים, מצוות און עבירות... מוזן באַטראַכט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַלער שוץ־פּאַנצער, מיט וועלכן דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אַרומ־גערינגלט פון אַלע זייטן, כדי גוט אויסצושטיין דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג".

לאַוראַוויש גערעדט: רעליגיע, ווי דער אינטעליגענט, דאַרף דינען דעם פאָלק, דאָס איז איר געזעלשאַפטלעכע שליחות. אָדער ווי ב. ריווקין דריקט זיך אויס: „גאָט דאַרף אַנגעשטעלט ווערן צו שמירן די רעדער".

טענהן טאַקע די היינטיקע נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע,

פאָלקיסטישע סעקולאַריסטן, אַז אַ ייד דאַרף זיך פירן לויט דער הלכה נישט מחמת ,ד׳ דבר׳ (ישעיה א, 2), נאָר צוליב „פוק חזי מאי עמא דבר״ (ברכות מ״ה, ע״א). נישט ווייל גאָט האָט אַזוי געהייסן, נאָר ווייל אַזוי פירן זיך יידן — און דער ייד, ווער ער זאָל נישט זיין, דאַרף זיך סאָלידאַריזירן מיט זיין פאָלק.

דערמאָנט עס אין האנז פאַיהינגערס פילאָזאָפיע פון „אַלס אָב״ (גלייך ווי, כלומרשט) און איז, אין תוך, אַזוי פאַלש און שעדלעך. (אויב גענומען אַבסאָלוט, מעטאַפיזיש און נישט רע־לאַטיוו, דיאַלעקטיש).

רעליגיע, האַלט פאַיהינגער, איז טאַקע נישט קיין טע־אָרעטישער אמת, זי איז אָבער אַ פּראַקטישע, סאָציאַל-נייטי־קע פיקציע, וואָס מען דאַרף נישט אַוועקנעמען פון עולם.

דאָס מיינט דאָך אָבער צו זאָגן, אויב אַ געצנדינער אַ דענקער קומט צו דער דערקענונג, אַז די שטיינערנע געטשעס צו וועמען זיינע מיטמענטשן דינען זיינען אין דער אמתן פאַל־שע געטער, נישט מער ווי פשוטע שטיינער, דאַרף ער, לויט פאַיהינגערן, זאָגן : אמת טאַקע, ווי טעאָרעטישע אמתן זיינען די געטשעס קיין געטער נישט, זיי זיינען פיקציעס, זיי זיינען אָבער אין פּראַקטישן זינען סאָציאַל-נייטיקע פיקציעס, בכן, הייסט עס,דאַרף מען אָנהאַלטן דאָס געצנדינסט גלייך ווי די געטשעס וואָלטן געווען אמתע געטער !

די „פילאָזאָפיע״ פון אַ פירונג איז פאַלש ? דאַרף מען, לויט פאַיהינגערן, די פירונג נישט ענדערן, נאָר אָנהאַלטן גלייך ווי זי וואָלט געווען אמת !

*

אַזוי ווי אַ פרומער, ערלעכער ייד דאַרף פון צייט צו צייט לאָזן איבערקוקן זיינע תפילין, און שטענדיק אַליין איבערקוקן זיינע ציצית, ווייל ס׳קאָן זיין, אַז זיי זיינען גאָר פסולע, — גע־ווען פסולע לכתחילה אָדער מיט דער צייט געוואָרן, — אַזוי

דאַרף דער מיט־זיך ערלעכער מענטש — אויב נישט שטענדיק, איז פון צייט צו צייט — איבערקוקן זיינע מיינונגען, גלייבונ־גען און איבערצייגונגען.

נישקאָשע, ער האָט זיך פון וועמען צו לערנען. אויך כביכול „בונה עולמות ומחריבן" און איז „מחדש... בכל יום תמיד מעשה בראשית".

* * *

ז. אַלע ציוויליזירטע רעליגיעס, איבערהויפּט די יידישע, האַלטן זייער שטאַרק פון תשובה.

תשובה מיינט אומקער, צוריקקער.

אינסטינקט — דאָס אייגענע.

דער פרומער זאָגט: דער מענטש דאַרף אונטערדריקן זיינע אינסטינקטן פון דער נאַטור אויב זיי שטימען נישט מיט גאָטס געבאָטן און אומקערן זיך צו גאָט. ווייל לכתחילה, איי־דער ער האָט אָנגעהייבן זינדיקן, איז ער דאָך געווען אַ חלק אלוק ממעל.

דער פרייער זאָגט: דער מענטש דאַרף זיך באַפרייען פון די געבאָטן פון „גאָט", ס'הייסט, פון די פירעכצן פון דער טשע־רעדע, אויב זיי זיינען אין תוך געגן די פונדאַמענטאַלע נאַ־טור־אינסטינקטן און אומקערן זיך צו דער נאַטור, פון וועלכער ער איז אַרויסגעקומען און איז אַ טייל.

*

אַ מענטש טוט תשובה, ווייל ער ליידט פון אַ שולד־געפיל.

דער פרומער גלייבט, אַז זיין שולד־געפיל איז בנוגע די געבאָטן פון גאָט וואָס ער פאָלגט נישט אוים.

דער פרייער גלויבט, אַז זיין שולד־געפיל איז בנוגע די געבאָטן פון דער נאַטור וואָס ער ווידערשפעניקט.

* * *

ז. משיח און תחית־המתים. אויך דער „פרייער" מעג— און זאָל! —גלייבן אין דעם.

ווען משיח וועט קומען — ווען דער מענטש וועט זיך באַפרייען פון זיין טראַדיציאָנעלער ציוויליזאַציע; ווען עס וועט זיין „ומלאה הארץ דעה" און דער מענטש וועט אַריינגיין אין דער ממשלה פון פרייהייט — בלויז דעמאָלט וועט פאַר־קומען דער אמתער תחית־המתים.

אין דער איצטיקער טראַדיציאָנעלער ציוויליזאַציע איז דער מענטש בבחינת מת, ווייל מער ווי אַ צען פראָצענט פון זיינע גייסטיקע כוחות נוצט ער נישט אויס. אָבער נאָך ביאת המשיח וועט ער אויפשטיין תחית־המתים, וועט זיין גאַנצער גייסט, וועלן זיינע אַלע פאַרבאָרגענע כוחות לעבעדיק ווערן און קומען צום אויסדרוק.

און נאָך אַט־דעם תחית־המתים וועט דער מענטש לעבן אייביק, ס'הייסט, „סוב ספעציע עטערניטאַטים". ער וועט דערגרייכן צו אַזאַ הויכער מדרגה פון דערקענטעניש, אַז יעדע איינצל־געשעעניש וועט פאַר אים דערשיינען אונטער דעם קוק־ווינקל פון דער אייביקייט.

ח. השארת הנפש איז נישט אַ זאַך פון אמונה, נאָר עפּעס וואָס מען זעט אין דער ווירקלעכקייט; אומשטערבלעכקייט איז נישט עפּעס אין וואָס מען דאַרף גלייבן, נאָר מ'דאַרף עס אָנ־נעמען ווי אַ פאַקט.

אָט זעען מיר בפירוש, אַז אַ רש"י, למשל, אָדער אַ רמב"ם זיינען איצט פונקט אַזוי לעבעדיק — ניין, נישט אין ערך לע־בעדיקער! — ווי אַמאָל בשעת זיי האָבן געלעבט.

יאָ, אַ מענטש איז אומשטערבלעך — אויב ער לאָזט נאָך זיך איבער אומשטערבלעכע ווערק.

אַזוי ווי ביאָלאָגיש איז דער מענטש אומשטערבלעך, — אויב ער האָט קינדער און די קינדער האָבן קינדער עד סוף כל הדורות, — אַזוי איז ער אויך גייסטיק אומשטערבלעך — אויב ער לאָזט נאָך זיך „גייסטיקע קינדער" — אויפטוּנגען אין דער וועלט פון ציוויליזאַציע אָדער קולטור, וואָס לעבן אין די ווייטערדיקע דורות.

„ויגוע ויאסף אל עמיו" — די אומשטערבלעכקייט פונעם מענטשן באַשטייט אין דעם, וואָס ער ווערט איינגעזאַמלט צו זיין פאָלק,וואָס ער לעבט אינעם זיכרון פון די לעבעדיקע.

*

און דער מענטש מוז נישט זיין אַן מאָל-געוועזענער בשר-ודם, וואָס האָט געלעבט אין דערווירקלעכקייט, ער קאָן אויך זיין דער פּראָדוקט פון אַ קינסטלערס פאַנטאַזיע, ווי לאָמיר אָנ-כאַפּן, אַ דאָן קיכאָט אָדער אַ האַמלעט.

זיכערהייט און געדעכטיקייט

א. ווען אַ מענטש גייט איבער דינעם אייז, איז ער אָנגעצייגן און אומרואיק, פול מיט מורא און מיט אַנגסט, אַ שטיק „נעווראָטיקער". און דאָס איז ווייל ער איז אומזיכער. גייט ער אָבער איבער גלאַטער יבשה, איז ער זיכער, און דעריבער איז ער פריי פון מורא און פון אַנגסט.

זיכערהייט איז די הויפּט-שטרעבונג פונעם מענטשן, ווי פון יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש. און נישט נאָר אין ביאָלאָגישן לעבן איז עס אַזוי, נאָר אויך אין זיין סובלימירונג : אינעם קולטור-לעבן.

אין פילאָזאָפיע דריקט זיך אויס די זיכערהייט-זוכעניש אין : אידייע, סובסטאַנץ, אומפאַרענדערלעכקייט אאַז"וו. אין סאָציאָלאָגיע : האַרמאָנישע געזעלשאַפט. סאָציאַליזם — דער

חלום און די בענקשאַפט פון איין כלל — און קאָנסערוואַטיזם, רעאַקציע, סטאַטוס קוואָ — פון אַ צווייטן כלל.

אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם (־לאָזיקייט) איז נישטאָ קיין זיכערהייט, ווייל די נשמה פון אָט־דער נשמהלאָזער סיסטעם איז קיניזם (השומר אחי אָנכי?) און סדומיזם (יעדער איינער פאַר זיך!) און דערפאַר איז די קולטור פון דער היינטיקער צייט אַ נ ע ו ו ר אָ ט י ש ע קולטור.

* * *

ב. צדקה. איך פאַרקויף אַ מענטשן ענגע שיך, און אַז ער קריגט היינער־אויגן און הייבט אָן שרייען פון ווייטאָג, שענק איך אים עטלעכע פלאַסטערלעך.

צדקה. אַ מענטש גראָבט אוים פאַר מיר אַ ברונעם, און זעענדיק, אַז ער פאַלט אַוועק אַ פאַרשמאַכטער, גים איך אים אַריין אין מויל אַ פּאָר טראָפּנס וואַסער.

צדקה. דער טייטש פון צדקה איז גערעכטיקייט, אָבער אין אַ וועלט פון גערעכטיקייט איז נישטאָ קיין אָרט פאַר צ ד ק ה!

* * *

ג. וואָס איז דער חידוש וואָס דער שבת קוקט אוים אַזוי שיין און חשוב, אַז זעקס שקלאָפן אַרבעטן שטענדיק פאַר אים און שטעלן אים צו פון כל־טוב — און וואָס טוט דער שבת אַליין? לחלוטין גאָרנישט. שלאָפט און עסט און לאָזט זיך וואולגיין ווי אַ פריץ!...

*

די קדושה פון שבת ציט איר יניקה פון דער וואָכעדיקייט פון דער וואָך.

אַ מענטש טראַכט

ווען די וואָך וואָלט נישט געווען אזוי וואָכעדיק, וואָלט דער שבת נישט געווען אזוי הייליק.

מיט דער עליה פון דער וואָך מוז קומען די ירידה פונעם שבת.

לאָמיר זען, אז דער שבת זאָל ווערן א יורד!...

דער מענטש און זיין מעגאַלאָמאַניע

„דער קעניג איז נאַקעט"...

ווען מען קוקט אויפן מענטשן מיט די אויגן פון דער נאַטור, זעט מען, אַז ער איז נישט בעסער און נישט ערגער, נישט העכער און נישט נידעריקער ווי יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש.

במילא קומט אויס, אַז דאָס גריבלען זיך אין דעם זין פונעם מענטשנס לעבן, דאָס חקירהן וועגן אַ צווייטע עקזיסטענץ איז בלויז געשטויסן וואַסער.

וואָס איז דער זין פון אַ פליגס לעבן? האָט אַ פליג אַ נשמה און לעבט די נשמה נאָך איר טויט? קינדישע פראַגן. אָבער אין די אויגן פונעם לעבן איז דער מענטש דאָך נישט מער יחסן פון דער פליג!

ווי דער יחיד וואָס איז שוואַך און אומבאַהאָלפן און לײַדט, מחמת דעם, פון אַ שפּלותגעפיל, רעדט זיך איין, אַז ער איז „אַנדערש", „טיף", אַן אויסנאַם פון אַלע מענטשן, אַזוי רעדט זיך דער מין מענטש איין — טאַקע צוליב זיין אומבאַהאָלפנקייט און שפלות! — אַז ער איז אַנדערש, אַן אויסנאַם פון אַלע לעבעדיקע ברואים, — דער קעניג פונעם גאַנצן באַשאַף!

ער פוצט זיך אויס אין גאָלדענע מלבושים פון „ווערטן", אָבער דאָס לעבן, די נאַטור, קוקט אויף אים, ווי דאָס קינד אין אַנדערסענ׳ס מעשהלע אויפן קעניג, און שמייכלט: דער קעניג איז נאַקעט...

*

אָדם: „ואירא כי עירם אָנכי ואחבא".

דער מענטש איז נאַקעט און האָט מורא, באַהאַלט ער זיך הינטער מלבושים פון ווערטן.

שאַפער און אויסטער

„דער מענטש איז מער ווי אַ חיה. ער האָט שכל, ער איז שעפעריש, ער איז אַן אויסנאַם פון דער נאַטור!"

דער מענטש אין אַן אויסנאַם? זאָל דער גרעסטער, דער גאונישסטער מענטש נישט האָבן קיין וואַסער אין משך פון אַ שטיקל צייט — און ער וועט אויסציען די פיס פונקט ווי יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש.

צוליב דער אויספעלונג פון אַ ביסל וואַסער וועט זיין לעבן —דאָס לעבן פון דעם גרעסטן גאון און שאַפער! — פאַרלאָרן גיין מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט מצד דער נאַטור, פונקט ווי דאָס לעבן פון אַ הונט אין גאַס!

דער מענטש איז שאַפעריש? גוט, אָבער וואָס איז עס אַזוינס שאַפערישקייט? רעאַגירונג אויף אָנרעגונג, פשוטער געזאָגט: דאָס קראַצן זיך ווען עס בייסט!

אַז עפּעס — אַ זעמדל, אַ פּאַראַזיטל אד"גל — רייצט דעם אויסטער, באַשאַפט ער אַ פּערל; עפּעס רייצט מיך, שאַף איך לידער; עפּעס רייצט דיך, וויינסטו; עפּעס רייצט יענעם, שרייט ער.

דער מאָלט, יענער שרייבט, דער שפּילט, יענער וויינט — אין תוך הינו־הך.

דער מענטש איז גרויס, ער איז דער בחיר היצורים. ווער זאָגט עס? דער מענטש אַליין. איז עס פשוטע מעגאַלאָמאַניע (גרויסקייט־משוגעת)!

*

דער פּערל איז פאַר אונדז, געניסער,
אַ וואונדערלעכער אוצר טאַקע,
אָבער פאַר דעם אויסטער איז ער
בלויז אַ הארטע, שווערע מכה...

*

„דער מענטש האָט פאַרשטאַנד, ער קאָן דענקען!"

נו, ערשטנס האָט שוין פרויד עפּעס געזאָגט וועגן דעם, און וואָטסאָן האָט אויך נישט געשוויגן... און צווייטנס קאָן דאָך זיין, אַז פאַרשטאַנד איז דעגענערירטער — אין בעסטן פאַל: קאָמפּענסירטער — אינסטינקט!

אַ מענטש טראָגט ברילן. וואָס זשע באַווייזן זיי? זיי באַווייזן, אַז דעם מענטשנס אויגן זיינען נישט ווי זיי וואָלטן געדאַרפט זיין...

שפלות-געפיל און קאָמפּענסאַציע

עקביא בן־מהללאל זאָגט: טראַכט זיך אַריין אין דריי זאַכן און דו וועסט נישט קומען צו קיין זינד: וויס פון וואַנען דו קומסט, וואוהין דו גייסט און פאַר וועמען דו וועסט דאַרפן אָפּגעבן אַ רעכענונג. פון וואַנען קומסטו? פון אַ פאַרעיפּושטן טראָפּן! און וואוהין גייסטו? צו אַן אָרט פון שטויב און ווערעם! וכו'

אַזוי — עקביא. אין דער אמתן אָבער — פּונקט פאַרקערט.

דאָס אַריינטראַכטן־ אָדער אַריינפילן־זיך אין דעם ברענגט דעם מענטשן צו די גרעסטע זינד. זיין קליינקייט, נישטיקייט און הילפלאָזיקייט טרייבן אים צו זוכן קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס. דאָס באַוואוסטזיין — ריכטיקער: דאָס אינעווייניקסטע באַוואוסטזיין—פון זיין קומען פון אַ פאַרעיפּושטן טראָפּן און פון זיין גיין צו אַן אָרט פון שטויב און ווערעם, ווי אַלע חיות, טרייבט אים צו קאָמפּענסירן זיך מיט אַ גלויבן אין אַן אַנטראָפּאָמאָרפישן גאָט, אין אַ נשמה ווי אַן ענטיטעט, אין אַן ערדיש לעבן נאָכן טויט און אין די אַלע איבעריקע דעלוזיעס

און מיטאָלאָגיעס — וואָס דאָס איז פּשוט אַ פאַרברעכן געגן דעם שכל, דער ווירקלעכקייט און דעם אמת.

דאָס גלייבן אין דעם אַלעם איז דאָך מעגאַלאָמאַניע פאַר עקסעלאַנץ!

באַרימעריי —

מיינט מערסטנס: דעמאָנסטראַציע פון פּראָסטראַציע (שטערונג פון זעלבסט-אויסדרוק, נישט-אויסגעלעבטקייט, נישט-דערגרייכונג).

דער מענטש וויל האָבן אָדער זיין דאָס וואָס ער האָט נישט אָדער איז נישט, אָבער אָנשטאָט צו דערגרייכן עס דורך מעשים, באַנוגנט ער זיך מיט רייד, מיט זוכן צו מאַכן אויף יענעם אַן איינדרוק, אַז ער האָט דערגרייכט דאָס, צו וואָס ער האָט געשטרעבט.

באַוואוסטזיין און ליכט

„...ניין, דער מענטש איז מער ווי אַ חיה. אַז ער שטאַרבט ווערט ער נישט פאַרניכטעט אינגאַנצן, ווי אַלע איבעריקע ברואים. ער האָט אַ באַוואוסטזיין! זיין קערפּער ווערט טאַקע צעפוילט פונקט ווי דער קערפּער פון יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש, זיין באַוואוסטזיין, אָבער, קאָן נישט פוילן און קאָן נישט פאַרלאָרן גיין, נישט-ווערן, ווייל קיין זאַך אין דער נאַטור גייט נישט פאַרלאָרן, אין דער נאַטור בלייבט עס!"

דאָס איז פונקט ווי מ'וואָלט געטענהט: דאָס ליכט— דער קנויט און די חלב—ברענט טאַקע אויס און ס'ווערט פון דעם גאָרנישט, אָבער וואוהין קומט אַהין זיין פייער? דאָס פייער בלייבט „לעבן" אויך נאָכדעם ווי דאָס ליכט איז „טויט"!

אָדער: די בלום ווערט טאַקע פאַרוועלקט און צעפוילט, אָ־בער וואוהין קומט אַהין איר ריח? ער קאָן נישט פאַרלאָרן גיין, אין דער נאַטור בלייבט ער!

טעלעפּאַטיע און „דעזשאַ ווי"

דרשנט סער אָליווער לאָדזש, און די חסידים זיינע באַמ־קען־צו: „די ספּיריטואַליסטן האָבן שוין אַנטדעקט, אַז גייסט (מיינד בלע"ז) קאָן אָפּערירן אומאָפּהענגיק פונעם מאַרך, אַז אַ מענטש איז נישט באַשרענקט נויטוועדיקערווייז צו דער אויפפירונג פון די אָרגאַנען פון זיין קערפּער, אַז עס זיינען פאַ־ראַן מענטשן, וואָס קאָנען שיקן מיטטיילונגען מענטאַל (גייס־טיק) און אַנדערע, וואָס קאָנען זיי אויפנעמען. דעם דאָזיקן פּראָצעס רופט מען „טעלעפּאַטיע". און הגם דאָס איז נאָך נישט אָנגענומען פון דער אָרטאָדאָקסישער וויסנשאַפט, ווערט אָבער דער פּאַקט, אַז אידייען קאָנען אויף דעם דאָזיקן אופן ווי עס איז איבערגעגעבן ווערן, אַלץ מער און מער אָנערקענט פון פאַרשטענדיקע מענטשן."

נו, אויב לאָדזש מיינט, אַז טעלעפּאַטיע איז אַ ראיה, אַז גייסט קאָן אָפּערירן אומאָפּהענגיק פונעם מאַרך, איז דאָס זיי־ער אַ שלעכטע ראיה.

טעלעפּאַטיע איז דאָך אייגענטלעך אַ ריין־פיזישע דער־שיינונג, אַ ריין פיזיאָלאָגישער פּראָצעס אַזוי ווי, למשל, ה ע ר ן!

אַ מענטש הערט וואָס אַ צווייטער מענטש רעדט, ווייל זיין אויער כאַפּט־אויף די וויבראַציעס פון דער לופט, וואָס אַנטשטייען פונעם מענטשס רייד און דער מוח פאַרוואַנדלט זיי אין קלאַנגען. נו, פונקט אַזוי קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז דער מוח זאָל אָן דער מיטהילף פונעם אויער אָדער אַנדערע אָר־גאַנען אויפכאַפּן די עלעקטרישע „כוואַליעס", אָדער עפּעס

ענלעכם, וואָס אַנטשטייען פונעם מענטשנס דענקען אָדער טראַכטן און צוריק פאַרוואַנדלען זיי אין געדאַנקען. עלעהיי אַ ראַדיאָ!

טראָגן זיך אין דער לופט קלאַנגען פאַרוואַנדלטע אין עלעקטריציטעט, און איז דער ראַדיאָ ריכטיק אָנגעשטעלט, קאָן ער זיי אויפכאַפּן. קאָן דאָך זיין, אַז מיט טעלעפּאַטיע איז אויך אַזוי!

אַז טעלעפּאַטיע איז אַ באַווייז, אַז גייסט איז אומאָפּהענ־גיק פון קערפּער, איז שוין באַלד אַזוי ריכטיק, ווי אַז „דעזשאַ ווי" איז אַ ראיה אויף רעאינקאַרנאַציע (גילגול נשמות).

ס'איז פאַראַן אַזאַ דערשיינונג וואָס ווערט אָנגערופן „דע־זשאַ ווי" (שוין געזען) אָדער פּאַראַמנעזיע" —אַ מין זיכרון פּערווערזיע אין וועלכער אַ מענטש גלייבט, אַז ער געדענקט אָדער, אַז עס זיינען אים באַקאַנט געשעענישן אָדער צוש־טאַנדן וואָס זיינען קיינמאָל נישט געשען אָדער געווען.

איז אַ מענטש מיט שכל־הישר וואָלט עס דערקלערט מיט דעם, וואָס געוויסע שטריכן פון, למשל, דעם נייעם באַקאַנטן זיינען ענלעך צו די פון אַ מענטשן וועלכן מ'קען שוין, אָדער, אַז אַ געוויסער עלעמענט אין דער נייער סיטואַציע איז אַזאַ מיט וואָס מען האָט אין דער אמתן פריער געהאַט אַ דערפאַ־רונג, אָבער אַן „אַליוואָר לאַדזשניקס" דערקלערונג איז, אַז דאָס איז אַ דעראינערונג פון אַ פריערדיקער עקזיסטענץ.

ס'הייסט אויב דאָס, וואָלט איך געשוואָרן, איז מיר באַקאַנט' כאָטש איך זע עס צום ערשטן מאָל, איז עס ווייל דאָס איז מיר טאַקע יאָ באַקאַנט. מיין נשמה, וואָס איז אַמאָל געווען אין אַן אַנדער מענטשן האָט דאָס געזען און זי געדענקט עס. במילא מיינט עס אויך, אַז גילגול־נשמות איז אַ פאַקט וואָס דאַרף אָנערקענט ווערן פון פאַרשטאַנדיקע מענטשן!

איינזאַמקייט און מעגאַלאָמאַניע

דער מענטש איז פון די הילפלאָזסטע ברואים וואָס אויף דער ערד און מחמת דעם האָט ער אַנטוויקלט געזעלשאַפט און ציוויליזאַציע. דער מענטש איז ד י געזעלשאַפטלעכע חיה, ער מוז זיין געזעלשאַפטלעך, ער מוז זיין פאַרבונדן מיט דער געמיינשאַפט כדי אַנצוהאַלטן זיין קיום. די געמיינשאַפט איז דער סינע קווא נאָן פון זיין עקזיסטענץ און ווען אַ מענטש איז אַליין, אָפּגעזונדערט פון מענטשן — פאַקטיש, צי אין געדאַנק אָדער עמאָציאָנעל — איז ער אומבאַהאָלפן, און זיין געפיל פון גרויסקייט איז אַ קאָמפּענסאַציע פאַר דעם.

שמעון בן יוחאי איז יאָרן געווען אַליין (בלויז מיט זיין זון), איינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון מענטשן, האָט זיך אין אים אַנטוויקלט אַ געפיל פון געוואַלדיקער גרויסקייט. „די וועלט, מיין זון, קאָן אויסקומען נאָר מיט מיר און דיר אַליין” און נאָך אַזעלכע אויסדרוקן זאָגן עדות אויף דעם.

ניטשע איז אויך געווען געוואַלדיק איינזאַם. („אָבער איך לעב אין מיין אייגענעם ליכט-שיין, איך טרינק אין מיר צוריק אַריין די פלאַמען, וואָס רייסן זיך אַרוים פון מיר”.) און דערפון אפשר, זיין מעגאַלאָמאַניע. (נאָך איידער ער איז קראַנק געוואָרן אויף פאַרעסיס, האָט ער שוין אַרויסגעוויזן סימנים פון זיין „עקצע האָמאָ”־דיקער גרויסקייט-משוגעת !).

יוגנט איז מעגאַלאָמאַניש, ווייל איינזאַם. פון דער קינדער־שער וועלט שוין אַרויס און אין דער וועלט פון די דערוואַקסענע נאָך נישט אַריין.

*

איז מען אַליין, אָדער האָט מען נישט קיין געמיינשאַפט־געפיל, פילט מען זיך איינזאַם. און פונעם געפיל פון איינזאַמ־קייט צום געפיל פון איינציקייט (פונעם געפיל פון „יחידי” צום

געפיל פון „אחד״) איז בלויז אַ קליינער פּסיכאָלאָגישער שפּרונג.

באַלאַנס-פּרינציפּ

פּאַרוואָס גלייבט דער מענטש, אַז ער איז אַזאַ און אַזוי, בעת אין דער אמתן איז ער דער היפּוך?

דאָס איז, ווייזט אויס, די עובדה פונעם באַלאַנס-פּרינציפּ.

די וואָגשאָל פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט וויל שטענדיק זיין באַלאַנסירט. די נאַטור אַליין גיט שוין אַכטונג, אַז איין שאָל פון דער פּערזענלעכקייט זאָל נישט אַריבערוועגן די צווייטע.

איז דער מענטש באמת גרויס, פּילט ער, אַז ער איז קליין; איז ער אַלמענטשלעך, באַזינגט ער עגאָאיזם; איז ער צופיל עגאָ-באַוואוסטזיניק, פול מיט דעם אייגענעם „איך״, רעדט ער זיך איין, אַז ער האָט נישט קיין עגאָ. — איינס באַלאַנסירט דאָס אַנדערע.

*

דאָס פּאַרענטפערט שוין אויך, אגב אורחא, פּאַרוואָס דער גראַפאָמאַן האַלט פון זיך אַ וועלט און דער אמתער, טיפער קינסטלער איז שטענדיק אין ספק מיט זיך.

נישט קיין חידוש: דער „גאַרנישט״ מוז פילן, אַז ער איז אַ „גאַר״, און דער „גאַר״ מוז פילן אַז ער איז אַ „גאַרנישט״, וויל ווען דער „גאַרנישט״, וואָלט אויך געפילט, אַז ער איז אַ „גאַרנישט״, וואָלט ער ביי זיך געווען אַזוי אַראָפּגעפאַלן, אַזוי דערנידעריקט, אַז ס׳וואָלט אים פּשוט אוממעגלעך געווען צו לעבן. און אַזוי אויך פאַרקערט: ווען דער „גאַר״ וואָלט אויך געפילט, אַז ער איז אַ „גאַר״, וואָלט ער אַזוי גרויס געוואָרן

באַ זיך, אַז ער וואָלט אין מעגאַלאָמאַניע (גדלות־משוגעת) אַריינגעפאַלן.

*

טראָגט אַ מענטש אַ מאַסע אויפן פּלייצע, בייגט ער זיך צום פאָרנט; טראָגט ער די מאַסע פון פאָרנט, בייגט ער זיך אַהינטער.

ס׳איז אַ מעשה פון באַלאַנס, פון גלייכגעוויכט.

גאווה

„האָסטו מיך ליב? האָסטו מיך ליב?" —
העי, שנייד אַרוים די עגאָ־מכה פון דיין מוח
און ווער אַ מענטש, ווי די נאַטור וויל דו זאָלסט זיין,
ווי פייער, ווי וואַסער, ווי אַלע עלעמענטן פון דער נאַטור
פון וועלכע דו ביסט צונויפגעשטעלט!
פרעגט דיך די זון צי דו האָסט זי ליב?
פול איז זי מיט ליכט, שיינט זי און וואַרעמט,
און דו און יעדע לעבעדיקע זאַך
קאָנען פון איר געניסן
אָן צו האַלטן אין איין איבערחזרן, אַז דו האָסט זי ליב.

* * *

גאווה — ווי הייזון: דער טייג ווערט נישט טייגיקער פונעם הייזון, ער ווערט אָבער ג ע ה יי ב ע נ ע ר...

* * *

דער וואָס האַלט פון זיך צו־שטאַרק, דאַרף מען זיין שטאַרקער פון אייזן צו אויסהאַלטן פון אים!

* * *

אויך דעם רויך
ציט אין דער הויך...

* * *

הנח להם... אַפילו פּושעים זיינען פול מיט גוטע מידות,
ווי אַ מילגרוים.

דער פּוסטער בעל־גאווהניק, וואָס פּוצט זיך אין פרעמדע
פּעדערן,

וואָס גנבעט יענעמס ליכט און גיט עס אָן פאַר אייגנס,

וואָס האַלט אין איין פאָזירן פאַר אַ למדן, פאַר אַ קענער,
פאַר אַ ווייסער, —

אַפילו אָט־דער ווינטער בעל־גאווהניק האָט אין זיך
טייערע מידות:

ער האַלט פון יענעמס פּעדערן און גלייבט באמונה שלמה,
אַז זיי זיינען שיין און כדאַי אויף זיך צו טראָגן;

ער האַלט פון יענעמס ליכט און גלייבט, אַז ליכט איז
כדאַי און ווערטפול;

טייער האַלט ער לומדות, קענטשאַפט, וויסן.
און ער רעכנט זיך מיט מענטשן.

אין און אַרום דעם מענטשן

א.

מאַכט און מורא

דאָס איז נישט נאָר בערטראַנד ראָסעלס געדאַנק.

ביי דער חיה אין וואַלד איז מורא דאָס שטאַרקסטע כלי־זיין אין די „הענט״ פון איר זעלבסט־דערהאַלטונג אינ־סטינקט.

אויב נישט ביי אַלע חיות, איז אָבער זיכער אַז אַזוי איז עס געווען ביי אַלע מענטשן אין די אור־אַלטע צייטן, ווען זיי זיינען געווען וואַלד־איינוואוינער צוגלייך מיט אַלע חיות. און אַזוי ווי יעדע אַקציע רופט אַרויס אַ רעאַקציע, אַזוי אויך דאָ: ווייל די באַשעפעניש האָט מורא, דערפאַר וויל זי האָבן מאַכט.

אמת, היינטיקע צייטן, ווען דער מענטש איז שוין אינ־גאַנצן אַרויס פון וואַלד, איז דער אינסטינקט פון מורא פאַר אים נישט נויטיק, פאַרקערט, ער איז אים אַ שטער אין לעבן, ווייל נישט קאָנענדיק אויסלאָזן זיך בנוגע אמתע געפאַרן; אויב דער מענטש קאָן נישט אָנווענדן זיין מורא אין שייכות מיט חיות, ווענדט ער זי אָן לגבי זיינע מיטמענטשן, און אָט־דער מורא־אינסטינקט איז איצטער פאַרן מענטשן אַן אמתע קללה, אָבער אַן אינסטינקט איז נישט קיין כינעזישער צאָפּ, וואָס כל־זמן דער כינעזער איז ביי זיך אין לאַנד האַלט ער זיך מיט אים, אָבער ווי נאָר ער קומט אין אַן אַנדער לאַנד, שערט ער אים אָפּ...

הייסט עס: דער באַגער נאָך מאַכט נעמט זיך לכתחלה פונעם מורא־אינסטינקט, פונעם ביאָלאָגישן טרייב צו זעלבסט־דערהאַלטונג — כדי צו קאָנען לעבן און בעסער לעבן דאַרף

מען האָבן מאַכט! — און דעם מענטשנס קולטור-ממשלה האָט אים איבערגענומען פון דער נאַטור-ממשלה.

דאָס האָט צו טאָן מיט דעם וואָס ווערט אָנגערופן „קאָנאַטיווע רעקאָנסטעלאַציע”. דאָס מיינט: די איבערגעשטאַלטונג אָדער פאַרוואַנדלונג פון נאַטור אין קולטור. אָדער: די טראַנספאָרמירונג פון ביאָלאָגיש-פיזיאָלאָגישע פונקציעס אין סאָציאַל-פסיכאָלאָגישע.

דאָס ראַטעווען דעם כבוד

יעדער מענטש — און פונקט ווי אַ יחיד, אַזוי אויך אַ פאָלק — יעדער מענטש זוכט תמיד צו ראַטעווען דעם אייגענעם כבוד, און דערפאַר וואָס מיט און צו אים זאָל נישט געשען — מעג עס אַפילו זיין צוליב זיין אייגענער שולד — וואַרפט ער די שולד אַרויף אויף אַנדערע, אויף אומשטענדן אאַז״וו. איז ווי קומט עס וואָס דער ייד באַטראַכט זיך אַליין פאַר שולדיק אין אַלע צרות און יסורים וואָס קומען אויף אים? אַנשטאָט צו באַשולדיקן יענעם אָדער אומשטענדן, זאָגט ער גאָר „ומפני חטאינו גלינו מארצנו”, „אשמנו מכל עם” וכו׳ — באַשולדיקט ער גאָר זיך אַליין!

לאָמיר טראַכטן: דער ייד גלייבט באמונה שלמה, אַז גאָט און זיין משפט איז גערעכט. ווען ער ווערט אָבער באַפאַלן פון צרות און יסורים — נאַציאָנאַלע, צי אינדיווידועלע — מוז זיך אין אים דערוועקן די פראַגע: גאָט איז דאָך שטענדיק גערעכט, איז ווי קומט עס וואָס ער שיקט אָן אויף מיר אומזיסטע יסורים? אַנטקעגן די אַנדערע פעלקער בין איך דאָך אַ צדיק גמור! איז כדי צו ראַטעווען גאָטס כבוד, באַשולדיקט ער זיך אַליין. באַדיי זיך אַליין מאַכן מיט דער בלאָטע צוגלייך, אַבי גאָטס כבוד זאָל געראַטעוועט ווערן! —

זאָל זיין, אַז ד אָ ס איז דער ענטפער?

און אפשר:

נישט גאַנץ כבוד זוכט דער ייד צו ראַטעווען, נאָר טאַקע זיין אייגענעם. עס זאָל הייסן: נישט צוליב מיין שוואַכ-קייט לייד איך, נאָר צוליב מיינע זינד!

איך-באַוואוסטזיין און אַנזען

„סעלף-קאַנשאָסנעס" (זעלבסט-באַוואוסטזיניקייט) — אַ שטאַרקער, באַשטענדיקער באַוואוסטזיין פון דעם אייגענעם „זעלבסט"; אַ געפיל, אַז די אַרומיקע גיבן שטאַרק אַכטונג אויף דיינע האַנדלונגען — „סעלף-קאַנשאָסנעס" נעמט זיך אפשר אמאָל פון אַ געפיל פון מינדערווערטיקייט און דאָס איז אַ וואונטש-דערפילנדיקע דעלוזיע.

אַ מענטש וויל זיך נישט פילן מינדערווערטיק, ער וויל זיך נישט באַטראַכטן ווי אַ גאָרנישט וואָס אינטערעסירט קיינעם נישט, נו, רעדט ער זיך איין, אַז אַלע קוקן אויף אים, האָבן אים און זיינע האַנדלונגען אין זינען, וואָס דאָס זאָל מיינען, אַז ער איז יאָ עפּעס, אַז ער איז וויכטיק און אָנגע-זען. אמת, אַלע זעען אין אים מערסטנס זיינע שלעכטע זייטן, זיינע חסרונות, זיין אומבאַהאָלפנקייט, אָבער מען זעט אים, מען שענקט אים אויפמערקזאַמקייט!

אין דער ווירקלעכקייט שענקט אים קיינער נישט קיין אויפמערקזאַמקייט — און דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז זיין „סעלף-קאַנשאָסנעס" איז אַ פּראָדוקט פון זיין ווילן צו זיין אָנגעזען, צו זיין דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט.

אויב ער קאָן עס נישט קריגן אין דער ווירקלעכקייט דורך אויפטאָן עפּעס ממשותדיקעס, — און צוליב זיין געפיל פון מינדערווערטיקייט מוז ער עס האָבן, — רעדט ער עס זיך איין.

און מאָדנע. באַוואוסטזיניק וויל ער נישט זיין „סעלף-קאַנשאָס", דאָס פאַרשאַפט אים האַרצווייטאָג און ער וואָלט

געוואַלט פּטור ווערן פון דעם, אָבער אין דער אמתן, אומבאַוואוסטזיניק, וויל ער עס יאָ זיין און קלאַמערט זיך אָן דעם, ווייל דאָס הייבט-אויף זיין עגאָ. ס'הייסט, אַלע קוקן אויף אים, ער איז אָנגעזען!

ראַציאָנאַליזאַציעס

פלוני, אַ קליין-געוויקסיקער יונגערמאַן, וואָס איז דערצו אַ שטיק מאַזאָכיסט און שטענדיק הונגעריק נאָך מיידלווארג, האָט זיך באַקענט מיט חוה'ן — אַ יונג, שיין און, איבער־הויפּט, אינטערעסאַנט מיידל — און אָנגעהייבן פאַרפאַלגן זי מיט זיין ליבע.

אַז חוה האָט זיך איינמאָל אָפּגעזאָגט „אויסצוגיין" מיט אים, ווייל, פּשוט, ער אינטערעסירט זי נישט, און זי איז אַוועק צוזאַמען מיט אירער אַ חברטע, האָט ער פאַרטרויט זיין חבר אַ „סוד", אַז ער ווייסט די ריכטיקע סיבה פאַרוואָס חוה האָט זיך אָפּגעזאָגט מיט אים „אויסצוגיין", דאָס איז מחמת זי האָט אים ליב!

די פּסיכאָלאָגיע פון דעם, מאַכט ער, איז אַ פּשוטע: ער איז, ווי חוה האָט אים געזאָגט, אַ מאַזאָכיסט. אַ מאַזאָכיסט האָט הנאה פון ווערן געפּייניקט און פאָלגלעך האָט ער ליב דעם פּייניקער, ווייל לויט דעם „לוסט און אומלוסט פּרינציפּ" איז אַלץ וואָס פאַרשאַפט הנאה האָט מען ליב. חוה האָט אים ליב און וויל, אַז אויך ער זאָל זי ליב האָבן — און טאַקע שטאַרק ליב האָבן! — איז רייצט זי זיך מיט אים, וויל מיט אים נישט פאַרברענגען, כדי צו פּייניקן אים מיט דעם און אַזוי אַרום אַרויסרופן אין אים אַ שטאַרקע ליבע צו איר. ווען חוה וואָלט טאַקע נישט געווען פאַראינטערעסירט אין אים, ווי זי זאָגט, וואָלט דאָך איר נישט געאַרט צי ער האָט זי ליב צי נישט!...

* * *

—דו זאָלסט אַרומגיין מיט אַזאַ אויסגעלאַסן, פֿאַרדאַרבן מיידל? דו, דער פֿרומער, דער שטילער, די פֿאַרקערפּערונג פֿון אָנשטענדיקייט?!

— אויב זי זאָל שטענדיק אַרומשלעפּן זיך נאָר מיט אירע גלייכנס, וועט זי קיינמאָל נישט חוזר בתשובה זיין, אָבער אַרומגייענדיק מיט מיר, וועט זי האָבן פֿון וועמען אָפּצולערנען זיך גוטע מידות, געלאַסנהייט און אָנשטענדיקייט.

* * *

ער איז צו מענטשן שלעכט געווען,
געוואָרן רייך פֿון זייער בלוט.
איצט באַרימט ער זיך, אַז גאָט
צו אים געווען איז זייער גוט.

* * *

— אמת, איך גיב־צו, אַז איך קוק אויף דער פֿרוי פֿון אויבנאַראָפּ. יאָ, אַז איך האָב זי פֿיינט. אָבער פֿאַרוואָס?

איך בין אַ פֿילאָזאָף. פֿילאָזאָפֿיע איז די לערע וועגן דעם מהות פֿון דער וועלט, וועגן דעם עצם פֿון „זיין". די לעצטע רעטעניש פֿון אַלדאָס „זיין" אין דער וועלט טראָגט דער מענטש אין זיך, אין זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין. אָבער וואָס ווייסט ער פֿון זיך אַליין, פֿון זיין מהות? קודם־כּל ווייסט ער אוממיטלבאַר, אַז עס שלאָגט אין אים אַן אימפּולס פֿון לעבן. דעם דאָזיקן לעבנס־אימפּולס רוף איך אַן „ווילן". און דאָס, וואָס איז דער מהות פֿונעם מענטשן, איז אויך דער מהות פֿון דער וועלט.

דער ווילן, אַנטראָפּאָמאָרפֿיש גערעדט, ווייסט נישט פֿון קיין שׂכל, פֿון קיין לאָגיק. דאָס איז אַ בלינדער, סטיכישער דראַנג צו זיין, צו לעבן. און פֿון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט

איז די וועלט דורך און דורך שלעכט, ווייל דורכאויס בלינדער ווילן; ווייל אַ פאַרביטערטע קאַמפּס-אַרענע פון אַלע ברואים פאַר זייער קיום. אַ וועלט, וואו יעדע באַשעפעניש קאָן לעבן נאָר דעמאָלט ווען זי פרעסט-אויף די צווייטע, קאָן נישט זיין גוט!

און שלעכט און פאַרברעכעריש איז דאָס לעבן נישט צו־ליב אומשטענדן, נאָר אין זיך גופא. ווייל לעבן און ליידן איז הינו-הך. לעבן איז ליידן, און דער מענטש, זייענדיק די העכס־טע אָביעקטיווּיזאַציע פון ווילן, איז די ליידנדיקסטע פון אַלע באַשעפענישן. ס'וועט זיין גענוג צו זאָגן, אַז דאָס גאַנצע לעבן פונעם מענטשן געפינט זיך שטענדיק צווישן די צוויי פאַלוסן פון ליידן: נויט און לאַנגוויל. איז נישט דאָס ערשטע, איז דאָס צווייטע.

דער מענטש איז בלויז אַ געצייג אין די „הענט" פונעם וועלט-ווילן, דעם ווילן צו זיין. פאַרשידענע אילוזיעס האַלטן אים אויף ביים לעבן און פאַרלענגערן די קיום פון זיינע ליידן. און די גרעסטע אילוזיע ווייזט זיך אַרויס אין דער געשלעכט־לעכער תאווה, וואָס איז פאַרן וועלט-ווילן דאָס הויפּטמיטל אָנצוהאַלטן זיין אומאויפהערלעכע שטרעבונג צו זיין. יאָ, אינעם געפיל פון ליבע איז אַממערסטנס קאָנצענטרירט דער ווילן צום לעבן, ווייל דער גאַנצער צוועק פון ליבע איז נאָר דאָס געבוירן אַ נייעם מענטשן.

האָבן קינדער — דאָס איז די עובדה פון דער פרוי. די פרוי עקזיסטירט אין תוך נישט מער ווי נאָר פאַר דער פאַר־זעצונג פונעם מענטשלעכן מין, וואָס דאָס מיינט: פאַר דער פאַרזעצונג פון מי און נויט, מאַטערניש און פּלאָגעניש — פון ליידן.

דער וועלט-ווילן איז די סיבה פון די לעבנס-ליידן. דער ווילן מיט זיין אומאויפהערלעכער שטרעבונג צום זיין, צום

לעבן איז פאַרבראַכעריש, און די פרוי, מיט איר ברענגען קינדער אויף דער וועלט, העלפט אים אין דעם.

(פאַרוואָס האָבן פאַרליבטע פיינט ליכט? פאַרוואָס באַהאַלטן זיי זיך ווי פאַרברעכערס? ס'איז ווייל זיי זיינען פאַררעטערס, וואָס טראַכטן אין געהיים ווי אַזוי איבערצוחזרן די גאַנצע נויט און מאַטערניש וואָס וואָלטן אָן זיי געקומען צו אַ באַלדיקן סוף. ווייל ליבע, דאַרף מען וויסן, די קעגנזייטיקע נייגונג פון צוויי פאַרליבטע — דאָס איז דער ווילן צום לעבן פון דעם נייעם יחיד וואָס זיי קאָנען ברענגען אויף דער וועלט!).

און דערפאַר, בלויז דערפאַר וואָס די פרוי מאַכט יד־אחת מיטן וועלט־ווילן צו ברענגען אומגליק און ליידן אויף דער וועלט, האָב איך זי פיינט, דערפאַר פאַראַכט איך זי.

ווי ס'איז פון דעם צו זען, איז מיין שנאה צו דער פרוי נישט אַ סוביעקטיווע, נאָר אַן אָביעקטיווע, דער פּראָדוקט נישט פון מיינע געפילן, נאָר פון מיין שכל, נישט פון מיין פּסיכאָ־פיזישן לעבן, נאָר פון מיין מעטאַפיזישן וועלט־באַנעם!

*

נו, מיר, זייענדיק באַקאַנט מיט שאָפּענהויערס לעבן, באַזונדערס מיט די איבערלעבענישן פון זיין קינדהייט און יוגנט, און זייענדיק אָביעקטיוו, ווייסן ווי סוביעקטיווער, שאָפּענהויער, איז געווען נישט נאָר אין זיין פרויען־פיינטשאַפט, נאָר אויך אין זיין גאַנצער פילאָזאָפיע.

* *

די פילאָזאָפישע סיסטעם אָדער וועלט־אַנשויאונג פון אַ דענקענדיקן מענטשן איז דאָס אייגענע וואָס אַ נעסט פון אַ פויגל.

אָדער ווי האַוועלאָק עלים זאָגט: פילאָזאָפיע — דאָס איז

דעם מענטשנס פּערזענלעכע געגנווירקונג צו דער וועלט. ער, דער פילאָזאָף, איז אַ פּאָעט וואָס בענקט נאָך אַ גייסטיקער היים אין אַ פרעמדער וועלט. ער כאַפּט זיך אָן אָן די מעטאַפיזישע עלעמענטן וואָס קומען אים צו דער האַנט און בויט פון זיי אויס פאַר זיך אַ הויז, אַ מקום־מקלט פאַר זיין גייסט.

* * *

אַני מאמין, אַז יעדער „אַני מאמין" איז דער פּראָדוקט פון דעם „אַני", פונעם סוביעקט וואָס מאַמינט — נישט מחמת אָביעקטיוון אמת, נאָר צוליב סוביעקטיווע באַדערפעניש.

„איך" און „דו"

ווען דער מענטש איז יונג, האַלט זיך נאָך ערשט אין אַנטוויקלען, איז ער ווינציק־וואָס פאַראינטערעסירט אין דער וועלט מיט איר׳ע פּראָבלעמען. ער האָט דעמאָלט אַ שטאַרקן איך־באַוואוסטזיין, און רעדט מען צו אים וועגן רעכענען זיך מיט יענעם, וועגן לעבן פאַר אַנדערע, וועגן האָבן דער וועלט אין זינען, לאַכט ער זיך אויס: ער איז די גאַנצע וועלט! ווערט ער אָבער עלטער, אַזוי הייבט ער זיך אָן צו רעכענען מיט זיינע מיטמענטשן, הייבט אָן טראַכטן פון „וואָס וועלן מענטשן זאָגן?" און צוביסלעכווייז הייבט ער אָן פילן, אַז לעבן בלויז פאַר זיך איז אוממעגלעך, ווייל אַזאַ לעבן האָט נישט קיין זינען.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? אפשר אָט פאַרוואָס:

אין דער יוגנט האַלט דער מענטש אין וואַקסן, קערפּערלעך און גייסטיק. איז דעמאָלט אין אים שטאַרק אַנטוויקלט דער זעלבסט־דערהאַלטונג אינסטינקט און איז אין פאָדערגרונט פון זיין פּערזענלעכקייט. דעמאָלט האַלט ער ערשט אין ווערן, מוז ער אַלע געדאַנקען זיינע קאָנצענטרירן אויף זיך אַליין. (אַזוי ווי אַקינד וואָס לערנט זיך גיין טראַכט בשעת־

מעשה וועגן קיין אַנדער זאַך נישט, ווי נאָר וועגן די טריט וואָס עס שטעלט). וואַקסט ער אויס, אַזוי קריכט אַראָפּ דער זעלבסט־דערהאַלטונג אינסטינקט פון זיין אויבנאַן, ווייל שוין אַלץ אויטאָמאַטיש—ווי אַ קינד, וואָס האָבנדיק זיך שוין אויס־געלערנט ווי צו גיין, דאַרף מער נישט קאָנצענטרירן זיך אויף די טריט וואָס עס שטעלט — און דעמאָלט פאַרנעמט דעם אויבנאַן דער ראַסע־דערהאַלטונג (קיום־המין) אינסטינקט.

קאָמפּלעקס

„וויסן — זאָגט קאַנט — איז קלאָר און קאַלט, ווי די זון אום ווינטער". גפּיל — קאָן מען מוסיף זיין — איז ווי אַ פייכטער, הייסער זומערטאָג.

*

אַ מענטש אָן אַ קאָמפּלעקס קאָן קיין קעמפער נישט זיין.
קעמפן קעמפט דער מענטש בלויז פאַר דער אָנהאַלטונג פון זיין קאָמפּלעקס, אָדער ווייל דער קאָמפּלעקס „שטופּט אים".

דער ייד איז זיך מקריב פאַר זיין אמונה, ווייל די אמונה איז ביי אים אַ קאָמפּלעקס.

אַ פאַרליבטער קעמפט פאַרן באַזיץ פון זיין געליבטער אויך צוליב דעם זעלביקן טעם.

וואָס שטאַרקער זיין ליבע־קאָמפּלעקס, אַלץ שטאַרקער וועט ער קעמפן קעגן אַלע מכשולים וואָס זיינען אויפן וועג צו קריגן און באַזיצן זיין געליבטע.

וואָס שטאַרקער זיין אַמביציע־קאָמפּלעקס, אַלץ שטאַר־קער וועט דער מענטש קעמפן אויף צו רעאַליזירן אים.

דערציאונג, איבערלעבענישן אאַז"וו מאַכן דעם קאָמ־פּלעקס, און דער קאָמפּלעקס מאַכט דעם מענטשן.

דער קאָמפּלעקס גופא גיט דעם מענטשן כוח צו קעמפן פאַר אים.

דער קאָמפּלעקס — דאָס איז דער דינאַמישער כּוח וואָס טרייבט דעם מענטשן צו קאַמף און רעאַליזאַציע.
איז נישטאָ קיין קאָמפּלעקס, האָט נישט דער מענטש קיין ענערגיע מיט וואָס צו קעמפן און האָט נישט פאַר וואָס צו קעמפן.

שולד-געפיל

ס'איז קלאָר: דאָס געפיל פון זינד, פון זינדיקייט, נעמט זיך פון אַ שולד-געפיל. פונוואַנען אָבער נעמט זיך דאָס שולד-געפיל?

ס'איז צו גלייבן, אַז ניטשעס ענטפערס זיינען די ריכטיקע.
דער פרומער זאָגט: דער מענטש פילט זיך שולדיק אַנט-קעגן גאָט. אָבער אויך ביי ניטשען געפינען מיר דעם דאָזיקן ענטפער: דער מענטש האָט מורא געהאַט, אַז ער איז נישט יוצא פאַר זיינע אור-אָבות. מיט דער צייט זיינען די אור-אָבות פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געטער און לסוף אין אַ גאָט.
דזשיי. בי. עס. האַלדעין זאָגט: פשוט, באַוואוסטזיניק מעג דער מענטש וועלן זיין מאָראַליש, אומבאַוואוסטזיניק אָ-בער פילט ער, אַז ער איז אַ חיה מיט חיהשע אינסטינקטן — און פון דעם דאָס געפיל פון שולד.

איז אויך דאָס געפינען מיר ביי ניטשען: „צו פאַראַכטן דאָס ערדישע האָט מען איינגעשמועסט אייער גייסט, אָבער נישט אייער איינגעווייד: אָבער זיי זיינען די שטאַרקערע אין אייך. איז שעמט זיך אייער גייסט וואָס ער טוט דעם ווילן פון אייער איינגעווייד און גייט מחמת זיין אייגענער בושה אויף גניבהשע און ליגנערשע וועגן".

דר. עמנואל זאָגט, — כאָטש זאָגן זאָגט ער עס ריידנדיק וועגן דעם עדיפּוס קאָמפּלעקס, — אַז דאָס, וואָס דער מענטש

פילט זיך שולדיק, איז מחמת ער אַנטלויפט פון זיינע לעבנס־אויפגאַבן.

דאָס איז אָבער אויך ניטשעס דערקלערונג: „זינט עס זייַנען דאָ מענטשן, האָט דער מענטש זיך צו־ווייניק געפריידט: דאָס אַליין, מיינע ברידער, איז אונדזער פאַרירשנטע זינד!"

מורא און מאַסקע

בלויז מענטשן האָבן מורא פאַר זייערע לעבנס,
און נאָר מענטשן טוען זיך פאַרשטעלן.
וואָלטן זיי געקאָנט זיין דאָס, וואָס זיי זיינען,
וואָלטן זיי קיין מורא נישט געהאַט פאַר זייערע לעבנס.
און פאַרוואָס קאָנען זיי נישט זיין דאָס, וואָס זיי זיינען?
ווייל זיי האָבן מורא פאַר זייערע לעבנס!
און ווייל אַזוי, לעבט קיינער נישט זיין אייגן לעבן,
ווייסט קיינער נישט דעם טעם פון עכטן לעבן.

די קאַפּאָטע פון לעבן

איך וויים נישט וועמענס משל דאָס איז. ער געפעלט מיר אָבער און איך מוז אים אָפּשרייבן. ער לייענט זיך אומגעפער אַזוי:

אַ דאָרף־מאַן איז ווינטער־צייט אַריינגעקומען אין אַ מלבושים־געשעפט און געבעטן דעם קרעמער ער זאָל אים דערלאַנגען אַ קאַפּאָטע וואָס זאָל אים פּאַסן. דער קרעמער האָט אויף אים אַ גוטן קוק געטאָן און גלייך דערלאַנגט אים אַ קאַפּאָטע לויט זיין מאָס — און זיך פאַרנומען מיט די איבעריקע קונים. אין אַ ווײַלע אַרום ווענדט זיך צו אים דער דאָרף־מאַן מיט אַ טענה: „סטייטש, די קאַפּאָטע איז נ י ש ט לויט מיין מאָס, זי איז ק ל יי ן אויף מיר!"

מאַכט צו אים דער קרעמער: „עס קאָן נישט זיין, טו זי אָקאָרשט אָן, וועלן מיר זען".
נעמט דער דאָרף־מאַן און הייבט אָן אָנצוטאָן די קאַפּאָטע אויפן פעלץ.
„אַזוי גאָר?—רופט זיך אָפּ דער קרעמער—טו אוים דעם פעלץ, וועט די קאַפּאָטע זיין אויף דיר ווי אָנגעמאָסטן!".
אַ מענטש טראָגט אויף זיך אַ פעלץ פון אינהיביציעס, קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס, שוץ־מעכאַניזמען און נעווראָזן — און דערפאַר האַלט ער אין איין טענהן און באַקלאָגן זיך, אַז ענג איז אים די קאַפּאָטע פון לעבן, אַז דער מלבוש פון דער וועלט איז נישט לויט זיין מאָס.

„זונפלעקן" און „היץ"

„אין די יאָרן ווען די זונפלעקן זיינען אַ סך און אָפט, גיט די זון מער היץ ווי ווען די זונפלעקן זיינען ווינציק און זעלטן".
איבערגעזעצט אויף פּסיכאָלאָגיע מיינט עס: ווען אַ מענטש קריגט „זונפלעקן": קאָנפליקטן, יסורים אד"גל, ערשט דעמאָלט גיט ער אַרוים פון זיך אַ סך „היץ". ערשט דעמאָלט ווערט ער אַ וואַרעמער מענטש און ערשט דעמאָלט ווערט פאַר אים אַנטפּלעקט זיין אינערלעכער באַוואוסטזיין, און זיין פאַרשטענדעניש און זעלבסט־דערקענטעניש ווערט פאַרמערט און געלייטערט.
ער מוז אָבער עפּעס זונ׳ישעס האָבן אין זיך.

וויץ — דערלייזונג

יידן האָבן ליב וויצן.
יידן — דאָס לייידנדיקסטע פאָלק.
וויץ — גאולה פון ליידן.
בלויז דער מענטש שמייכלט.

ח י י ם ק ו ז נ ע ץ

מענטש — די לײדנדיקסטע באַשעפעניש.
דערפֿאַר.

עקסטראַווערט און אינטראַווערט

נאָך פֿאַרשידענע עקספּערימענטן פֿון פֿיזיאָלאָגן, פּסי־כאָלאָגן און אַנדערע געלערנטע, איז אויסגעפֿונען געוואָרן, אַז בײַ מענטשן וואָס זײַנען אַ לענגערע צײַט אונטערוואָרפֿן אַ גרויסן דרוק אָדער שטאַרקע איבערלעבונגען, בײַט זיך זייער גאַנצער כאַראַקטער. זיי ווערן שווײַגעוודיק, צוריקגעצויגן, אַסאָציאַל — אינטראַווערטיש. —

*

וואָס ט י פֿ ע ר, אַלץ שטאַרקער דער דרוק; וואָס ט י־פֿ ע ר, אַלץ שטאַרקער די איבערלעבונג.

*

דער עקסטראַווערט, דער מענטש פֿון דער א ו י ב ע ר־פֿ ל א ך, פֿון ד ר ו י ס ן, איז אין דער בחינה פֿון געוויינלעכער פֿיזיק, פֿון אַ קויל וואָס ברענט.

דער אינטראַווערט, דער מענטש פֿון דער ט י ף, פֿן א י־נ ע ו ו י י נ י ק. איז אין דער בחינה פֿון נוקלעאַרער פֿיזיק, פֿון אַ קויל ווען עמענס אַטאָמען ווערן געשפּאָלטן.

דער עקסטראַווערט איז זויערשטאָף. דער אינטראַווערט — שטיקשטאָף.

און הגם שטיקשטאָף איז „אַסאָציאַל”, מישט זיך נישט אויס מיט „קיינעם” און מײַדט־אויס פֿאַרבינדונגען, איז ער אָבער צוגלייך מיט זויערשטאָף נויטיק פֿאַרן פֿלאַנץ־ (און ממילא אויך חיה־) לעבן.

*

דער עקסטראָווערט איז פאַרטאָן אין זאַכן. דער אינטראָ־
ווערט — אין פּראָצעסן.

דער עקסטראָווערט איז דער מענטש פון ר ו י ם. דער
אינטראָווערט — דער מענטש פון צ י י ט.

*

אַלעקסאַנדער און דיאָגענעס. נישט איינער איז שטאַרק
און דער צווייטער איז שוואַך, נאָר — אַנטקעגנגעזעצט.

אַלעקסאַנדער איז — פון אויבנאויף געגומען — פּאָזי־
טיוו, דיאָגענעס — נעגאַטיוו. אָבער דאָס, וואָס דער נעגאַטיוו
שטויסט־אָפּ, איז נישט מחמת שוואַכקייט, נאָר פּונקט פאַר־
קערט!

דער מענטש — די מאָס

פּראָטאַגאָראַס זאָגט, אַז דער מענטש איז די מאָס פון אַלע
זאַכן.

איז דאָס נישט גאווה, ווי ד. ה. לאָורענס וויל האָבן, נאָר
אַ וויסנשאַפטלעכע פעסטשטעלונג.

ווייל די זאַך וואָס מעסט איז די מאָס פון די זאַכן וואָס
ווערן געמאָסטן. און דער מענטש איז די מאָס, ווייל ער מעסט.

גלייבונג און האַנדלונג

דער מענטש וואָס גלייבט, אַז ער איז אַ גאָט, האַנדלט
מערסטנס ווי אַ חיה. דער מענטש וואָס גלייבט, אַז ער איז אַ
חיה, האַנדלט מערסטנס ווי אַ גאָט.

מענטש און מאַסע

ווען מענטשן קומען זיך צונויף אין אַ מאַסע, ווערט די

ראַציאָנאַליטעט זייערע פאַרקלענערט און די איראַציאָנאַ־ליטעט — פאַרגרעסערט.

האָבנדיק אין זינען ניוטאָנ׳ס געזעץ פון גראַוויטאַציע, קאָן מען זאָגן: די איראַציאָנאַליטעט איז דירעקט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער מאַסע, און די ראַציאָנאַליטעט — אומגעקערט פּראָ־פּאָרציאָנעל...

מענטש — ע פּלוריבוס אונום

דער וואָס רעדט אָדער טראַכט וועגן דער באַשעפעניש מ ע נ ט ש, טאָר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז אַ מענטש איז נישט עפּעס וואָס איז גאַנץ, איינהייטלעך, „מאָנאָליטיש", נאָר ער איז אין דער בחינה פון „פאַראייניקטע שטאַטן".

דער פאַקט איז, אַז איין־און־דערזעלביקער מענטש קאָן, למשל, עמאָציאָנעל און אינטעלעקטועל זיין אַזוי פאַרשידן, אַז דער חילוק צווישן אים פון דער עמאָציאָנעלער זייט און אים פון דער אינטעלעקטועלער זייט קאָן זיין אַ סך גרעסער און פונ־דאַמענטאַלער, ווי צווישן אים און אַ חיה.

(שלמה מימון, למשל).

„איך" (יחיד און פאָלק)

לויט דער היינצייטיקער וויסנשאַפט איז נישטאָ עפּעס אַזוינס ווי אַ „זאַך". יעדע זאַך איז אין דער אמתן אַ געשעע־ניש, אַ פאַרקומעניש. די געשיכטע פון דער „זאַך" — דאָס איז די זאַך!

קעמערלעך לעבן בלויז אַ געוויסע צייט און — שטאַרבן.

אַ מענטש, ווי אַלץ וואָס לעבט, באַשטייט פון קעמערלעך.

אינעם דערוואַקסענעם מענטשן איז נישטאָ קיין איין קע־מערל פון זיין קינדהייט אָדער פון זיין יוגנט. איז ווען ער זאָגט „איך", איז עס די געשיכטע פונעם בינטל געשעענישן, פאַר־

קומענישן, וועלכע דער זיכרון האַלט פאַראייניקט.

יחיד — זיכרון; פאָלק — געשיכטע.

„קול המון"

„קול המון כקול שדי". אַ סך אמתן זיינען פאַראַן אין פאָלקסווערטלעך און אויסדרוקן.

אַט זאָגט מען, למשל, אויף אַ נערוועזן, צערייצטן מענטשן: ער איז אַ זויערער מענטש. איז עס נישט אַ מעטאַפאָר, נאָר אַ פיזיאָלאָגישער פאַקט.

אין נאָרמאַלן צושטאַנד איז דער כעמישער אויפבוי פון בלוט מער אַלקאַליש, ביים נערוועזן מענטשן אָבער — דאָס רוב זויער.

*

„איטלעכער בעל־דרשן, דרשנט פון זיינטוועגן". אַלץ וואָס אַ מענטש טוט איז נישט צוליב אַלטרואיזם, נאָר צוליב זעלבסט־אויסדרוק אָדער עגאָ־דערהייבונג.

*

„אַז מען בלאָזט, ווערט קאַלט". אַ מענטש, וואָס בלאָזט פון זיך, וואָס האַלט זיך גרויס, — אין דער געזעלשאַפט פון אַזאַ מענטשן פילט מען זיך קאַלט. מיט אַזאַ מענטשן קאָן מען נישט ווערן אינטים. דער שכל פון דעם איז אַ פשוטער: טיף אין זיך ווייסט ער, אַז ער איז אַ גאָרנישט. און ווייל ער האָט אַ שטאַרקן שפלות־געפיל, וויל ער נישט, אַז אימיצער זאָל מיט אים ווערן אינטים און אַזוי אָרום דערזען זיין אמתן „איך".

*

„פאַרוואָס טאַנצט דער בער? ווייל ער האָט נישט קיין ווייב".

טאַנץ, ווי די גאַנצע קונסט, איז סובלימירטע געשלעכט־ענערגיע. טאַנץ איבערהויפּט איז איינס פון די בעסטע מיט־לען ווי צו געבן דעם איבערפלוס פון געשלעכט־ענערגיע אַן אויסלאָז אויף אַ גרינגן, אַנגענעמען און — דער עיקר—„כשרן" אופן.

*

„אַזוי ווי מען שפּילט, אַזוי טאַנצט מען". פרויד: דער אומבאַוואוסטזיין דעטערמינירט דעם באַוואוסטזיין.

*

„ווי מען בעט זיך אוים, אַזוי שלאָפט מען". אַלפרעד אַד־לער: וואָס פאַר אַ לעבנס־פּלאַן דער מענטש האָט, אַזוי האַנדלט ער און פירט זיך אויף.

*

„מען קאָן קיין מענטשן נישט דערקענען, ביז מען האַנדלט נישט מיט אים". דזשאָן ב. וואַטסאָן: כדי צו שטודירן און קע־נען אַ מענטשן, דאַרפן מיר אָביעקטיוו באַאָבאַכטן זיינע האַנ־דלונגען און אויפפירונגען.

*

בלעטערנדיק „בראשית"

„והיו למאורת ברקיע השמים להאיר על הארץ". דאָס איז וואָס דזשאָן דיואי זאָגט: „די אויפגאַבע פון דער צוקונפטי־קער פילאָזאָפיע איז קלאָר צו מאַכן די מענטשנס אידייען וואָס שייך די סאָציאַלע און מאָראַלע שטרייטן פון זייער אייגענער צייט".

*

ותפקחנה עיני שניהם וידעו כי עירומים הם". ווען דער מענטש באַפרייט זיך פון בלינדע אָבערגלויבנס און אילוזיעס

און ווערט זעענדיק, דעמאָלט דערוויסט ער זיך, אַז ער איז נ אַ ק ע ט. (אַז „דער קעניג איז נאַקעט").

*

יעקב און עשו. אינטראָווערסיע און עקסטראָווערסיע. „ויתרוצצו הבנים בקרבה". אין יעדן מענטשן קעמפן די דאָזיקע צוויי נייגונגען.

„עשו איש יודע ציד, איש שדה". דער עקסטראָווערט איז אַ מענטש פון דער דרויסנדיקער וועלט, אַ מענטש פון האַנדלונג. „ויעקב איש תם יושב אהלים" — און דער אינטראָווערט איז אַ מענטש וואָס איז פאַרשלונגען אין זיך, אַ מענטש וואָס וואוינט אין דער וועלט פון זיין אייגענעם „איך".

„ויאהב יצחק את עשו". דער מאַן איז געוויינלעך עקסטראָווערטיש, „כי ציד בפיו" —ווייל ער מוז קעמפן פאַרן לעבן, ווייל ער מוז זיין דער שפייזער. „ורבקה אהבת את יעקב" — די פרוי אָבער איז געוויינלעך אינטראָווערטיש.

סוף דבר... כי זה כל האדם...

פרייטיק. אַלע חיות שוין באַשאַפן און ביז שבת איז נאָך וויית, האָט גאָט צו זיך געזאָגט: מ'דאַרף נאָך עפּעס באַשאַפן! און אַזוי ווי ס'איז אים איבערגעבליבן זייער ווינציק חיה־שטאָף, — און דאָס אויך פונעם אָפּפאַל! — האָט ער באַשאַפן אַ מענטשן, אַ באַשעפעניש אַזאַ, אַן קלאָען, אַן שאַרפע ציין און נעגל, אַן הערנער, אָן אַ ווידל אַפילו. אַז ס'האָט אויסגעפעלט מאַטעריאַל, איז דאָך נישט שייך!...

דאָס יאָ, בלאָטע און לופט האָט ער ניט געזשאַלעוועט (געקאַרגט) דער רבונו־של־עולם...

און דעריבער האַלט דער מענטש תמיד אין איין פאַרקריכן אין בלאָטע, און שטענדיק טראָגט עס אים אין דער לופטן...

אין און אַרום דעם מענטשן

ב.

ניט - וויסן

מענטשן וואָלטן געוואָלט וויסן די צוקונפט, אַריינדרינגען אין איר און זען וואָס זי האָלט אָנגעגרייט פאַר זיי. אָבער ווען דער מענטש זאָל וויסן אַלצדינג וואָס מיט אים וועט געשען ביזן טויט, וואָלט זיין לעבן פאַרלאָרן יעדן זין און ער וואָלט ממש נישט געקאָנט אָנגיין מיטן לעבן.

פאַרוואָס באַקלאָגט זיך דער מענטש, אַז זיין לעבן איז מאָנאָטאָן, פּוסט און אָן אַ זין, אויב נישט מחמת דעם, וואָס יעדן טאָג טוט ער איין און די זעלביקע אַרבעט און ווייסט יעדן טאָג וואָס ער וועט מאָרגן טאָן און וואָס מיט אים וועט געשען?

אגב, די איינציקע „זאַך" וואָס גיט דעם מענטשן כוח צו לעבן און דערטראָגן אים, איז האָפענונג, און האָפענונג נעמט זיך פון נישט-וויסן. (ווייל אויב מען ווייסט, איז דאָס שוין נישט האָפענונג, נאָר דערוואַרטונג).

איז דערפון געדרונגען, אַז ניט-וויסן איז נישט אַ קללה, נאָר, אדרבה, אַ ברכה פאַרן מענטשן.

*

ווען דאָס אויג וואָלט נישט געהאַט קיין אויגנדעקל און וואָלט שטענדיק געמוזט זיין אָפן, וואָלט דער מענטש נישט געקאָנט לעבן. על-כל-פּנים, זיין לעבן וואָלט דעמאָלט געווען אומדערטרעגלעך.

דאָס איז וואָס אַנאַטאָל פראַנס זאָגט, אַז „די נאַטור האָט

אונדז געגעבן אומוויסנהייט, צו דינען ווי אַן אויגנדעקל פאַר אונדזער נשמה".

קנאה

דאָס לעבן איז איינס. כדי אָנצוהאַלטן זיין אָביעקטיוויזאַציע האָט עס אַן „ארויסהעלפער": ראַסע-דערהאַלטונג אינסטינקט. אָט-דער אינסטינקט, פון זיין זייט, האָט אויך אַן „ארויסהעלפער": זעלבסט-דערהאַלטונג אינסטינקט. דאָס זיינען די צוויי פונדאַמענטאַלע אינסטינקטן פון לעבן.

דעם מענטשנס אַלע געפילן, די אָבות מיט אַלע זייערע תולדות, שטאַמען פון די נאָר-וואָס דערמאָנטע אבי-אבות אינסטינקטן.

די גוטע" געפילן, ווי: ליבע, רחמנות, אַאַז"ו, וואָרצלען אין דעם ראַסע-דערהאַלטונג אינסטינקט, און די „שלעכטע" געפילן, ווי: אייפערזוכט, קנאה, שנאה אַאַז"ו, וואָרצלען אין דעם זעלבסט-דערהאַלטונג אינסטינקט.

לאָמיר, למשל, אָנכאַפּן קנאה. וואָס איז קנאה? דאָס איז דאָס געפיל פון נישט פאַרגינען יענעם דאָס, וואָס ער האָט און וואָס איך וואָלט עס געוואָלט האָבן, נאָר האָב עס נישט.

ער האָט די זאַך און איך — נישט. איז וואָס שייך קאַמף פאַר עקזיסטענץ — אין ברייטן זין — האָט ער מער „געצייג" פון מיר און פאָלגלעך — אַ בעסערן שאַנס. קאַמף פאַר עקזיסטענץ איז אָבער דאָס זעלבע וואָס זעלבסט-דערהאַלטונג. הייסט עס, אַז אין לעצטן סך-הכל שטאַמט קנאה פון דעם זעלבסט-דערהאַלטונג אינסטינקט און פון אים קריגט ער זיין „ענערגיע".

סאַדיזם

אַלע אינסטינקטן זיינען צוליב דעם אויפהאַלט פון לעבן. (על־כל־פּנים לכתחילהדיק). סאַדיזם — אין ברייטן זין — איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אינעם מענטשן און אַזוי אַלמענטשלעך, אַז ער מוז זיין אַן אינסטינקט.

סאַדיזם האָט, אויף וויפיל מיר פאַרשטייען, גאָרנישט צו טאָן מיטן אויפהאַלט פון לעבן. איז צו וואָס נוצט ער און ווי קומט ער צום מענטשן?

לאָמיר טראַכטן:

כדי צו קאָנען לעבן, מוז דער מענטש — ווי יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש — פאַרמאָגן אַן אינסטינקט פון צעשטערונג אָדער פאַרניכטונג.

וואָלט ער נישט געהאַלטן אין איין „צעשטערן" לעבעדיקע „זאַכן" אויף צום עסן, וואָלט זיין לעבן נישט געקאָנט האָבן קיין קיום.

דער אינסטינקט פון געשלעכט איז צו באַשאַפן לעבן, און דער אינסטינקט פון צעשטערונג — עס אויפצוהאַלטן.

און ווייל דורך צעשטערונג האַלט־אויף דער מענטש זיין לעבן, האָט ער פון דעם הנאה.

דער דאָזיקער אינסטינקט פון צעשטערונג איז דער מקור פון סאַדיזם.

(מאַזאָכיזם איז סאַדיזם געגן זיך אַליין).

וואָס ליבע איז לגבי דעם געשלעכט־אינסטינקט, דאָס איז סאַדיזם לגבי דעם אינסטינקט פון צעשטערונג.

געשלעכט און צעשטערונג איז ביאָלאָגיע; ליבע און סאַדיזם — פּסיכאָלאָגיע.

די חיה איז נישט תמיד באַהערשט פונעם געשלעכט־אינסטינקט. און ווען זי ווערט יאָ באַהערשט פון אים, לעבט זי

אים אוים אין זיין אָריגינעלער, ביאָלאָגישער פאָרם. אַזוי אויך וואָס שייך דעם אינסטינקט פון צעשטערונג.

דער מענטש איז שטענדיק באַהערשט פונעם געשלעכט־אינסטינקט. אָבער נישט קאָנענדיק שטענדיק אויסלעבן אים אין זיין אָריגינעלער פאָרם, ביאָלאָגיש, ווערט עס ביי אים פאַרוואַנדלט אין פסיכאָלאָגיע: ליבע. און אַזוי אויך וואָס שייך דעם אינסטינקט פון צעשטערנג.

שנאה צום פרעמדן

שנאה צום פרעמדן נעמט זיך, אַמאָל, פון דער פריסטער קינדהייט.

זיכערהייט און היימישקייט זיינען ביים קינד הינו־הך.

אַלץ און אַלע אַרום אים — היימישלעך־באַקאַנט, האָט ער קיין מורא נישט, איז ער רואיק און זיכער.

דאָס, וואָס איז אומבאַקאַנט שרעקט, האָט מען עס פיינט. מעג עס זיין עפּעס, וואָס איז דאָס שענסטע און בעסטע!

דערקענטעניש און רחמנות

„וואָס עלטער אַ מענטש ווערט, וואָס מער מענטשן ער דערקענט, אַלץ אומברחמנותדיקער ווערט ער.

איז דאָך גאָט עלטער פון אַלע מענטשן פון דער וועלט — און מענטשן קען ער מער ווי יעדער, היינט ווי קענסטו דערוואַרטן רחמנות פון כביכול?" (מלך ראַוויטש).

ניין, נישט מיט אַלע מענטשן איז עס אַזוי. דער דענקענדיקער מענטש — וואָס עלטער ער ווערט און וואָס מער מענטשן ער דערקענט, אַלץ מער זעט ער איין דעם אמת, אַז מענטשן — בפרט די, וואָס לעבן אין דער טראַדיציאָנעלער ציוויליזאַציע — זיינען איבערגעשראָקענע קינדער, וואָס

פּרואוון טאָן דאָס בעסטע וואָס זיי קאָנען, לויט זייער שכל און געפיל, צו קאָנען פאַרטראָגן דאָס לעבן — און אַלץ שטאַרקער ווערט אין אים דאָס געפיל פון רחמנות אויף זיי.

און אַזוי טראַכט דער דענקענדיקער מענטש: אמת, ווען די מענטשן אויף וועלכע מ׳דאַרף רחמנות האָבן (די איבער־וועגנדיקע מערהייט פון דער מענטשהייט) וואָלטן געהאַט דעם נויטיקן שכל, וואָלטן זיי געקאָנט אויסאַרבעטן אַזאַ סדר־העולם אין וועלכן עס זאָל, אין אַ גאָר גרויסער מאָס, פאַרשפּאָרט זיין רחמנות. אָבער דאָס גופא, וואָס זיי האָבן קיין שכל ניט אויס־צואַרבעטן אַזאַ סדר־העולם, פאַרדינט מיין רחמנות און מיט־געפיל!

און אַזוי ווי גאָט איז עלטער פון אַלע מענטשן וכו׳ דער־פאַר „טוב ד׳ לכל, ורחמיו על כל מעשיו” (גוט איז גאָט צו אַ־לעמען, און זיין רחמנות איז אויף אַלע זיינע ווערק).

דעטערמיניזם און פרייער ווילן

א: איך זאָג, אַז דער מענטש האָט נישט קיין פרייען ווילן!

ב: און איך זאָג, אַז ער האָט יאָ!

א: קאָנסטו זאָגן — און גלייבן אין דעם — אַז דער מענטש האָט נישט קיין פרייען ווילן?

ב: ניין.

א: מוזסטו זאָגן, אַז ער האָט אַ פרייען ווילן?

ב: יאָ.

א: אויב דו מוזסט, ביסטו דאָך נישט פריי!

ב: אויך מיר אַ משל!

א: גוט, וואָס זיינען די וויכטיקסטע פּאַסירונגען אין מענטשנס לעבן?

ב: געבורט און טויט.

אַ: ריכטיק. איז דער מענטש פריי אויסצוקלייבן זיין אייגענעם קערפּער מיט אַלץ וואָס אין אים?

ב: ניין.

אַ: און דעם מין, די ראַסע, דאָס פאָלק און די עלטערן?

ב: אויך נישט.

אַ: און די צייט און דאָס אָרט פון זיין געבורט און זיין האַדעוואַניע און דערציאונג?

ב: אויך נישט.

אַ: און האָט ער אַ פרייען ווילן יאָ צו שטאַרבן אָדער ניט צו שטאַרבן?

ב: ניין.

אַ: קאָן ער לעבן ווי לאַנג ער וויל?

ב: ניין.

אַ: קאָן ער שטאַרבן ווען ער וויל?

ב: יאָ.

אַ: הייסט עס, אַז בלויז וואָס שייך שטאַרבן האָט ער אַ פרייען ווילן... וויל ער אָבער שטאַרבן?

ב: ניין.

אַ: פאַרוואָס וויל ער ניט שטאַרבן?

ב: ווייל ער וויל לעבן.

אַ: קאָן ער אויך ווען פאַרקערט: נישט ווען לעבן און יאָ ווען שטאַרבן?

ב: אין נאָרמאַלן צושטאַנד — נישט

אַ: און ווען דער מענטש איז נישט נאָרמאַל, האָט ער דעמאָלט אַ פרייען ווילן, צי נישט?

ב: אַ נישט-נאָרמאַלער-מענטש האָט נישט קיין פרייען ווילן.

אַ: הייסט עס, אַז אַ נאָרמאַלער מענטש האָט יאָ אַ פרייען ווילן?

ב: דאָס איז וואָס איך זאָג.

א: און אַ נאָרמאַלער מענטש קאָן ניט נישט וועלן לעבן און יאָ וועלן שטאַרבן?

ב: ריכטיק.

א: הייסט עס, אַז ער מוז יאָ וועלן לעבן און נישט וועלן שטאַרבן?

ב: יאָ.

א: אויב ער מוז וועלן אַזוי און נישט פאַרקערט, איז דאָך זיין ווילן נישט פריי!

ב: האַ? אָבער ווען ער זאָל וועלן קאָן ער יאָ וועלן שטאַרבן!

א: גוט, זאָל זיין, אַז ער קאָן יאָ וועלן שטאַרבן טעאָרעטיש, וועט ער אָבער וועלן שטאַרבן פאַקטיש? וועט ער באַגיין זעלבסטמאָרד?

ב: אויב אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד — ניט.

א: הייסט עס, אַז דער מענטש איז פריי בלויז טעאָרעטיש, אָבער נישט פאַקטיש. אַזוי ווי אָבער דער מענטש איז נישט קיין טעאָריע, נאָר אַ פאַקט, איז דאָך אַ פאַקט, אַז פרייער ווילן איז נישט קיין פאַקט...

אין בעסטן פאַל קאָן מען זאָגן, אַז פרייער ווילן איז אין דער בחינה פון אַן אַרעסטאַנט אין תפיסה. אין תפיסה מוז ער זיצן, ער מוז אָבער נישט זיצן. ער קאָן שטיין, גיין אָדער ליגן...)

פרייער ווילן און אַחריות

א. איז אַ שלעכטער שאָך-שפּילער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין פאַרלירן צו זיין קעגנער דעם גוטן שפּילער?

ב: אוודאי נישט.

א: פאַרוואָס ניט?

ב: ווייל דער גוטער שפּילער ווייסט אַלע גאַנגען און ער

קאָן פאָראויסזען די רעזולטאַטן פון זיינעם אַ גאַנג, און ביים שלעכטן שפּילער איז דאָס פאַרקערט.

א: איז אַ קינד פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים?
ב: פאַרשטייט זיך, אַז ניט.

א: פאַרוואָס ניט?
ב: ווייל ער פאַרשטייט ניט, ווייל ער ווערט געטריבן צו זיינע מעשים פון אימפּולסן און געפילן און נישט פון שכל.

א: פאַרוואָס ניט פון שכל?
ב: ווייל דאָס איז עפּעס וואָס ער האָט ניט.

א: פעלט אים שכל אין פאַרגלייך מיט זיינם גלייכן צי אין פאַרגלייך מיט אַ דערוואַקסענעם?
ב: פאַרשטייט זיך, אין פאַרגלייך מיט אַ דערוואַקסע-נעם.

א: הייסט עס, אַז אַ דערוואַקסענער מעג קוקן אויף אַ קינד ווי אויף אַן אַחריותלאָזער באַשעפעניש — און איז זיין קוק אַ ריכטיקער?
ב: אַוודאי.

א: אַזוי ווי אַ קינד איז אַנטקעגן אַ דערוואַקסענעם, אַזוי איז אַ דערוואַקסענער אַנטקעגן גאָט. איז דאָס אמת?

ב: דאָס איז גאָר קיין פאַרגלייך נישט.

א: פאַרוואָס נישט?

ב: ווייל אַ קינד מיט זיין באַוואוסטזיין אַנטקעגן אַ דערוואַקסענעם מיט זיין באַוואוסטזיין איז נאָך אַלץ אַן עפּעס. דער אונטערשייד צווישן זיי אוז נישט בעצם, נאָר במדרגה, אָבער אַ דערוואַקסענער מיט זיין באַוואוסטזיין, מיט זיין גאַנצן וויסן און פאַרשטיין, אַנטקעגן גאָט מיט זיין באַוואוסטזיין איז לחלוטין אַ גאָרנישט שבגאָרנישט!

אַחריות און באַוואוסטזיין

אַלפרעד אַדלער האַלט, אַז דער אומבאַוואוסטזיין איז דאָס, וועגן וואָס דער מענטש וויל נישט וויסן, כדי נישט צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם.

פרעגט זיך: וואָס אַחריותדיקער דער מענטש איז, אַלץ גרעסער איז די ספערע פון זיין באַוואוסטזיין און אַלץ ווינציקער נייטיקט ער זיך אין אַן אומבאַוואוסטזיין, אָדער, פאַרקערט, וואָס גרעסער ס'איז די ספערע פון זיין באַוואוסטזיין, אַלץ אַחריותדיקער איז ער?

פאַרברעכן און שטראָף

— אויב דער מענטש האָט נישט קיין פרייען ווילן, אויב ער איז אונטערגעוואָרפן אונטער נאַטור־געזעצן, ווי אַלץ וואָס אין דער נאַטור, איז ער דאָך נישט שולדיק פאַר דעם וואָס ער איז אָדער טוט, אַזוי ווי אַ ספרונזשינע, למשל, איז נישט שולדיק פאַר דעם וואָס זי בייגט זיך, אָדער אַזוי ווי אַ גלאָז איז נישט שולדיק פאַר דעם וואָס עס ברעכט זיך. אויב אַזוי קומט דאָך אויס, אַז מ'טאָר קיינעם נישט פאַרמשפּטן פאַר אַ פאַרברעכן וואָס ער באַגייט און מ'דאַרף די פאַרברעכער לאָזן טאָן וואָס זיי ווילן!

— לאו דווקא. אַז אַן אַלט הויז האַלט ביים איינפאַלן, וועסטו דאָך נישט זאָגן, אַז דאָס איז די שולד פונעם הויז. ס'הייסט, דו, הויז, אַז דו האָסט אַ פרייען ווילן — ווילסטו קאָנסטו יאָ איינפאַלן און ווילסטו קאָנסטו נישט איינפאַלן — און דו האָסט דווקא אויסגעקליבן יאָ איינצופאַלן, ביזסטו דאָך שולדיק און מ'דאַרף דיך באַשטראָפן דערפאַר!

ניין, דו וועסט אַזוי נישט זאָגן, ווייל דו ווייסט, אַז עס זיינען פאַראַן געוויסע פיזיקאַלישע געזעצן און דאָס הויז קאָן זיך נישט „אויפפירן" אַנדערש.

אָבער הגם דאָס הויז איז נישט שולדיק אין דעם וואָס עס

האַלט ביים איינפאַלן, פונדעסטוועגן וועסטו עפעס טאָן וועגן דעם: אָדער דו וועסט עס אונטערשפּאַרן אָדער פונאַנדער־וואַרפן.

פאַרברעכער — הינעראוויג

אַ פאַרברעכער איז אין דער בחינה פון אַ הינעראוויג.

אויב די סיבה פונעם הינעראוויג איז אַן ענגער שוך, איז וויפיל און מיט וואָס מ'זאָל אים נישט אָפּשניידן, וועט ער צו־ריק אָנוואַקסן. בלויז מיט דער באַזייטיקונג פונעם ענגען שוך וועט דער הינעראוויג אויף שטענדיק באַזייטיקט ווערן.

טאָלעראַנץ

דער וואָס שטייט אינדרויסן פון אַ פאַס זאָגט, אַז די פאַס איז קאָנוועקס, אין דער פאָרם פון אַ בויך. דער, וואָס איז אינע־ווייניק אין דער פאַס, טענהט, אַז זי איז קאָנקאַוו, אין דער פאָרם פון אַ מולטער.

ביידע זיינען זיכער, אַז דער אמת איז מיט זיי.

*

אַ מענטש פליט אין אַן עראָפּלאַן אין אַ גראַדער ליניע. לאָמיר זאָגן צען מייל פון דער ערד. ע ר איז זיכער, אַז ער פליט אין אַ גראַדער ליניע, אָבער דער וואָס וואָלט געקוקט אויף אים פון אַן אַנדער פלאַנעט וואָלט געווען זיכער, אַז ער פליט אין אַ געבייגענער ליניע.

*

אויב איך הער אימיצן אַרויסלאָזנדיק מאָדנע קלאַנגען, וואָס איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, טאָר איך נישט אָפּ־פסקנען, אַז יענער איז אַ שטאַמלער, אַ קאַליקע נעבעך. ס'איז דאָך מעגלעך, אַז דאָס רעדט ער אַזוי און אַז זיין שפּראַך איז רייכער ווי מיינע.

*

כדי צו אַבסערווירן עפּעס מוז מען האָבן ליכט. אָבער ליכט טוט עפּעס צו דעם אַבסערווירטן אָביעקט. עס פאַרענדערט אים אויף וועלכן-נישט-איז אופן. נישט בלויז זיין קאָליר ווערט פאַרענדערט אונטער דער ווירקונג פון ליכט, נאָר, ווי אַרטור קאָמפּטאָן באַווייזט, אויך דער אימפּעט און די ענערגיע פון זיינע עלעקטראָנען אויף וועלכע דאָס ליכט פאַלט. אַזוי, אַז דעם אמתן אמת וועגן דעם אַבסערווירטן אָביעקט איז אוממעגלעך צו וויסן.

*

אָבער צוריקגערעדט. ווען איך זע אַ מענטשן בלאָנדזשענ-דיק, (ער גייט, לאָמיר זאָגן, צו מערב ווען ער דאַרף גאָר גיין צו מזרח), קאָן איך זיין טאָלעראַנט צו אים ווי אַ פּערזאָן, אָ-בער נישט צו זיין בלאָנדזשעניש.

אויב איך האָב באמת זיין וואוילזיין אין זינען, איז מיין חוב אים אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז ער בלאָנדזשעט און ווייזן אים דעם ריכטיקן וועג. און אויב ער פאָלגט נישט און אויב איך קאָן, איז מיין חוב צו צווינגען אים צו גיין אויפן ריכטיקן וועג, ווי עלטערן צווינגען אַ קינד איינצונעמען אַ מעדיצין.

אויב איך בין טאָלעראַנט צו זיין בלאָנדזשעניש, מיינט עס, אַז אָדער איך אַליין בלאָנדזשע אויך — און בין באַוואוסטזיניק וועגן דעם — אָדער, אַז איך בין לחלוטין גלייכגילטיק צו אים און זיין וואוילזיין.

*

מלך ראַוויטש האַלט („תרי"ג מחשבות מיינע"), אַז היות זוכן, שטרעבן, וועלן — מאַכט... אינטעליגענט ... און גאָט זוכט נישט, שטרעבט נישט, וויל נישט גאָרנישט, איז דערפון גע-דרונגען, אַז גאָט איז נישט אינטעליגענט...

מ׳קען דאָך אָבער אויך זאָגן פאַרקערט: יעדער איינער וויל און זוכט דאָס און שטרעבט צו דעם וואָס אים פעלט, און אַז גאָט וויל נישט, זוכט נישט און שטרעבט נישט, מיינט דאָך, אַז אים פעלט גאָרנישט, איז דערפון געדרונגען, אַז ער איז די פולקאָמענהייט אַליין.

*

פרעגט ראַוויטש (דאָרט) „איז דאָס אייביקע שאַפן דער געטלעכער אַטריבוט, אָדער דאָס אייביקע פאַרניכטן?ביידע מיטאַמאָל קענען עס דאָך נישט זיין״.

פאַרוואָס נישט? טאַקע ביידע און מיטאַמאָל! דאָס איז אין דער בחינה פון מעטאַבאָליזם, וואָס באַשטייט פון ביידע פּראָצעסן: אַנאַבאָליזם און קאַטאַבאָליזם.

קוואַליטעט און קוואַנטיטעט

מענטשן ריידן וועגן קוואַליטעט ווי דאָס וואָלט געווען דער היפּוך פון קוואַנטיטעט. אין דער אמתן איז קוואַליטעט בלויז אַ באַצייכענונג פון קוואַנטיטעט.

קוואַנטיטעט איז דער באַשטימער פון קוואַליטעט.

די קוואַליטעט פון קאָליר, למשל, נעמט זיך פון דער קוואַנטיטעט ליכט-וויבראַציעס. די קוואַליטעט פון מוזיק, קלאַנג—פון דער קוואַנטיטעט לופט-וויבראַציעס, צייט, דרוק אאַז״וו. די קוואַליטעט פון אַ געקעכץ — פון דער קוואַנטיטעט צייט וואָס עס קאָכט זיך, פון דער קוואַנטיטעט פון זיינע באַשטאַנדט-טיילן. די קוואַליטעט פון מעטאַל — פון דער קוואַנטיטעט עלעקטראָנען, פּראָטאָנען אאַז״וו.

דאָס אייגענע איז אָבער אויך וואָס שייך דעם מענטשנס פּסיכיק, זיין „נשמה״. די קוואַליטעט פונעם מענטשנס פּסי־כיק ווערט באַשטימט פון דער קוואַנטיטעט האָרמאָנען, וואָס

די דריזן שטייסן פון זיך ארויס, פון דער קוואנטיטעט פון זיינע איבערלעבענישן אאז״וו.

הייסט עס, אז אלצדינג ווענדט זיך אן צ אָ ל. אויב אזוי זיינען אונדז די פיטאגארייער גאנץ פארשטענדלעך.

„התקן עצמך בפרוזדור״...

ווען אַ מענטש קלייבט זיך גיין אויף אַ וועג, וואָס איז פול מיט סכנות; אויף אַ וועג וואו, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, ס׳וועט אים אויסקומען צו שלאָגן זיך, צו טראָגן שווערע משאות אָדער בכלל קעמפן מיט פאַרשידענע שוועריקייטן, טאָר ער זיך נישט פאַרלאָזן אויף נסים; זאָל ער נישט זאָגן: — אַלץ וועט גיין כשורה און מיט מיר וועט גאַרנישט געשען, אַזוי, אַז ס׳איז מיר נישט נייטיק צוצוגרייטן זיך אויף צו באַגעגענען די אַלע שוועריקייטן!

אמת, ס׳איז טאַקע מעגלעך, אַז אַלץ זאָל גיין כשורה, אַ־בער אַזוי ווי זיכער אין דעם קאָן ער דאָך נישט זיין, זאָל ער, איידער ער לאָזט זיך אין וועג אַריין, אָנהייבן צוגרייטן זיך פאַר די אומפאַראויסגעזעענע שוועריקייטן דורך אַנטוויקלען די מוסקולן פון זיינע הענט און דעם כוח פון זיינע פויסטן און דורך צוגעוויינען זיין פלייצע צו שווערע משאות אאַז״וו, אַזוי, אַז טאָמער וועט אים אויסקומען — און גיכער יאָ ווי נישט — טראָגן שווערע משאות אד׳גל, זאָל דאָס פאַר אים נישט זיין קיין איבערראַשונג און ער זאָל נישט בלייבן הילפלאָז.

ס׳איז אַנטקעגן דעם, וואָס דערוואַקסענע מענטשן וויינען און יאָמערן אויף אַ טויטן.

טויט איז נישט ט אָ מ ע ר, נאָר ז י כ ע ר, אָבער זיי לאָזן נישט צו צו זיך דעם געדאַנק פון טויט און טרענירן נישט, מחמת דעם, די „מוסקולן״ און די „פלייצעס״ פון זייערע גע־

דאַנקען און געפילן אויף צו זיין בכוח אַנטקעגנצוקומען דעם טויט.
פונקט ווי מען דאַרף זיך פיזיש פאַרהאַרטעווען, אַזוי אויך פסיכיש.

*

ווי זאָגט א. ע. האוזמאַן:

Therefore, since the world has still
Much good, but much less good than ill,
And while the sun and moon endure
Luck's a chance, but trouble's sure,
I'd face it as a wise man would,
And train for ill and not for good.

(דעריבער, היות די וועלט האָט נאָך אַ סך גוטס, אָבער אַ סך ווינציקער גוטס איידער שלעכטס, און כל־זמן די זון און די לבנה עקזיסטירטן איז גליק אַ צופאַל, אָבער אומגליק איז זיכער, וועל איך עס באַגעגענען ווי אַ קלוגער מענטש וואָלט געטאָן, און גרייטן זיך פאַר שלעכטס און נישט פאַר גוטס).

דענקען

(פון אַ שמועס מיט מיין חבר סעם זאַבינסקי)

ער: דענקען מיינט: קאָנען פאַרשטיין אַ געגנשטאַנד אָדער אַ פּראָצעס, כדי צו קאָנען אים קאָנטראָלירן. אָדער, דענקען מיינט: לייזן פּראָבלעמען. און דער חילוק צווישן מיר און דיר איז אָט־וואָס: ביי מיר איז דענקען אַ מיטל צו אַ צוועק; און ביי דיר איז עס אַ צוועק פאַר זיך.

איך: דו בלאָנדזשעסט אין אַ דזשאָנגל און האָסט מיט זיך אַ זעג. וואָס זשע טוסטו מיט איר? דו האַלטסט אין איין זעגן די פאַרפּלאָנטערטע צווייגן און ביימלעך כדי צו קאָנען גיין ווייטער. איך האָב אויך מיט זיך אַ זעג. אָבער אַנשטאָט צו בלאָנדזשען אין אַ דזשאָנגל, שפּאַציר איך איבער אַ פרייען פעלד. וואָס זשע טו איך מיט דער זעג? איך שפּיל אויף איר און האָב הנאה.

דאָס בעטן אויף חכמה

ווען דו בעטסט ביי גאָט אויף חכמה, איז עס אַ סימן, אַז דו ביסט זייער ווייט פון דעם. און נישט דערפאַר וואָס, אַז מען בעט אויף עפּעס איז אַ סימן, אַז מע האָט עס נישט, נאָר, אײַ־בערהויפּט, דערפאַר וואָס חכמה פאַלט נישט אַרונטער פון הימל ווי מן, נאָר איז דער רעזולטאַט פונעם מענטשנס אייגענעם מיען זיך.

נישט דורך הייבן די אויגן צו די הימלען ווערסטו דער־ווערבן חכמה, נאָר דורך פאַרטיפן זיי אינעם אַרום און אין דער טיפעניש פון דיין אייגענעם „איך".

פּעסימיזם און ווילן

„די פּעסימיסטישע פילאָזאָפיע פּאַראַליזירט דעם ווילן". אַזוי זאָגן „זיי".

אַזוי ווי אָבער דער ווילן איז, לויט דער פּעסימיסטישער פילאָזאָפיע, דער קוואַל פון אַלעליידן, איז דאָך גוט וואָס ער ווערט פּאַראַליזירט!

*

ווי איז עס: צי ווייל דער מענטש האָט אַ פּעסימיסטישע וועלט־אַנשויאונג דערפאַר ווערט, און איז, זיין ווילן פּאַראַלי־זירט, אָדער צי ווייל זיין ווילן איז פּאַראַליזירט דערפאַר האָט ער אַ פּעסימיסטישע וועלט־אַנשויאונג־?

שפּאַנונג און אָפּשפּאַנונג

שפּאַנונג און אָפּשפּאַנונג — דער ריטם פון לעבן. זיין תמצית.

שפּאַנונג פאַרשאַפט שמאַרץ (אַנגסט, אומרו, אומגעדולד

אאַז„וו) און אָפּשפּאַנונג — פאַרגעניגן. לכל־הפּחות דערלייכ־טערונג.

ווען איך האָב מורא, אַז עפּעס זאָל מיט מיר נישט געשען, בין איך די גאַנצע צייט געשפּאַנט. לייד איך. קומט אָבער דאָס, פאַרוואָס איך האָב מורא, — מעג עס פאַר מיר זיין ווי שרעק־לעך, — ווער איך אָפּגעשפּאַנט. פיל איך אַ דערלייכטערונג.

דאָס איז פאַרוואָס דאָס וואַרטן אויפן טויט איז יסורימדי־קער פונעם טויט גופא.

פראַגרעס

פּראָגרעס — דער דראַנג צו אַלץ גרעסערער פולקאָמענ־הייט — איז נישט קיין אינסטינקט. ווייל וואָס דער מענטש וויל בטבע, איז גאָר סטאַביליטעט, פיקסירטקייט און נישט ענדערונג. אָבער אָן ענדערונג קאָן קיין פּראָגרעס נישט זיין.

דער מענטש וויל נישט פּראָגרעסירן, איז דאָס דער בעס־טער סימן, אַז פּראָגרעס איז נישט קיין אינסטינקט. ווייל יע־דער אינסטינקט וויל זיך רעאַליזירן, אויסלעבן, באַפרידיקט ווערן, און זיין רעאַליזירונג אאַז״וו פאַרשאַפט דעם מענטשן פאַרגעניגן, און דערפאַר טאַקע וויל ער אים נאָכגיין, דעם אינ־סטינקט. און וואָלט פּראָגרעס געווען אַן אינסטינקט, וואָלט דער מענטש געיאָגט זיך נאָך אים און וואָלט אים געזוכט צו רעאַליזירן, אויסלעבן.

צניעות

פּריוואַטקייט — דאָס נישט וועלן אַנטפּלעקן דאָס אינ־טימע, דאָס וועלן טאָן געוויסע נאַטור־באַדערפעניש אין צנעה — איז נישט קיין א י נ ג ב ו י ר ע נ ע נייגונג, נאָר אַ דער־וואָרבענע. דאָס איז אַן אַרויסגעצוואונגענקייט, וואָס איז גע־וואָרן פאַראינערלעכט.

קליינע קינדער ט ר א כ ט ן אפילו אין דערהויך!

ווערבאַליזאַציע און באַוואוסטזיין

אַ נאַקעטער מענטש קאָן נישט אַרויסגיין אינדרויסן, צווישן מענטשן. ער מוז זיצן אין אַ פאַרמאַכטן אָרט, הינטער אַ פאַרשלאָסענער טיר. אַז ער טוט זיך אָן, ערשט דעמאָלט קאָן ער אַרויסקומען אינדרויסן.

אָן אידייע, כל־זמן זי איז נאַקעט, מוז אינעם אומבאַוואוסטזיין באַהאַלטן זיין. ערשט נאָכדעם ווי זי טוט זיך אָן אין אַ מלבוש פון ווערטער קען זי אינעם באַוואוסטזיין אַריינקומען.

* *

ווען מען פילט עפּעס און מ׳ווייסט נישט וואָס, באַטייט עס, אַז דאָס געפיל איז נאָך נישט ווערבאַליזירט. ווייל דער באַוואוסטזיין ווייסט בלויז פון ווערטער, און אַ „זאַך" וואָס גייט נישט אָנגעטאָן אין אַ מלבוש פון ווערטער קאָן אין באַוואוסטזיין נישט אַריינקומען.

דער פֿאַרבאָרגענער מענטש

מענטש און מקור

ערב-מענטשן.
אײבּיקײטן אינעם חושך פֿון תהומות —
און דאָס גאַנצע לעבן זײערס
קלאַמערן זײ זיך אינעם חושך.
און אַלע טראָגן מיט זיך מיט לאַמטערנעס,
וואָס דאָס לעבן ט'זײ געגעבן בײם געבוירן,
און האָבן מורא, און זײ ציטערן זײ אָנצוצינדן.
און װײל װער אָנצינדן אָט-די לאַמטערנעס מיט זײן פֿײער,
רודפֿט מען אים און מען זוכט אים צו פֿאַרניכטן.
חשכות.
מקור.
קוואַל פֿון אײדער-לעבן.
און אַלע ציען זיך צו אים,
און אַלע טוען פֿון אים טרינקען
דאָס גאַנצע לעבן.

קאַרל גוסטאַוו יונג

....און נאָך אײדער זײן באַגינען,
איז שױן איבערפֿילט דער זינען
מיט פֿאַרשידענע מלוכות,
מיט שלוה און מיט זאַווערוכעס,
מיט לוחות און מיט שברי-לוחות.
שױן אין אָנהײב ערב-זינען
װעלטן גאַנצע צו געפֿינען.

מענטש און חלום

פרעג מיינע חלומות און זיי וועלן דיר זאָגן
וואָס איך בין באמת.
איך, דער אויסגעפוצטער, דער גאַלאַנטער פּראַנט,
מיטן גאָלד-געשטיקטן מאַנטל אויף מיינע אַקסלען,
מיט די האָניקדיקע רייד אויף מיינע שמייכלענדיקע
ליפּן, —
איך בין בלויז דער וועכטער פון בלינדע פאַרלאַנגען,
אור-דראַנגען און שטומע געזאַנגען;
דער היטער פון מיינע עלטערנס אוצרות און מיינע
מכלומרשט.

איך בין בלויז אַ דינער,
אַ וועכטער, אַ היטער פון גיטער,
פון אוצרות נישט מיינע,
ווי ס'איז דער שווייצאַר, וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג
פון פּאַלאַץ.

ער נעמט יעדן אויף:
דעם מיט אַ שמייכל אויף ליפּן
און דעם מיט אַ שמייכל אין האַרצן,
אָבער וואָס אינעם פּאַלאַץ עס טוט זיך
הייבט ער נישט אָן גאָר צו וויסן.
ער פאַרנעמט אַמאָל בלויז די אומקלאָרע קולות
וואָס קומען פון פּאַלאַץ,
ער דערשפּירט אַמאָל בלויז די קוים-פילבאַרע ריחות
וואָס פון דאָרטן זיך טראָגן.

פרעג מיינע חלומות און זיי וועלן דיר זאָגן
וואָס איך בין באמת.

קינדהייט — דער עמוד-האש

קאַנט באַטראַכט קויזאַליטעט — דער באַגריף וועגן סיבה וואָס מיר שרייבן-צו צו יעדער געשעעניש און סובסטאַנציאַליטעט — דער באַגריף וועגן סובסטאַנץ אונטער וואָס מיר פאַרשטייען אַ באַשטענדיקע, אומפאַרענדערלעכע ווירקלעכקייט, אַ „זאַך" וואָס געפינט זיך אַהינטער יעדער אייגנשאַפט און דערשיינונג — ווי אַ־פּריאָרישע גרונט-באַגריפן פונעם פאַרשטאַנד, ווי קאַטעגאָריעס פון שכל, וואָס מאַכן מעגלעך די דערפאַרונג.

איך גלייב אָבער נישט, אַז ס'איז דאָ עפּעס אַזוינס אינעם מענטשן (חוץ די רעפלעקסן מיט וועלכע ער ווערט געבוירן, ווי שלינגען, הוסטן, ניסן אאַז"וו) וואָס קומט צו אים פאַר יעדער דערפאַרונג. איך האַלט מיט פּראַטאַגאָראַסן, אַז דער מענטש איז די מאָס פון אַלע זאַכן. און דאָס איז מחמת דעם, וואָס דער מענטש אורטיילט. אָבער אורטיילן אורטיילט ער נישט לויט פאָרמעלער לאָגיק, נאָר „מבשרי אחזה" — לויט זיך אַליין, לויט זיינע אייגענע, פּערזענלעכע איבערלעבענישן ווען נישט איז אין דער ווירקלעכקייט און זיין אויסטייטשונג פון זיי, און די אַלע, כלומרשט, אַ־פּריאָרישע גרונט-באַגריפן פונעם פאַרשטאַנד נעמען זיך באמתן פון דער פונקציע פון אורטייל— אָדער פונעם פּראָצעס פון אורטיילן — לויט דעם „מבשרי אחזה".

איך ווי ל גיין און איך גיי. הייסט עס, אַז פון מיין אייגענער אוממיטלבאַרער דערפאַרונג ווייס איך, אַז דער פּראָצעס פון גיין איז פאַראורזאַכט געוואָרן פון מיין ווילן וואָס איז געווען פ אַ ר דעם. דער ווילן איז די סיבה, און דאָס גיין — דער פּועל-יוצא. האָבן מיר קויזאַליטעט.

דער מענטש קומט פון זיך צו דער וועלט און טראָגט אויף איר אַריבער זיינע אייגנשאַפטן. זעען מיר, אַז די

געדאַנקען־פאָרם פון קוואַליטעט איז נישט טראַנסצענדענ־טאַל, — עפּעס, וואָס איז אומאָפּהענגיק פון דערפאַרונג, וואָס עקזיסטירט פ אַ ר יעדער דערפאַרונג און וואָס מאַכט די דער־פאַרונג מעגלעך, — נאָר, אַז זי נעמט זיך בפירוש פ ו ן אונד־זער אייגענער דערפאַרונג, וואָס מיר פּראָיעקצירן אויף דער וועלט.

והוא הדין מיט דעם באַגריף פון סובסטאַנץ און אַטריבוט. אויך דאָ פּראָיעקצירט דער מענטש זיך אַליין אויף דער דרויסנדיקער וועלט.

ער האָט פאַרשידענע אייגנשאַפטן און זעט אין זיך גופא פאַרשידענע פּסיכאָ־פיזישע דערשיינונגען — און איז זיך אַליין באַוואוסט וועגן דעם. ער איז קלוג און איז נאַריש, ער איז אין כּעס און איז מילד, ער איז פריילעך און איז טרויעריק, ער איז געווען קליין און איצט איז ער גרויס אאַז״וו און ווייטער. דאָס זיינען אַלץ אייגנשאַפטן און דערשיינונגען פון זיין פּסיכאָ־פיזישן וועזן. ער פילט אָבער מיט אַ פילן פון „כל עצמותי תאמרנה״, אַז אַהינטער די אַלע אייגנשאַפטן און פאַרענדערונגען געפינט זיך אַ באַשטענדיקע, אומפאַרענדער־לעכע רעאַלקייט: ער אַליין ווי אַ וועזן, ווי אַן איינהייטלעכע פאַרזיכיקע פערזענלעכקייט. ער פילט זיך אַליין ווי אַן א י ך, אַ „סובסטאַנץ״, וואָס איז דער מקור פון די אַקטיוויטעטן וואָס ער ווייזט אַרויס. (הגם יוהם ווי אויך די נייע פּסיכאָלאָגיע האַלטן, אַז ס׳איז גאָרנישטאָ אַזאַ „זאַך״ ווי אַן „א י ך״). און ווייל, ווי פריער געזאָגט, ער פּראָיעקצירט זיך גופא אויף דער וועלט — פון דעם זיין באַגריף פון דער „זאַך״ מיט אירע פאַר־שידענע אייגנשאַפטן.

און פונקט ווי די גרונט־פאָרמען פונעם געדאַנק זיינען נישט איינגעבוירן אינעם מענטשן, נאָר זיי נעמען זיך פון זיין אומיטלבאַרער דערפאַרונג, אַזוי זיינען די פאָרמען פון געפיל

נישט איינגעבוירן אין אים, נאָר זיי נעמען זיך פון די דערפאַ־רונגען און איבערלעבענישן פון זיין קינדהייט.

שפּאַר איך זיך אָן אָנעם פּסיכאָאַנאַליז און פּאַראַפּראַ־זירנדיק אַ קאַפּיטשקע לאַק׳ן, זאָג איך אַזוי: ס׳איז גאָר־נישט נישט פאַראַן אינעם מענטשנס עמאָציאָנעלן לעבן, וואָס איז פריער, אין דער פּריסטער קינדהייט, צו אים נישט געקו־מען פון אוממיטלבאַרער דערפאַרונג, פון פּערזענלעכער אי־בערלעבעניש.

נו, איך צווייפל צי כ׳האָב דאָ אַרויסגעזאָגט אַ וועלכן נישט איז נייעם געדאַנק, איך האָב אָבער געטראַכט וועגן דעם אין פאַרבינדונג מיט דער פאָלגענדיקער פּסיכאָאַנאַליטישער מעדיטאַציע, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון מיין מענטש־און־לעבנס־באַנעם:

דעם מענטשנס אַלע גלייבונגען, האָפנונגען און וועלענישן נעמען זיך פון פריערדיקע, פּערזענלעכע, אַקטועלע דערפאַרונ־גען. ווען ער וואָלט ווען עס איז אין דער ווירקלעכקייט נישט געהאַט די באַשטימטע דערפאַרונג, איבערלעבעניש, וואָלט ער בשום־אופן נישט געקאָנט האָבן דעם באַשטימטן גלויבן און אַזוי ווייטער.

לאָמיר, למשל, אָנכאַפּן דאָס גלייבן אין כישוף.

זייענדיק אַ קינד, האָבן זשעסטן און ווערטער אַ מין כי־שוף אין זיך: אַ מאַך מיט די הענטלעך, אַ זאָג אַ וואָרט — און די מאַמע איז דאָ, און דער הונגער ווערט געשטילט און עס ווערט באַקוועם אאַז״וו — איז דאָך דאָס אמתער כישוף!

פון אייגענער איבערלעבונג אין דער ווירקלעכקייט זעט דאָס קינד, אַז זשעסטן און ווערטער האָבן אַ מין צויבערקראַפט אין זיך. און דערפון זיין שפּעטערדיק אַנטקעגן־קומען דעם גלויבן אין כישוף (און,אגב, דעם גלויבן אינעם כוח פון תפילה).

אָדער דאָס גלייבן אין עולם־הבא, די האָפענונג אויף אַ גליקלעך לעבן וואָס נאָך ימות־המשיח. זייענדיק אַ קינד, האָט

מען דאָך טאַקע געלעבט אין אַזאַ וועלט. געהאַט אַזאַ לעבן. אַלץ אָן דאגות, אָן אָנשטרענגונג. געוואָלט און געהאַט!

אָדער דאָס גלייבן אין „אתה בחרתנו" און „יעבדוך עמים" — סיי פונעם מין מענטש בכלל (די זון, לבנה און שטערן זיינען באַשאַפן געוואָרן „להאיר על הארץ"...) און סיי פון פעלקער און פונעם יחיד. — זייענדיק אַ קינד, האָט ער דאָך געזען באַשיינפּערלעך, אַז ער איז דער צענטער פון דער וועלט, אַז אַלץ דרייט זיך אַרום אים, און די מאַמע איז באַשאַפן געוואָרן צוליב אים, כדי אים צו באַדינען.

„איז" און „עסט"

ס'איז טאַקע דאָ אַ שטיק אמת אינעם זאָג, אַז דער מענטש איז וואָס ער עסט, אָבער נאָך מער אמת איז אין דער פּסיכאָאַנאַליטישער הנחה, אַז דער מענטש איז וואָס עס ע ס ט אים.

סכיזאָפרעניע און שאָק־באַהאַנדלונג

ווען מ'האָט אָנגעהייבן באַהאַנדלען די סכיזאָפרעניקער מיט אינסולין און מעטראַזאָל (שאָק טריטמענט בלע"ז), האָט זיך מיר אָנגעהייבן טראַכטן — פאַנטאַזירן:

דער סכיזאָפרעניקער איז אַ מענטש ביי וועמען דער באַוואוסטזיין האָט „רעזיגנירט" און דער אומבאַוואוסטזיין האָט פאַרנומען זיין אָרט.

אומבאַוואוסטזיין — דאָס איז פּרימערער פּרינציפּ, הנאה־פּרינציפּ.

אינעם אומבאַוואוסטזיין איז דער מענטש אַ כל־יכול, איז פריי אַפילו פון רוים און פון צייט (אַ חלום, למשל!) — פון דער גאַנצער רעאַליטעט מיט אירע געזעצן. און זייענדיק אַ כל־יכול, איז במילא וואָס אים פאַרווילט זיך נאָר, ווערט עס גלייך מקויים, רעאַליזירט. און אַזוי ווי אָן איבונג (וואָס דאָס

מיינט בייקומען שוועריקייטן) קאָן קיין גליד נישט פונקציאָ־נירן (די פונקציאָנירונג גופא איז די איבונג!) —און די מענ־טאַליטעט פונעם מענטשן איז אין דער דאַזיקער הינזיכט דאָס זעלבע וואָס אַ גליד, — און היות די מענטאַליטעט פונעם סכי־זאָפרעניקער האָט נישט קיין באַדאַרף אין איבונג און ווערט נישט באַנוצט, ווייל דער סכיזאָפרעניקער, לעבנדיק אין אַ וועלט פון אייגענעם באַשאַף, וואָס איז פריי פון אַלע געזעצן פון דערווירקלעכקייט האָט גאָרנישט וואָס בייצוקומען: אַלע זיינע דראַנגען און פאַרלאַנגען ווערן דאָך אויטאָמאַטיש דער־פילט! — דעריבער ווערט זי, די מענטאַליטעט פונעם סכיזאָ־פרעניקער, וואָס ווייטער אַלץ מער מכולהדיק, אַטראָפירט, צעקראַכן.

אינסולין פאַרמינערט די צוקער וואָס אין מאַרך און מעט־ראַזאָל — די זויערשטאָף. הצד־השוה — די „הייצונג" פונעם מוח ווערט כמעט ווי אָפגעשטעלט. איז דער שכל אָט־וואָס: כל־זמן דער מענטש האָט געלעבט אין די וואַרעמע געגנטן, האָט ער זייער ווינציק גערדאַרפט אויף צו דערהאַלטן זיין לעבן. האָט ער דעמאָלט געלעבט איבערהויפּט אינעם פרימערן פרינציפּ; איז דער הנאה־פרינציפּ געווען זיין הויפּט־פירער. ווען האָט זיך ביי אים אָנגעהייבן אַנטוויקלען דער סעקונדע־רער פרינציפּ? ווען ס׳איז אָנגעקומען דער אייז־פעריאָד. הייסט עס: ווינציקער „היץ" — מער רעאַליטעט־פרינציפּ.

ווילסטו אינעם סכיזאָפרעניקער דערוועקן און אַרויסרופן דעם רעאַליטעט־פרינציפּ — פאַרמינער זיין „היץ"!

*

אַז פרויד האָט געמעגט פאַנטאַזירן — גאָר אַ גרויסער טייל פון זיין פּסיכאָאַנאַליז איז דאָך ריינע פאַנטאַזיע, וואָס האָט מיט דער ווירקלעכקייט גאָרנישט צו טאָן! — פאַרוואָס נישט אויך איך?!

און אפשר איז דאָס מער ווי אַ פאַנטאַזיע?

דואַליזם — דוכרא ונוקבא

זכר און נקבה. טאַטע און מאַמע. — דערפון אונדזער באַגריף פון דואַליטעט בכלל און די צעטיילונג פון מענטשן אויף צוויי הויפּט־טיפּן בפרט.

וויליאַם דזשעימס, למשל, צעטיילט די מענטשן אויף: האַרט־גייסטיקע און איידל־גייסטיקע.

פרויד: צוואַנג־טיפּ און היסטערישער־טיפּ.

יונג: עקסטראַווערטן און אינטראַווערטן.

ניטשע: אַפּאָלאָניקער און דיאָניזיקער.

דאָס פאָלק: פּראַקטיקער און טרוימער.

אין די דאָזיקע אַלע צווייאיקייטן זעט מען קלאָר די צוויי געשלעכטער.

אמת, מ'קאָן אין די דאָזיקע צווייאיקטן זען דעם פאַרגעניגן־פּרינציפּ און דעם רעאַליטעט־פּרינציפּ, וואָס האָט מיט די געשלעכטער גאָרנישט צו טאָן. אָבער אַפילו אויך אין אָט־די צוויי פּרינציפּן קאָן מען זען די צוויי געשלעכטער. דער פאַרגעניגן־פּרינציפּ נעמט זיך פון דער מאַמען און דער רעאַליטעט־פּרינציפּ — פונעם טאַטען.

געווינסן

זיי זאָגן: „קול המון כקול שדי". אין דער אמתן אָבער איז דאָס פּונקט פאַרקערט: דער קול המון איז נישט דער קול שדי, נאָר דער קול שדי — דער „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, דער צענזאָר, דאָס געווינסן, איז נישט מער ווי דער קול המון פאַראינערלעכט.

און מעג דער „המון" באַשטיין בלויז פון טאַטע־מאַמע.

מענטש — אַ דריי-אייניקייט

די אַמעריקאַנער רעגירונג באַשטייט פון דריי אָפּטיילונגען (אָדער צווייגן): די „געזעץ-מאַכנדיקע,די געזעץ-דורכפירנדיקע און די געזעץ-פּאַרטייטשנדיקע.

דער מענטש — אויך אַזוי: ע ס (איד), א י ך (עגאָ) און א י ב ע ר - א י ך (סופּער עגאָ).

*

„ע ס" — דאָס איז דער בראשיתדיקער „באַגאַזש" מיט וואָס דער מענטש קומט אויף דער וועלט: דער „תוהו ובהו וחושך על פּני תהום"; דער אייביקער דראַנג פון אינסטינקטן און אימפּולסן; בלינדער ווילן וואָס ווייסט נישט פון דערווירקלעכקייט, פון מאָראַל און פון לאָגיק, פון תכלית און קאָנסעקווענצן;וואָס רעכנט זיך מיט קיין זאַך נישט, נאָר זוכט תמיד אוממיטלבאַרע, באַלדיקע באַפרידיקונג, הנאה. דאָס איז דער „יצר הרע" וואָס „הוא שטן, הוא יצר הרע, הוא מלאך המות".

„א י ך" — דאָס איז דער משגיח, דער פאַרוואַלטער, דער פּראַקטישער עצה-געבער: קיינער זעט נישט? איז מהיכא-תיתי, לאָז זיך וואוילגיין; מען זעט? איז באַפרידיק זיך אויף אַן אופן נישט צו ווערן באַשטראָפט.

זיין „מאָטאָ" איז: מ'דאַרף האַלטן אָפן די אויגן און באַנוצן דעם שכל!

„איבער-איך" — דאָס איז די געזעלשאַפטלעכע מאָראַל פאַראינערלעכט, דער אינעווייניקסטער ריכטער, דער קריטיקער, דאָס געוויסן, דער „יצר-טוב".

וואַסער — בראשית

וואַסער אין חלום און אין מיטאָלאָגיע. לויט דעם פּסיכאָא-

נאליז באדייט עם די געבער־מוטער, וואו דער מענטש ווערט געפורעמט און פארברענגט די ערשטע חדשים פון זיין לעבן; דאס וואסער פון וואנען דער מענטש קומט ארויס ווען ער ווערט געבוירן.

אפשר גאר פשוט: דער פראטאפלאזם באשטייט מער ווי א העלפט פון וואסער — דערפאר?

און אפשר גאר צוליב דעם, וואס דאס לעבן בכלל האט זיין אנהייב אין וואסער געהאט?

געלעכטער

„לאכן איז געזונט, דאקטוירים הייסן לאכן!" — אזוי האט געזאגט דער גרויסער הומאריסט שלום עליכם. און אזוי זאגט אויך די היינטצייטיקע פסיכאלאגיע.

וואס איז דער שכל פון געלעכטער? פארוואס האט דער מענטש (אין געגנזאץ צו דער חיה) א באדערפעניש צו לאכן? פארוואס איז לאכן געזונט?

א סך טעאריעס זיינען וועגן דעם פאראן. אבער די אונטערשטע שורה פון די אלע טעאריעס, וואלט איך געזאגט, ליגט אין דארווינס לערע, אז לאכן קומט פון פרייד, פון צופרידנהייט, פון הנאה.

האבס (1588 — 1679), למשל, וויל האבן, אז דער מענטש האט הנאה פון דעם, וואס מען זאגט יענעם אריין, וואס מען מאכט יענעם אויסצודרייען, ווען יענער איז אין א נישט־שיינעם מצב. ווייל ווען יענער איז דערנידעריקט, פילט ער זיך אליין דערהייבן; ווען יענער האט א פנים פון חוזק, פילט ער זיך אליין חשוב. און ווייל ער האט מחמת דעם הנאה — לאכט ער.

בערגסאן (1859 — 1941) וויל האבן, אז עפעס וואס איז נאטירלעך, פאסיק, רופט נישט ארויס קיין געלעכטער.

ווען אַ לעבעדיקע זאַך פירט זיך אויף ווי אַ לעבעדיקע זאַך דאַרף זיך אויפפירן, אָדער ווען אַ נישט לעבעדיקע זאַך איז אין אַ מצב וואָס איז פאַר איר נאַטירלעך, איז נישטאָ וואָס צו לאַכן. ווען לאַכן מיר יאָ? ווען לעבעדיקע און נישט לעבעדיקע זאַכן בייטן זיך מיט זייערע ראָלעס.

למשל, אויב דו ביסט אַ לעבעדיקער מענטש און שפּאַצירסט אין דרויסן, דאַרפסטו אַכטונג געבן ווי דו גייסט און שפּאַצירן ווי אַ לעבעדיקער מענטש. אויב אָבער דו גיסט זיך פּלוצלינג אַ צי־אויס אינמיטן גאַס, איז דאַך דאָס נישט מעשה לעבעדיקער מענטש, — צעלאַך איך זיך, ווייל דאָס איז עפּעס, וואָס איז אומגעלומפּערט, נישט נאַטירלעך. דאָס פּאַסט פאַר אַ מעכאַנישן גולם, פאַר אַ טויטע זאַך.

ממילא קומט אויס, אַז מיין לאַכן איז נישט בלויז אַ סימן פון אויסלאַכן מעכאַנישקייט ביי אַ לעבעדיקן, נישט־מעכאַנישן מענטשן, נאָר אויך אַן אויסדרוק פון הנאה „שעשני איש", וואָס איך בין, ברוך השם, נישט קיין גולם־מעכאַניזם, נאָר אַ לעבעדיקער מענטש ווי גאָט האָט געבאָטן...

מעקדוגעל (1871 — 1938) וויל האָבן — פון אויבנאויף געגומען — פאַרקערט. נישט ווייל מיר האָבן הנאה לאַכן מיר, נאָר ווייל מיר לאַכן האָבן מיר הנאה. און פאַרוואָס לאַכן מיר? איז דער ענטפער ווי בייראָן זאָגט: „אויב איך לאַך פון עפּעס, איז עס כדי איך זאָל נישט וויינען". אָדער ווי ניטשע זאָגט: „בלויז דער מענטש ליידט אַזוי יסורימדיק אויף דער וועלט, אַז ער איז געצוואונגען געוואָרן צו דערפינדן געלעכטער".

וואָלטן מיר נישט געקאָנט לאַכן, וואָלט אונדז אַלצדינג, יעדע קליינינקייט, ווי געטאָן, ווייל מיר וואָלטן אַלצדינג גענומען טויט־ערנסט.

ווען יענער, למשל, פאַלט, אָדער מ'מאַכט חוזק פון יענעם — און מיר לאַכן, איז עס נישט צוליב רשעות, ווייל מיר האָבן הנאה פון יענעמס דערנידערונג, נאָר פאַרקערט: ס'איז

צוליב מיטגעפיל מיט יענעם, ווייל צוזאַמען מיט יענעם פילן מיר זיך נידערגעשלאָגן און ס'טוט אונדז וויי.

(אַזוי אויך ווען מיר הערן אָדער לייענען עפּעס און מיר גרייטן זיך אויף א יין זאַך — און קומען קומט אַרוים עפּעס אַנדערש, בלייבן מיר דאָך ווי אָפּגענאַרט, ווי מ'האָט פון אונדז חוזק געמאַכט).

נאָר אַזוי ווי ס'איז נישט געפערלעך — לאַכן מיר. עס זאָל הייסן: נישט מיר לאַכן־אָפּ פון יענעם, נאָר מעשה פילאָזאָפן לאַכן מיר זיך אוים פון די „שטעכלקעס" וואָס דער גורל וואַרפט אויפן מענטשן; לאַכן מיר אוים די אַלע אָפּנאַרעניש, אַנטוישונגען און „שטורכעס" מיט וואָס דאָס לעבן איז אונדז מכבד.

ווען די כינעזער, למשל, לאַכן זעענדיק ווי מ'פּאַרט איבער אַ הונט אין גאַס, מיינט עס: זיי פילן־מיט מיטן הונט, ווייל אין זייער געמיט טראָגן זיי די אַנונג, אַז זיי אַליין האָבן נישט קיין גרעסערן ווערט פונעם גאַסנהונט, און אַזוי ווי צוצולאָזן אָט־די אַנונג צום קלאָרן באַוואוסטזיין און געפיל וואָלט גע־מיינט ליידן — לאַכן זיי.

דאָס געלעכטער אונדזערס איז ווי אַ פאַנצער אָן וועלכן די פיילן פון לעבן שלאָגן זיך אָן און שפּרינגען־אָפּ; אַדאַנק דעם געלעכטער הייבן מיר זיך אַריבער איבער די אַלע אומאַנגע־נעמע קליניקייטן און קליינלעכקייטן פון לעבן; געלעכטער ברענגט ישועה און באַפרייאונג.

ווי שוין באַמערקט, פון אויבנאויף גענומען איז אָט־דער קוק דער היפּוך פון דאַרווינס, אָבער אין תוך גענומען איז עס נישט אַזוי.

ווען מיר וואָלטן קיין הנאה נישט געהאַט פונעם באַ־וואוסטזיין אָדער געפיל, אַז מיר זיינען נישט פאַרשקלאַפט צו די אַלע צופאַלן און קאַפּריזן פונעם לעבן, וואָלטן מיר געוויינט אָדער זיך פאַרקרימט און נישט געלאַכט. דאָס געלעכטער

מאַכט בלויז בולטער אונדזער הנאה, גיט דער הנאה אַ ממשותדיקן אויסדרוק.

פרויד (1856 — 1939) ווייל האָבן, אַז וויץ — דאָס איז אַ האַניק־טייגל פאַר די מכות פון דער ווירקלעכקייט; געלעכ־טער — דער אויסדרוק פון דער הנאה וואָס קומט פון אָפּשפּאַ־נונג, פון דערלייכטערונג.

וויץ — דאָס איז דער הויפּנאַר אָדער לץ פונעם קעניג.

אַפילו די נאָענטסטע מקורבים פונעם קעניג דאַרפן האַלטן שטאַט, דאַרפן גיין און ריידן „אַנגעקראָכמאַליעט" און היטן זיך נישט אָנצורירן חלילה זיין כבוד, כאָטש ער אַליין מעג ריידן און האַנדלען שוין גאָרנישט בכבודיק. אָבער דער הויפּנאַר מעג זאָגן, און זאָגט טאַקע, דעם קעניג דעם אמת אין פנים אַריין, און ער, דער קעניג, ווערט נישט באַליידיקט פון דעם. דאָך בלויז אַ לץ!

און ווי הנאה מיר האָבן עס, ווען מיר זעען אָדער הערן ווי דער הויפּנאַר — אונדזער שליח־ציבור! — לאַכט זיך אויס פונעם קעניגס אָנשטעלן, מאַכט זיי לעכערלעך!

קעניג — דאָס איז פאַרגליווערטער מינהג, געזעלשאַפט־לעכער איינשטעל וואָס איז אויף אונדז אַ יאָך; וויץ — דער ניצחון איבער דעם!

צוליבן קעניג (מינהג, מאָראַל) דאַרף דער מענטש, זיין אונטערטאַן, האַלטן שטאַט און אונטערדריקן און שטיקן אין זיך פאַרשידענע פאַרלאַנגען און דראַנגען; דורך לאַכן גיט ער אויסדרוק צו זיי, באַפרייט זיך, מער־ווייניקער, פון דעם וואָס עס דריקט אים — און דאָס איז בפירוש געזונט!

*

נאָכן פאַרענדיקן די דאָזיקע פאַרצייכענונג האָב איך גע־פרעגט מיין טעכטערל וואָס האָט זיך געשפּילט אַן געהאַלטן אין לאַכן:

—שיינדעלע, פאַרוואָס לאַכסטו?
— ווייל איך האָב הנאה! — איז געווען איר ענטפער.

בענקעניש (פרויד, שניאורסאָן און ראַנק)

פונוואַנען נעמט זיך דעם מענטשנס אומקלאָרע בענקעניש, פאַרנעפּלטע נאָגעניש, טונקעלע ציעניש, אומדייטלעכע אומרו?

נו, אַלע זיינען מודה, אַז דאָס נעמט זיך פון נישט־אויסגע־לעבטע דראַנגען און פאַרלאַנגען.

דער מענטש וויל עפּעס, מעג זיין אומבאַוואוסטזיניק, אָ־בער וואָס?

זיגמונד פרויד וואָלט געזאָגט: דער מענטש וויל אויס־לעבן די „חיה" אין זיך, זיינע אונטערדריקטע פאַרלאַנגען, גע־פילן און אינסטינקטן, ער וויל באַפרידיקן זיין פּרימיטיוון, נישט־אויסגעלעבטן לעבן וואָס ליגט אין אים פאַרשמאַכט און פאַרחלשט און מאָנט דאָס זייניקע. אין קורצן: דאָס פּרימיטי־ווע לעבן זיינס איז „הונגעריק" און וויל „עסן" און פון דעם זיין בענקעניש וכו'.

פישל שניאורסאָן וואָלט געזאָגט: דער מענטש לעבט שוין גראַדע יאָ אויס זיינע אינסטינקטן, זיין פּרימיטיווער לעבן איז שוין גאָרנישט הונגעריק. פאַרשמאַכט און הונגעריק איז די נשמה זיינע, דער „מענטש" אין אים. זיין ספּעריש־אינ־טימער לעבנס־דראַנג האָט נישט גענוג שפּייז און ער הונ־גערט. און ווי דער מאָגן וואָס איז פּוסט קנייטשט זיך און רופט אַרויס אַ געפיל פון הונגער, אַ מין נאָגעניש און ציעניש און בענקשאַפט נאָך עפּעס וואָס זאָל אים אָנפילן און אויספילן, אַזוי איז אויך בנוגע דער נשמה. „עסן" וויל זי, אָבער נישט קריגנדיק קיין „שפּייז", „קנייטשט" זי זיך און רופט אַרויס

דאָס געפיל פון הונגער וועמענס סימפּטאָמען זיינען: בענ־קעניש, נאַגעניש וכו׳.

נו, פרווידס דערקלערונג איז שווער אָנצונעמען. דער מענטש לעבט יאָ אויס, מער־ווייניקער, זיין פּרימיטיוון לעבן. אָפענער־ צי באַהאַלטענערהייט, בפועל, צי בכוח, אין לכת־חילהדיקער, צי סובלימירטער פאָרם.

אויך שניאורסאָנס דערקלערונג איז נישט אינגאַנצן אָנ־גענמבאַר. דערווייל זעען מיר, אַז אומשעפערישע מענטשן, וואָס פאַרנאַכלעסיקן כמעט לגמרי זייער נשמה־לעבן, האָבן נישט, פאַרהעלטעמנישמעסיק, דעם געפיל פון אומקלאָרער בענקעניש אאַז״וו, און שאַפערישע מענטשן, מענטשן פון גייסט, וואָס האַלטן אין איין נערן זייערע נשמות — זיי טראָגן זיך כמעט ווי שטענדיק יאָ אַרום מיט די דאָזיקע געפילן.

סיידן מיר זאָלן אָננעמען, אַז די נשמה פונעם אומשעפע־רישן מענטשן איז אַזוי קליין, איינגעשרומפּן אוןליידט אויף עצירות, אַז זי קאָן קיין גרינג אָנגעפילט ווערן. אַ לייען־איבער אַ ביליקן ראָמאַן אין אַ צייטונג — און די נשמה איז פול און זאַט, אָבער ביים שאַפערישן, גייסטיקן מענטשן איז די נשמה אַזוי גרויס און טיף און האָט אַזאַ גוטן „מעטאַבאַליזם״, אַז ס׳איז שווער אָנצופילן זי. וויפל „שפּייז״ מען גיט איר, פאַר־דייט זי עס גלייך און איז ווידער הונגעריק...

אָבער שניאורסאָן טענהט דאָך, אַז די לעצטע קאָנען זיין די ערשטע!

אָטאָ ראַנק וואָלט געזאָגט: דאָס מענטשלעכע לעבן איז, ווי ס׳ווייזט אויס, אַ שפּאַנונג צווישן דער טענדענץ צו אי־בערחזרונג און דער טענדענץ צו פאַרענדערונג. איין טייל אונדזערער איז אומפאַרענדערלעך אינערט און קאָנסערוואַ־טיוו. אַ צווייטער טייל איז געניינגט צו אַנטוויקלען זיך, צו זיין אַנדערש. און אַזוי ווי די טענדענץ צו זיין אינערט איז אומ־

אויסוואָרצלבאַר, נמצא, אַז אין יעדן מענטשלעכן לעבן פון געבורט ביזן טויט איז דאָ אַ רעגרעסיווע קראַפט וואָס ציט צוריק צום פאַרלאָרענעם גן־עדן (געבער־מוטער), אָדער איז לפּחות געניײגט צו פורעמען די אומגעבונג אַזוי נאָענט ווי מעגלעך נאָך דעם מוסטער פון יענעם געבענטשטן מצב.

דאָס איז דער ענדלעכער זין פון יעדן געוויין, פון אַלע אַנגסט־געפילן, פן דעם מיסטישן באַגער צו פאַראייניקן זיך מיט גאָט און דעם ליבהאָבערס פאַרלאַנג צו זיין פאַראייניקט מיט דעם אָביעקט פון זיין ליבע.

הייסט עס, אַז לויט ראַנקן איז די אומקלאָרע בענקעניש וכו׳ דער פּראָדוקט פו דער רעגרעסיווער קראַפט, וואָס ציט דעם מענטשן צום פאַרלאָרענעם גן־עדן.

מיינט עס: ווען דער מענטש איז אין דער מוטערס טראַכט, איז ער אינגאַנצן פאַרשלונגען. ווערט ער געבוירן און קומט אַרויס פון דער פולער פאַרשלינגעניש, זוכט ער תמיד טיילווייזע, במקום פאַרשלינגענישן. און וואָס טיפער דער מענטש איז, אַלץ טיפערע פאַרשלינגענישן מוז ער האָבן.

וועגן פולע אָפּהאַנדלונגען איבער דער טעאָריע פון פאַר־שלינגעניש — אין מיינע ביכער „פון איינעמס אַ טאָגבוך״ (זייט 94) און „מענטש און מידות״ (זייט 61).

זעלבסט - אויסדרוק (פרויד, אַדלער און שניאורסאָן)

זונטיק אָוונט. זומער. געזעלשאַפט פון יונגעלייט און מיידלאַך אין גאָרטן וואָס לעבן אונדזער הויז. אַלע קינסטלער: מוזיקער, טענצער און זינגער. אַן אָוונט פון טענץ און געזאַנ־גען און יעדער איינער האָט זיך געפילט יום־טובדיק און דערהייבן און איז געווען פול מיט לעבנס־פרייד.

*

זיגמונד פרויד, אַלפרעד אַדלער און פישל שניאורסאָן:

קאָנט איר דערקלערן פאַרוואָס מיר האָבן זיך נעכטן אָוונט געפילט אַזוי יום-טובדיק און דערהייבן? פאַרוואָס זיינען מיר געווען אַזוי פול מיט לעבנס-פרייד?

פרויד: ס'איז נישט שווער צו דערקלערן. געווען זענט איר אַ געזעלשאַפט פון יונגעלייט און מיידלאַך און אייער דראַנג נאָך עקסהיביציאָניזם האָט אַן אויסלאָז געקראָגן. די האָבן געטאַנצט פאַר אייך, די געזונגען, די געשפילט — און דאָס אַלץ איז אַ סובלימירטע פאָרם פון עקסהיביציאָניזם! דאָס איז אָבער נישט דער עיקר. דער עיקר איז, וואָס דער רעאַליטעט-פרינציפּ איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געהערשט האָט אין אייער געזעלשאַפט דער פאַרגעניגן-פרינציפּ.

נאָר לאָמיר עס מאַכן קלאָרער.

דאָס מענטשליכע לעבן ווערט רעגירט פון צוויי פרינציפּן: פאַרגעניגן-פרינציפּ און רעאַליטעט-פרינציפּ. דער ערשטער איז די באַוועגנדיקע קראַפט און דער צווייטער — די טאָרמאָזירנדיקע. איז דאָס ענלעך אויף אַ זייגער. ווי יעדן איינעם איז באַוואוסט אַרבעטן אינעם זייגער צוויי כוחות אין איין און דער זעלביקער צייט: אַ באַוועגנדיקער און אַ טאָרמאָזירנדיקער. די ספּרונזשינע רייסט זיך די גאַנצע צייט צו דינאַמישן אויסוויקלען זיך, און דאָס טאָרמאָזירנדיקע, רעגולירנדיקע רעדל — צו פאַרהאַלטן, איינהאַלטן.

איז אַזוי: ווען די דאָזיקע צוויי פרינציפּן אַרבעטן אין האַרמאָניע, ווען אָנשטאָט צו קריגן זיך און זוכן צו באַהערשן איינער דעם אַנדערן גייען זיי האַנט אין האַנט, איז דער מענטש נאָרמאַל, פּסיכיש געזונט, איז ער ווי אַ גוטער זייגער. די מעשה איז אָבער וואָס זעלטן לעבן זיי בשלום צווישן זיך. זיי באַטראַכטן זיך ווי שונאים און יעדער איינער זוכט צו באַזיגן און צו באַהערשן דעם צווייטן. אַזוי ווי אָבער דער רעאַליטעט-פרינציפּ איז בכלל נישט אַן ערך שטאַרקער פונעם פאַרגעניגן-פרינציפּ, באַזיגט ער אים. (דער רעאַליטעט-פרינ-

ציפּ האָט מעכטיקע אַרויסהעלפעדם: די דרויסנדיקע וועלט און די מענטשלעכע געזעלשאַפט, בעת דער פאַרגע־ניגן־פּרינציפּ האָט בלויז דעם יחיד׳ס אייגענע אינסטינקטן און פאַרלאַנגען). אָבער דער פאַרגעניגן־פּרינציפּ, נישט זייענדיק טויט, נאָר בלויז באַזיגט און אונטעריאָכט, רוט נישט. ער האַלט אין איין בונטעווען זיך געגן זיין באַזיגער. אָבער דער באַזיגער שווייגט אויך נישט. ער לאָזט אים נישט אויפ־הייבן דעם קאָפּ און האַלט אויף אים שטענדיק אַן אויג. נו, „אַז צווייען זאָגן שיכור דאַרף זיך דער דריטער לייגן שלאָפן״. פון דעם דאָזיקן קאַמף זייערן ליידט דערווייל דער מענטש. ס׳איז „דער מענטש וואָס כאַפּט פּעטש״...

כדי צו מאַכן עס קלאָרער זאָגן מיר אַזוי: ווען דער מענטש ווערט געבוירן האָט ער קיין שום שכל נישט .נישט ער קאָן טראַכטן און נישט איבערלייגן זיך. נישט נאָר איגנאָ־רירט ער דיווירקלעכקייט, נאָר ער ווייסט אפילו נישט וואָס דאָס איז אַזוינס ווירקלעכקייט! ער איז אָבער נישט קיין טוי־טע שטיקל שטאָף, ער האָט אַ געוויסן פּסיכישן כוח, אַזאַ דראַנג מיט וואָס ער רעכנט זיך יאָ און דאָס איז: באַפרידי־גונג און פאַרגעניגן וואָס קומט פון דעם. דעם דאָזיקן פּסיכישן כוח אָדער דראַנג רופן מיר פאַרגעניגן־פּרינציפּ.

איז ווען דאָס קינד איז נאָך זייער קליין רעכנט עס זיך בלויז מיט זיין אייגענער הנאה און אוממיטלבאַרער באַפרידי־קונג, איז זיין איינציקע טרייבקראַפט דער פאַרגעניגן־פּרינציפּ. דאָס איז ביי אים דעמאָלט דער איינציקער באַגאַזש וואָס עס ברענגט מיט זיך פון דער מוטערס טראַכט. ווערט עס אָבער עלטער: אַז זיינע חושים הייבן זיך אָן אַנטוויקלען און זיינע באַדערפעניישן און פאַרלאַנגען ווערן קאָמפּליצירטער, דע־מאָלט כאַפּט עס זיך, אַז אַ חוץ זיין אייגענער, סוביעקטיווער וועלט פון הנאה איז נאָך פאַראַן אַ דרויסנדיקע, אָביעקטיווע

וועלט פוןווירקלעכקייט. די דאָזיקע וועלט רופן מיר: רעאַלי־טעט־פּרינציפּ.

דאָס קינד זעט, למשל, אַ לייכטנדיקע זאַך — פייער — און וויל עס אָננעמען, אָבער ווי נאָר עס רירט אָן דאָס פייער אַזוי מוז עס גלייך צוכאַפּן דאָס הענטל, אַזוי איין מאָל, אַזוי אַ צווייטן ביז עס קומט צו דער „איבערצייגונג", אַז נישט אַלץ וואָס עס וויל קאָן עס האָבן. וואָס זשע איז דער רעזולטאַט?

עס מוז זיך אָנהייבן רעכענען מיט דער ווירקלעכקייט, מיטן רעאַליטעט־פּרינציפּ און פאָלגליך מוז עס זיינע פאַר־לאַנגען אָנהייבן אונטערדריקן און פאַרשטופּן.

די רעאַליטעט איז אָבער נישט בלויז אַ נאַטירלעכע,, אַזוי צו זאָגן, — די אָביעקטיווע נאַטור־וועלט — נאָר אויך אַ געזעלשאַפטלעכע. ווען דאָס קינד וויל, למשל, פּייניקן אַ קעצל און דאָס קעצל לאָזט זיך נישט, צעדראַפּעט אים די הענטלאַך אָדער ווען עס וויל זיך שפּילן מיט פייער און קאָן נישט מחמת זיינע הענטלעך ווערן צעברענט, איז דאָס אַ נאַ־טור־רעאַליטעט, און ווען עס וויל, למשל, אַרומגיין נאַקעט און די מאַמע לאָזט נישט — איז דאָס אַ סאָציאַלע רעאַליטעט.

וואָס עלטער דאָס קינד ווערט, אַלץ מער שטרויכלונגען באַגעגנט עס אויפן וועג פון זיין פאַרגעניגן־פּרינציפּ און אַלץ מער מוז עס זיך צאַמען, אַזוי, אַז לסוף איז דער רעאַליטעט־פּרינציפּ גובר דעם פאַרגעניגן - פּרינציפּ און האַלט אים שטרענג אין צאַם. (דער פאַרגעניגן־פּרינציפּ איז אַ דראַנג. דער רעאַליטעט־פּרינציפּ — אַ צוואַנג).

אין קורצן איז אַזוי: אין דעם מענטשן קומט פאָר שטענ־דיק אַ קאַמף צווישן דעם פאַרגעניגן־פּרינציפּ און דעם רעאַ־ליטעט־פּרינציפּ און ווען אַפילו דער פאַרגעניגן־פּרינציפּ ווערט מער־ווייניקער באַזיגט און אונטערדריקט, דאָך — טאַקע דערפאַר—פילט דער מענטש אַ שטענדיקע בענקשאַפט נאָך אים. און ווייל אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן מוז דער מענטש

לעבן לויט דעם רעאַליטעט-פּרינציפּ דערפאַר ווערט ער אַזוי פול מיט פרייד ווען ער קאָן אין אַ נאַווינע לעבן לויט דעם פאַרגעניגן-פּרינציפּ.

איך וויל אָבער באַטאָנען, אַז איך אידענטיפיציר דעם פאַרגעניגן-פּרינציפּ מיטן געשלעכט-אינסטינקט, ווייל דאָס ערשטע וואַרצלט אין דאָס צווייטע.

אינסטינקטן, געפילן, וואַרצלען, אין לעצטן סך הכל, אין געשלעכט (אין ברייטסטן זין פון וואָרט). עראָס — דאָס איז דער פונדאַמענט פון לעבן, די פּרימערע פּסיכישע קראַפט וואָס באַהערשט אַלע לעבעדיקע באַשעפעענישן.

הונגער-אינסטינקט ? עגאָ ? יאָ, אָבער בלויז סעקונדערע כוחות.

און דאָס וואָס איך האַלט, אַז דער הויפט-שולדיקער אין דעם מענטשנס נעווראָטישקייט איז געשלעכט און נישט קיין קיין אַנדער אינסטינקט, איז מחמת דעם, וואָס קיין אינ־סטינקט ווערט נישט אַזוי אונטערדריקט און פאַרשטופּט ווי געשלעכט.

*

אַדלער : איך שטים נישט איין מיט פרוידן. זיין דערקלע־רונג איז באַזירט אויף געשלעכט. מיינע פאָרשונגען האָבן אָ־בער באַוויזן, אַז נישט געשלעכט דאָמינירט דעם מענטשן, נאָר עגאָ. להיפּוך פרוידן זאָג איך אַזוי — און באַווייז עס מיט פאַקטן : נישט פאַרשטופּטער געשלעכט פאַראורזאַכט דעם נעוראָז, נאָר, פאַרקערט, דער נעוראָז פאַראורזאַכט די פאַר־שטופּונג פון געשלעכט. און אייער נעכטיקע יום-טובדיקייט דערקלער איך אַזוי :

יעדער מענטש האָט אַן איינגעבאַרענעם אָדער אַ דער־וואָרבענעם, שפלות-געפיל, אַ געפיל פון מינדערווערטיקייט. (שוין ווי נאָר דער מענטש קומט אויף דער וועלט, אַזוי דער־

פילט ער זיך מינדערוועריק: די עלטערן זיינען גרויס און שטאַרק און ער — אַזוי אומבאַהאָלפן. די עלטערן, פילט ער, זיינען „פון אויבן" און ער — „פון אונטן"). און ווייל ער פילט זיך מינדערוועריק, האָט ער אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו זיין העכערוועריק, „פון אויבן". און פון דעם זיין שטענדיקער באַגער נאָך אויפמערקזאַמקייט. נאָך עגאָ־דערהייבונג. וואָס מער אויפמערקזאַמקייט ער האָט, אַלץ בעסער פילט ער זיך, ווייל דאָס איז אַ גוטע קאָמפענסאַציע פאַר זיין געפיל פון מינדערוועריקייט.

יעדער איינער פון אייער נעכטיקער געזעלשאַפט האָט געהאַט אויפמערקזאַמקייט און פון דעם די געהייבענע שטימונג אייערע. אייערע עגאָס האָבן געהאַט שפייז, און אַ זאַטער מענטש פילט זיך יום־טובדיק און צופרידן.

דאָס איז נאָך אָבער נישט אַלץ. ס'איז דאָ אַ טיפערע אורזאַך. איך האָב פריער געזאָגט, אַז דער נעוראָז — די עמאָציאָנעלע צערודערונג — איז נישט די ווירקונג נאָר די אורזאַך פון געשלעכטלעכער נישט־נאָרמאַלקייט. איז ווייסן מיר וועגן דאָס צווייטע. וואָס איז אָבער מכוח דאָס ערשטע, דעם נעוראָז גופא? וואָס פאַראורזאַכט אים, פון וואָס און פון וואַנען נעמט ער זיך? מיין ענטפער איז, אַז דער נערוואָז נעמט זיך פון דעם וואָס דעם מענטשן פעלט דאָס געמיינשאַפט־געפיל און די אויספעלונג פון דעם געמיינשאַפט־געפיל איז דער פועל־יוצא פון אַ פאַלשן לעבנס־פּלאַן.

דעם מענטשנס האַנדלונגען, רעאַגירונגען וכו' זיינען נישט קיין צופעליקע דערשיינונגען און אַנטפּלעקונגען, נישט דער רעזולטאַט פון דרויסנדיקע, על־פּי־מיקרהדיקע פּאַסירונגען, נאָר דער נאַטירלעכער פועל־יוצא פון זיין לעבנס־פּלאַן. ווייל מען ווייסן די פּסיכאָלאָגיע פון אַן איינצלנער, אָפּגעזונדערטער דערשיינונג אין מענטשנס פּסיכישן לעבן, פון זיינער אַ האַנדלונג,

רעאַגירונג אד"גל, מוז מען אויסגעפינען דעם תוך פון זיין פּסיכיק, זיין לעבנס־פּלאַן.

דער מענטש איז די אומבאַהאָלפנסטע באַשעפעניש אויף דער ערד און ווייל אַזוי מוז ער זיין סאָציאַל, מוז ער זיין פאַרבונדן מיט אַ געמיינשאַפט כדי אָנצוהאַלטן דעם קיום.

אונדזער גאַנצע ציוויליזאַציע און קולטור, אונדזער גאַנצער סאָציאַלער לעבן איז אַ קאָמפּענסאַציע פאַר אָט דער אומבאַהאָלפנקייט און מינדערוואַרטיקייט אונדזערער.

און ווייל די געמיינשאַפט איז אַזוי וויכטיק פאַר אונדזער קיום, דערפאַר איז דאָס געמיינשאַפט־געפיל אַזוי שטאַרק און דאָמינירנדיק אין אונדז. איז ווען דער יחיד קאָמפּענסירט זיין מינדערוואַרטיקייט אויף אַ געזעלשאַפטלעך־נוצלעכן אופן, פילט ער זיך ווי אַ טייל פון דער געזעלשאַפט און מחמת דעם פילט ער זיך שטאַרק און זיכער, רואיק און צוגעפּאַסט צום לעבן.

עס טרעפט אָבער, אַז צוליב געוויסע אורזאַכן קריגט ער אַ פאַלשע שטעלונג צו זאַכן, אַ טעותדיקע באַציאונג צום לעבן. למשל: ווי אַ בן־יחיד האָט אים די מאַמע צופיל געפּעסטשעט, איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געשענקט אים. שפּעטער אָבער, אַז ס'איז געקומען אַ צווייט קינד, האָט די מאַמע אים פאַרנאַכלעסיקט און איר גאַנצע ליבע און אויפמערקזאַמקייט דאָס צווייטע קינד אָנגעהייבן אַוועקצוגעבן. האָט ער אין זיין אומוויסנהייט אויסגעטייטשט די דאָזיקע סיטואַציע אויף אַ פאַלשן אופן: די מאַמע האָט מיך פיינט געקראָגן דערפאַר האָט זי מיר אויפגעהערט שענקען אויפמערקזאַמקייט, איך האָב פיינט מיין מאַמען! איך קאָן נישט אָנקוקן מיין ברודער — ער האָט מיך פון מיין טראָן פאַרטריבן! און אַזוי, צוליב זיין פאַלשער באַציאונג, ווערט ער אַ פּראָבלעם־קינד און שפּעטער — אַ נעוראָטיקער. ער אַרבעט אויס אַ פאַלשן לעבנס־פּלאַן — פאַלש, ווייל באַזירט אויף אַ פאַלשער אויסטייטשונג — און,

אָדער ער קעמפט מיט דער וועלט, אָדער ער אַנטלויפט פון איר. איז ער אַגרעסיוו דעמאָלט איז זיין שוץ־מעכאַניזם „דער מענלעכער פּראָטעסט‟, איז ער פּאַסיוו — „די זיכערונג‟. דער הצד־השווה שבהם איז : דאָס באַטראַכטן די וועלט ווי אַ שונא.

איז טרעפט, אַז צוליב געוויסע אורזאַכן קריגט ער אַ פאַלשע שטעלונג צו זאַכן, אַ טעותדיקע באַציאונג צום לעבן און אַנטלייפט פן דער רעאַלער וועלט אין אַ וועלט פון אייגענעם באַשאַף. און ווייל ער איז אָפּגעריסן פון זיינע מיטמענטשן, ווייל עס פעלט אים דאָס געפיל פון געמיינשאַפט,דערפאַר פילט ער זיך אַזוי אומבאַהאָלפן. דערפאַר ווערט ער אַ נעוראָטיקער!

אין דער גרויסער שטאָט איז דעם מענטשנס געמיינשאַפט־געפיל אַטראָפירט. טויזנט מענטשן קאָנען וואוינען אין איין הויז און דאָך איז איינער מיטן אַנדערן פרעמד ! און ווייל ער פילט נישט, אַז ער געהערט צו אַ געמיינשאַפט ; אַז ער איז אינטים פאַרבונדן מיט אַנדערע ענלעכע וועזנס — ווייל זיין געמיינשאַפט־געפיל האָט נישט קיין תיקון, דערפאַר פילט זיך דער מענטש נערוועז און אומרואיק. אומזיכער און אומבאַהאָלפן.

איר, קינדערלעך, וואוינט אין אַ גרויסער שטאָט און פילט זיך עלנד, אַליין, אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן — ווייל וואָס מער מענטשן, אַלץ ווייניקער מעגלעכקייט צו זיין פאַרבונדן אין אַן איינהייטלעכער געמיינשאַפט — און פון דעם אייער אומרו און צעריסנקייט.

נעכטן אָוונט זענט איר געווען אַ געזעלשאַפט פון גלייכע, אַלע קינסטלער — איין געמיינשאַפט. איז עס פאַרשטענדלעך: איר האָט נעכטן געפילט דעם טעם פון זיין פאַרבונדן, אייער געמיינשאַפט־געפיל האָט אַ תיקון באַקומען און פון דעם די געהייבענע שטימונג אייערע, אייער פסיכישע זיכערהייט און רואיקייט.

*

שניאורסאָן: די צרה מיט פרוידן און מיט אַדלערן איז, וואָס זיי זיינען איינזייטיק, וואָס אַלצדינג טייטשן זיי ספּעקולאַטיוו אויס, וואָס זיי רעדוצירן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט מיט איר גאַנצער פיל־געשטאַלטיקייט — דער — צו געשלעכט און דער—צו מינדערוויכטיקייט. יאָ, זאָגן מיר, אי געשלעכט, אי עגאָ זיינען טיילן פונעם מענטשן, טיילן, אָבער נישט די גאַנצע מענטשלעכע פּערזענלעכקייט! די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט איז אומענדלעך פיל־געשטאַלטיק, פול מיט שעפערישע פּאָטענצן און אינטים־ליידנשאַפטן, נישט מער: דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן לאָזט ניט דער פיל־געשטאַלטיקייט אַנטפּלעקן זיך; פאַרדרענגט די שעפערישע אור־כוחות פונעם מענטשן און האַלט אים געפאַנגען אויף דער אויבערפלאַך, צוגעשמידט צום נאָרמאַל־באַוואוסטזיין.

און אַזוי ווי ס'איז ניט גענוג פאַרן מענטשן צו עסן בלויז אַזעלכע שפּייזן וואָס בויען זיין קערפּער און גיבן אים ענערגיע, אַזוי ווי ער מוז אויך עסן אַזעלכע „זאַכן" וואָס, כאָטש דעם קערפּער גיבן זיי גאָרנישט אַ חוץ וויטאַמינען, זיינען זיי אָבער טאַקע צוליב אָט־די וויטאַמינען, אומבאַדינגט נייטיק פאַר זיין פיזישן וואוילזיין, ווייל ביי זייער אויספעלונג קריגט דער מענטש סקאָרבוט! — אַזוי מוז ער חוץ זיינע געוויינלעכע, רוטינע טאָג־טעגלעכע לעבנס־אינטערעסן, איינדרוקן וואָס באַפעסטיקן דאָס לעבן און מאַכן אים מעגלעך, אויך האָבן אַזעלכע אינטערעסן, אַזעלכע איינדרוקן, וואָס כאָטש פאַרן פּראַקטישן לעבן קוקן זיי אויס צו זיין נוצלאָז, זיינען זיי אָבער ווי סטימולירער און רייצער אומבאַדינגט נייטיק פאַר זיין פּסיכישן וואוילזיין. ווייל ביי זייער אויספעלונג ווערט דער מענטש „נערוועז", ווערט די שפּאַן־קראַפט פון זיין לעבן פאַרמינערט און ער קריגט פּסיכישן סקאָרבוט!

איר, קינדער, לעבט אינעם טומל און גערויש פון דער גרויס-שטאָט, טאָג-איין און טאָג-אויס פאַרטאָן מיט מאָנאָטאָנער אַרבעט, דער נאָרמאַל-באַוואוסטזיין האַלט אייך אין איין שמייסן מיט דער בייטש פון פּראַקטישקייט און צוועקמעסיקייט. איר „עסט", אָבער קיין „וויטאַמינען" האָט איר נישט. און ווייל ביי אייך איז שטענדיק אַ דעפיציט אין פּסיכישע וויטאַמינען, אין אַזעלכע איינדרוקן און איבערלעבענישן וואָס צינדן און רעגן, און מחמת דעם פילן אַן דאָס לעבן מיט זאַפט און שפּאַן-קראַפט, דערפאַר פילט איר זיך אַזוי יום-טובדיק און דערהייבן, ווען ענדלעך קריגט איר יאָ אַ ביסל פּסיכישע וויטאַמינען.

נעכטן אָונט זיינט איר געווען פריי פון רעאַל-קאָנקרעטע לעבנס-נויטן. געלעבט האָט איר נישט ווי איר האָט געמוזט — ווי געוויינלעך — נאָר ווי איר האָט געוואָלט און אָט די נייע, פרישע איבערלעבעניש האָט אייך אָנגעפילט מיט פּסיכישע וויטאַמינען, און פון דעם אייער יום-טובדיקע, געהייבענע שטימונג.

*

דער באַרג-שפּיץ איז איינער, אָבער אַ סך און פאַרשידן זיינען די וועגן וואָס פירן צו אים.

דאַכט זיך דריי באַזונדערע דעות, אָבער דער „באַרג-שפּיץ" איז איינער און דערזועלביקער: ז ע ל ב ס ט - א ו י ס - ד ר ו ק.

פרויד און אַדלער

פרויד איז געקומען צו זיין פּסיכאָאַנאַליז דורך אַריינטראַכטן זיך אין דער ווירקונג פון דער פּסיכיק אויפן קערפּער, און אַדלער איז געקומען צו זיין אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע

דורך אריינטראכטן זיך אין דער ווירקונג פונעם קערפער אויף דער פסיכיק.

דערפון דעם ערשטנס באַטאָנען ג ע ש ל ע כ ט און דעם צווייטנס — ע ג אָ.

דער אמת איז, אַז געשלעכט און עגאָ זיינען נישט אין דער בחינה פון צוויי באַזונדערע „סובסטאַנצן", נאָר שפּינאָזיסטיש גערעדט, צוויי אַטריבוטן פון א י ן „סובסטאַנץ" — מ ע נ ט ש.

פרויד, סיבה און פּועל־יוצא

פאַראַן מענטשן, וואָס טענהן, אַז פרויד איז אומגערעכט שוין צוליב אַט־דעם ווידערשפּרוך אַליין: אַט האַלט ער, אַז ציוויליזאַציע איז די ס י ב ה פון אונטערדריקטע אינסטינקטן און אַט האַלט ער, אַז ציוויליזאַציע איז דער פּועל־יוצא פון אונטערדריקטע אינסטינקטן!

אין דער אמתן איז דאָס נישט קיין ווידערשפּרוך. אַ „זאַך" אַן „עפּעס", קאָן זיין אי אַ סיבה, אי אַ פּועל־יוצא.

אַט, למשל, האָט אַ מאַמע אָנגעשריען אויף איר קינד און דאָס קינד האָט זיך צעוויינט. דערזען און דערהערט, אַז דאָס קינד וויינט, האָט זי, די מאַמע, אָנגעשריען עס זאָל אויפהערן וויינען.

קומט־אויס: דער מאַמעס אָנגעשריי איז געוועזן די סיבה און דעם קינד'ס געוויין — דער פּועל־יוצא. אָבער גלייך איז עס געוואָרן פאַרקערט: דעם קינד'ס געוויין איז געוואָרן די סיבה און דער מאַמעס (צווייטער) אָנגעשריי — דער פּועל־יוצא.

ס'איז גאָר פּשוט: נאַטור־ענדערונג (לאָמיר זאָגן דער אייז־פּעריאָד) האָט געצוואונגען דעם מענטשן צו אונטערדריקן

זיין פאַרגעניגן-פּרינציפּ און בויען אַ ציוויליזאַציע. דאָס איז געווען דער אָנהייב. ווייטער האָט שוין געווירקט — און ווירקט — איינס אויף דאָס צווייטע. די סיבה ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַ פּועל־יוצא, און דער פּועל־יוצא ווערט גלייך פאַרוואַנדלט אין אַ סיבה.

אַלפרעד אַדלער, דער „נאָרמאַלער" און דער „נעוראַטיקער"

טענהט סעם זאַבינסקי: אַלפרעד אדלער האַלט, אַז דער וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיין סאָציאַלער סביבה איז נאָרמאַל; דער נעוראָטיקער איז אַ מענטש וואָס איז נ י ש ט צוגעפּאַסט צו זיין סאָציאַלער סביבה.

פרעגט זיך: דער נאָרמאַלער מענטש ענדערט נישט זיין סביבה, ווייל ער פּאַסט דאָך צו — נישט די סביבה צו זיך, נאָר זיך צו דער סביבה. איז ווען אַלע מענטשן אין אַלע צייטן וואָלטן געווען נאָרמאַל, וואָלט זיך די סביבה דאָך קיינמאָל נישט געענדערט, מיר זעען דאָך אָבער, אַז די סביבה איז נישט תמיד די זעלביקע, און דאָס איז מחמת דעם וואָס דער נעוראָטיקער, נישט קאָנענדיק זיך צופּאַסן צו דער סביבה, טוט אַלץ אין זיינע כוחות צוצופּאַסן די סביבה צו זיך. ער, דער נעוראָטיקער, קאָן זיך נישט צופּאַסן צו פערד־און־וואָגן, דערפינדט ער די באַן, דעם עראָפּלאַן אד"גל. אַזוי אין ציוויליזאַציע און אַזוי אין קולטור. הייסט עס,אַז די סביבה איז דער פּראָדוקט פון נעוראָטיקערס. אויב אַזוי קומט דאָך אויס פונקט פאַרקערט: דער, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דער סביבה, וואָס איז דער פּראָדוקט פון נעוראָטיקערס, דער איז דער אמתער נעוראָטיקער, ווייל „לא לחינם הלך הזרזיר אצל העורב", אָבער דער, וואָס קאָן זיך נישט צופּאַסן צו אַ נעוראַ־

טישער סביבה — ערשט דער איז דער אמת־נאָרמאַלער מענטש! עד־כאן זאַבינסקי.

נו, ערשטנס איז „געזעלשאַפט" און געמיינשאַפט נישט איינס און דאָס זעלבע. און „געמיינשאַפט געפיל" מיינט נישט צוגעפּאַסטקייט צו דער הערשנדיקער סאָציאַלער סיסטעם, און צווייטנס, נישט תמיד איז דאָס, וואָס קומט אַרויס פון אַ נעווראַטיקער — אַ שטיק נעוורא‎טישקייט.

ווען דאָס איי איז אינעווייניק אין דער הון, איז עס ט ר י ף, אָבער ווען דאָס זעלביקע איי קומט אַרויס אינדרויסן, איז עס כ ש ר... אגב, אפשר איז אַ סברה, אַז דער „נאָרמאַלער" מענטש — וואָס פּאַסט זיך צו צו זיין סביבה אויטאָמאַטיש און ווייסט בלויז פון באַפרידיקן זיינע פיזיאָלאָגישע באַדערפעניִשן און קוקט אויף שעפערישקייט ווי אויף בטלנות, דעגענעראַציע, משוגעת, — אפשר איז אָט־דער „נאָרמאַלער" מענטש גאָר קיין מענטש נישט, בלויז אַ נאָרמאַלע לעבעדיקע באַשעפעניש?

— פרויד

מענטש פון מיינע מענטשן, פון די אנ"ש, פון די אינעווייניקסטע, פון די טיפע.

אַרונטערגעריסן האָסטו פון מיר מיינע ראַציאָנאַליזאַציע־מאַסקעס און מיך געהאָלפן צו דערזען מיין אמתן פרצוף־פּנים.

אַנטקרוינט האָסטו דעם זיך־דוכטנדיקן זעלבסטהערשער, מיין סטאַטישן, סטאַטעטשנעם שכל און געלערנט מיך צו קוקן אויף זיך נישט ווי אויף אַ ראַציאָנאַלער, נאָר ווי אויף אַ ראַציאָנאַליזירנדיקער בריאה.

און דערפאַר ביסטו מיר אַזוי נאָענט.

„אמת מארץ תצמח!" האָסטו מיך געלערנט. נישט אין די וואָלקנס פון גייסט דאַרף מען זוכן דעם אמת וועגן דעם

מענטשן און זיין פסיכיק, נאָר אין דער „ערד", אין דער „ני־דער", אין זיינע פרימיטיווע אינסטינקטן.

גייסט, קולטור, איז נישט קיין מן וואָס פאַלט אַרונטער פון הימל, נאָר איז אַ שפּראָצונג פון דער „ערד", פון די איינגע־וואָרצלטע, פאַרוואָרצלטע פרימיטיווע אינסטינקטן, וואָס זיי־נען מעולם ועד עולם.

נאָענט זיינען מיר רעוואָלוציאָנערן — און דו ביסט איי־נער פון די גרעסטע!

קאָפּערניק האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע און דעם מענטשנס וועלט פאַרטריבן פון איר טראָן. נאָך אים האָט דאַרווין אַ רעוואָלוציע געמאַכט און דעם מענטשן גופא פאַר־טריבן פון זיין בחיר־היצורים־טראָן, און דו האָסט זי פאַרענ־דיקט, אַט־די רעוואָלוציע.

אַ דאַנק די פרישע ווינטן פון דיין רעוואָלוציאָנערער לע־רע איז דאָס לעצטע ביסל אילוזיע־טשאָד פון מיין איינגערעד־טער בחיר־היצורימדיקייט פאַרשוואונדן און דערזען האָב איך אַז נישט די קרוין פון באַשאַף בין איך, נאָר אַ פּשוטער ערד־וואָרעם, וואָס ווערט געצוואונגען צו זיין אַ מענטש, נויטווענדי־קערווייז געצוואונגען פון דעם רעאַליטעט־פּרינציפּ.

אַרונטערגענומען האָסטו פון מיר מיינע מעגאַלאָמאַניע־בעלמעס און כ'האָב דערזען, אַז דער אַלגעמיינער יסוד פון מיין פּסיכישן לעבן איז נישט דער באַוואוסטזיין, נאָר דער אומבאַוואוסטזיין, — דער באַוואוסטזיין איז בלויז אַ זילבער־בלעזל אויפן אויבערפלאַך פונעם טיפן, אָפּגרונטלאָזן ים פונעם אומבאַוואוסטזיין, — און אַז דעם מענטשנס גאַנצע קולטור איז אַ פּראָדוקט, די סובלימאַציע, פון זיינע אונטער־דריקטע אינסטינקטן.

ווידערווייליק איז מיר אַמאָל דיין לערע געווען. האָט נישט אַנטשפּראָכן מיין דערוואָרבענער מאָראַל, מיין „צענזאָר", און האָב געגן איר אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד אַרויסגעשטעלט.

דאָס וואָרט „פרימיטיוו" איז מיר געוועזן דערווידער. אונטער „פרימיטיוו" האָב איך דעמאָלט פאַרשטאַנען עפּעס נידעריקס, געמיינס. דערפאַר.

איצטער זע איך:

כדי די עלעקטריע זאָל אין ליכט אָדער וואָרעמקייט פאַרוואַנדלען זיך, דאַרף זי אַ ווידערשטאַנד קריגן.

דעם מענטשנס פּסיכיק איז אַ דינאַמישער, אומאויפהערלעכער ענערגיע־שטראָם. און קאָן די דאָזיקע ענערגיע נישט שטראָמען פריי, אומגעשטערט, קריגט זי אַ ווידערשטאַנד, — ווערט זי אין קולטור פאַרוואַנדלט.

די אונטערדריקונג פון די פרימיטיווע אינסטינקטן, וואָס זיינען די טרעגער, די פאַרקערפּערונגען פון דער לכתחילהדיקער פריי־שטראָמענדיקער ענערגיע — דאָס איז דער ווידערשטאַנד.

קוואַלט אַ שטראָמענדיקער קוואַל און צעגיסט זיך פריי איבערן פלאַכלאַנד. ווערט ער אָבער מיט זאַמד און שטיינער אַרומגעצאַמט און קאָן זיך מער נישט צעגיסן פריי אין דער לענג און אין דער ברייט, אַזוי הייבט ער אָן צו שלאָגן אין דער הויך.

ווייסן מיר: דער הויכער וואַסער־זייל איז נישט דער פּראָדוקט פונעם קוואַלס פרייען ווילן צו שלאָגן אין דער הויך, נאָר דער פּועל־יוצא פון זיין פאַרצאַמטקייט.

דער קוואַל מוז שלאָגן אין דער הויך, ווייל ער איז אַרומגעצאַמט און האָט קיין אַנדער ברירה נישט.

איצט פאַרשטיי איך דיך, פרויד, כאָטש נישט אין אַלץ קאָן איך מסכים זיין מיט דיר, ווייל „וואָס צו איז אומגעזונט".

דיין פּסיכאָאַנאַליז איז אַ מאָטיוון־פּסיכאָלאָגיע, — און אין דעם דיין גרויסער פאַרדינסט, — ער איז שוין אָבער אַ צופיל מאָטיוון־פּסיכאָלאָגיע — און אין דעם דיין גרעסטער חסרון.

אַזוי ווי דער פרומער ייד טייטשט אין יעדן פשוטן ליבעס־ליד פון שיר השירים געוואַלדיקע כוונות אַריין, — וואָס דאָס איז גאָרנישט נייטיק, ווייל פשוטער פשט איז גענוג, — אַזוי האָסטו ליב אַריינצוטייטשן אינעם מענטשנס אַלע, מערסטנס גאָרנישט מיינענדיקע, טריוויאַלע טעותים ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מאָטיוון.

אַז איקס האָט פאַרגעסן אין צוג אַ פאָרטפעל מיט מאַנוס־קריפטן, איז עס נישט געווען מחמת ער האָט געוואָלט פאַר־געסן אים, אומבאַוואוסטזיניק געוואָלט פטור ווערן פון די מאַ־נוסקריפטן צוליב אומאַנגענעמע אַסאָציאַציעס, — אַ סימן: האָט וועלטן געקערט צו געפינען אים! — נאָר פשוט ווייל זיין גאַנצן אויפמערק האָט ער אויף דיינס אַ בוך אַוועקגעגעבן. האָט זיך אַזויפיל פאַרטיפט אין אים, אַז אַפילו זיינע אייגענע מאַנוסקריפטן זיינען אים פון זינען אַרויס! —

„און דאָס קעסטל עפנט זיך גאָר פשוט!".

אמת טאַקע, פונעם באַוואוסטזיין קאָן מען נישט ברענ־גען קיין ראיה אויפן אומבאַוואוסטזיין, אָבער, אַז איקסעס מאַ־נוסקריפטן זיינען געווען טייער אַפילו צו זיין אומבאַוואוסטזיין — אין דעם איז נישטאָ קיין שום צווייפל. ווען אַ פייער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס הויז וואו איקס האָט געוואוינט, האָט ער זיך דורכגעריסן דורך די פלאַמען און געראַטעוועט האָט ער — אינסטינקטיוו און איינשטעלנדיק זיין לעבן דערביי — נישט זיין געלט, נישט זיינע ווערטפולע מאָלערייען און נישט זיין אַרכיוו נאָר זיין פאָרטפעל מיט מאַנוסקריפטן!

(אַז „מיט איין פאַר פיס קאָן מען נישט טאַנצן אויף צוויי חתונות" — דאָס איז שוין אַן אַלטער כלל. אַזוי אויך, אַז אַ פּראָזשעקטאָר קאָן אין איין און דערזעלביקער צייט באַ־לייכטן בלויז איין פונקט און נישט מער. און אַז פאַרגעסן האָט אָפט צו טאָן מיט „פיזיאָלאָגיע" — למשל, נישט געהע־

ריקע בלוט-צירקולאַציע אין מוח — און נישט מיט „פּסיכאָ-לאָגיע" — אויך דאָס איז באַוואוסט).

בכלל געפעלט מיר נישט, וואָס דו ביסט נאָך פרימער פון מיין זיידן.

מיין זיידע פלעגט שטענדיק זאָגן: „אין אָדם נוקף אצבעו מלמטה, אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה", און דו זאָגסט, אַז נישט נאָר אַ פינגער, נאָר אַפילו אַ נאָגל קלאַפּט דער מענטש נישט אָפּ, סיידן מען רופט אוים וועגן דעם אין הימל. נישט מער: אַנשטאָט הימל זאָגסטו אומבאַוואוסט-זיין...

פון אויבנאויף געגומען מאַכט דיין ביזן קוצו-של-יוד-דע-טערמיניזם דעם איינדרוק ווי דו וואָלסט אַ שטרענגער וויסנ-שאַפטסמאַן געווען: קוויזאַליטעט, דעטערמיניזם — די נשמה פון וויסנשאַפט! אין דער אמתן, אָבער, „נישט אַלץ וואָס עס שיינט איז גאָלד".

„אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה". דאָס וואָס די מאָ-דערנע וויסנשאַפט האַלט אין פאַרוואַרפן, איז ביי דיר דער פונ-דאַמענט! ווייל בסך-הכל האַלט די היינצייטיקע וויסנשאַפט אין פאַרוואַרפן דעם פּרינציפּ פון שטרענגען, אַלץ-אַרומ-נעמענדיקן דעטערמיניזם ווי נישט-וויסנשאַפטלעך. אַנשטאָט דעם ביז-איצטיקן פּרינציפּ פון דעטערמיניזם האָבן מיר איצט דעם פּרינציפּ פון וואַרשיינלעכקייט, ווייל דעטערמיניזם איז אין דער אמתן, אין תוך, נישט קיין אַבסאָלוטער נאַטור-געז-עץ, נאָר איז דאָס געזעץ פון סטאַטיסטיק, אַ מין מענטשלע-כער אחרי רבים להטות. און אויב דער רבים איז אַזוי און אַזוי, איז דאָס נאָך נישט קיין ראיה, אַז אויך דער יחיד איז אַזוי.

אין דעם און דעם אָרט, אין דער און דער צייט, צוליב די און די אורזאַכן, זיינען פאַראַן אַ סך פּייערפּליגן. איז קאָנען מיר וויסן באַשטימט וועגן זיי ווי אַ ציבור. אורזאַך און ווירקונג: אַזאַ אָרט, אַזאַ צייט, אַזעלכע אורזאַכן — מוזן זיין אַ סך פּיי-

ערפֿליגן. קומט אָבער צו דער איינצלנער פּייערפֿליג איז שוין אויס באַשטימטקייט. אַט גיט אַ שיין דאָ, אַט דאָרט — מ'קאָן נישט פֿאָראויסזאָגן ווען און וואו עס וועט אַ שיין טאָן אַן איינצלנע פּייערפֿליג מיט דער זעלביקער באַשטימטקייט, ווי ווען מיר האָבן צו טאָן מיט זיי ווי אַ רבים.

אַזוי אויך ווען עס קומט צו אַ פֿיזיקאַלישן פּראָבלעם, לאָמיר זאָגן אין פֿאַרבינדונג מיט דער קינעטישער טעאָריע פֿון גאַזן, קאָן דער פֿיזיקער אויסרעכענען די גרופּע־אויפֿפֿירונג פֿון די גאַז־מאָלעקולן, ער וועט אָבער קיינמאָל נישט וויסן די באַשטימטע אויפֿפֿירונג פֿון די אינדיווידועלע מאָלעקולן.

דעטערמיניזם אויך אין פּסיכישן לעבן? אוודאי — און דאָס איז איינס פֿון דיינע גרויסע פֿאַרדינסטן — אָבער „תפֿשת מרובה לא תפֿשת". דיין אָנווענדן דעם פּרינציפּ פֿון דעטערמיניזם אויף די קלענסטע קלייניקייטן, אויף די מינדסטע דעטאַלן פֿונעם מענטשנס האַנדלונגען, רייד, חלומות אד"גל איז ווייט פֿון וויסנשאַפֿטלעכקייט.

דעטערמיניזם? יאָ, מאָטיוון? זיכער, אָבער וואָס שייך דעם כלל און נישט דעם פּרט. אַזוי אין דער פֿיזישער וועלט און אַזוי אויך אין דער מענטשלעכער.

דעם פּרינציפּ וואָס מיר ווענדן אָן אויפֿן כלל קאָנען מיר נישט אָנווענדן אויפֿן דעטאַל!

קיין פֿאָלק וועט נישט אָוועקשענקען אַ צווייטן פֿאָלק אַ טייל פֿון זיין לאַנד מחמת גוטהאַרציקייט. אַ יחיד קאָן עס אָבער יאָ טאָן בנוגע זיין פֿאַרמעגן.

בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט. ברענען טויזנטער ברעטער — בלאָזט ער דעם פֿייער פֿונאַנדער; ברענט אַ שפּענדל — בלאָזט ער דעם פֿייער אויס.

און ווידער, קוואַליטעט איז מחייב צייט. פֿריער די אורזאַך, נאָכדעם די ווירקונג, און „פֿריער", שפּעטער"

זיינען צייטלעכע באַגריפן. ריכטיקער: באַגריפן פון צייט וואָס פליסט אין איין ריכטונג. „אָבער דער באַגריף פון צייט — צו ציטירן פּראָפ. גילבערט לואיס׳ן — באַוועגנדיק זיך אין איין ריכטונג איז אַרויפגעצוואונגען אויף אונדז דורך די דערשיי־נונגען פון אונדזער אייגענעם באַוואוסטזיין און זיכרון״. וואָס דאָס זאָל הייסן, אַז בלויז בנוגע דעם באַוואוסטזיין קאָנען מיר אָנווענדן די באַגריפן פון „פריער״ און „שפּעטער״ און פון דעם — אורזאַך און ווירקונג. דיין פּסיכאָאַנאַליז, פרויד, האָט דאָך אָבער צו טאָן מיט דעם אומבאַוואוסטזיין, און היות, ווי דו אַליין זאָגסט, דער אומבאַוואוסטזיין ווייסט נישט פון צייט, איז דאָך בנוגע אים נישט שייך אָנצווענדן די צייטלעכע באַגריפן פון אורזאַך און ווירקונג...

און לפי דעם איז דאָך פּונקט ווי ס׳איז ריכטיק צו זאָגן, אַז אַן אורזאַך פאַראורזאַכט אַ ווירקונג, אַזוי איז אויך ריכטיק צו זאָגן, אַז אַ ווירקונג פאַראורזאַכט אַן אורזאַך.

זאָגט דאָך טאַקע איינשטיין — ריידנדיק וועגן ווילנס־קראַפט, געדאַנק און האַנדלונג — אַז ס׳איז אַ סברה, אַז גע־שעענישן וואָס דער מענטש באַטראַכט ווי סיבות פון זיינע האַנדלונגען, קאָנען אין דער אמתן גאָר זיין בלויז די ווירקונגען פון יענע האַנדלונגען. די האַנדלונגען קאָנען נאָך אַמאָל פאַר־קומען פריער פון די געשעענישן וועלכע, ווי ס׳קוקט אויס, רופן זיי אַרויס.

אויב ס׳איז יאָ אַזוי, איז ווי קאָנסטו אַזוי דאָגמאַטיש באַ־הויפּטן וועגן אַ מענטשן וואָס איז נעוורּאָטיש און האָט נישט קיין נאָרמאַלע סעקסואַליטעט, אַז דערפאַר וואָס ער האָט ניט קיין נאָרמאַלע סעקסואַליטעט דערפאַר איז ער נעווראָ־טיש? מיט דעם זעלבן רעכט קאָן מען דאָך אויך זאָגן פאַר־קערט — און אַלפרעד אַדלער האָט עס שוין טאַקע געזאָגט! — אַז ווייל ער איז נעוראָטיש, דערפאַר האָט ער נישט קיין נאָרמאַלע סעקסואַליטעט!

און אַזוי אויך קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז דער נעוראָטיקער אונטערדריקט זיין סעקסואַליטעט איז מחמת אַ שולד־געפיל, און אַז דאָס געפיל פון שולד אין שייכות צו סעקסואַליטעט האָט זיינע טיפסטע וואָרצלען אין דעם גלוי־עריותדיקן אָביעקט־אויסוואַל — איז גאָר פונקט פאַרקערט: ער האָט דעם געפיל פון שולד ווייל ער אונטערדריקט זיין סעקסואַליטעט!

„דאָס נישט קאָנען אויסדריקן ווי עס באַדאַרף צו זיין די נאַטירלעכע פאַרלאַנגען אָדער דראַנגען געבוירט אַ געפיל פון שולד".

„ווען דער נעוראָטיקער אַנטלויפט פון זיינע לעבנס־אויפגאַבן, ווערט אַ קרבן פון אַנגסטלעכקייט און לויפט צו דער מאַמען נאָך טרייסט, —עדיפּוס קאָמפּלעקס, — קומט צו אים דאָס געפיל פון שולד נישט ווייל ער האָט ליב און באַגערט דער מאַמען, נאָר ווייל ער האָט פיינט זיין אַרבעט".

„איך קאָן נִיט אָננעמען די פרוידיאַנישע דאָקטרין אַז דאָס געפיל פון שולד אין שייכות צו סעקסואַליטעט האָט זיינע טיפסטע וואָרצלען אין דעם גלוי־עריותדיקן אָביעקט־אויסוואַל. אויב דער עדיפּוס קאָמפּלעקס זאָל אָנגענומען ווערן בוכשטעבלעך, קומט דאָס שולד־געפיל גיכער פון זיין פיינטלעכער באַציאונג צום טאַטן". —

אַזוי זאָגט עמנואל און אַזוי אויך זאָגט דער שכל־הישר.

דו זאָגסט, אַז פאַרדרענגטער געשלעכט איז די סיבה פונעם נעוראָז, אָבער צוזאַמען מיט אַדלערן קאָן מען זאָגן פאַרקערט: דער נעוראָז פאַראורזאַכט די פאַרדרענגונג פון געשלעכט. דער נעוראָז איז נישט דער פועל־יוצא נאָר די סיבה פון געשלעכטלעכער נישט־נאָרמאַלקייט. און צוזאַמען מיט יונגן קאָן מען זאָגן: נישט אין דער קינדערשער פאַרגאַנגענהייט, ווי דו, פרויד, ווילסט האָבן, דאַרף מען זוכן די אורזאַך פונעם

מענטשנס שפּעטערדיקן נעוראָז, פון זיין פּאַטאָגאַנישן קאָנ־פליקט, נאָר אין דעם געגנוואַרטיקן מאָמענט. —

„ווען מיר זוכן די אורזאַך אין דער ווייטער פאַרגאַנגענ־הייט, גייען מיר בלויז נאָך דעם פאַרלאַנג פון דעם פּאַציענט: זיין ווילן צוריקציען זיך אַזוי פיל ווי מעגלעך פון דעם געגנ־וואַרטיקן פּעריאָד און אַנטלויפן צו זיין קינדהייט".

מיט אַנדערע ווערטער: נישט די קינדישע פאַרגאַנגענ־הייט איז פאַראַנטוואַרטלעך פאַר זיין איצטיקן נעוראָז, נאָר זיין איצטיקער נעוראָז (וואָס נעמט זיך פון דעם, וואָס ער, דער פּאַציענט, געפינט זיך אין אַ קאָנפליקט וועלכן ער קאָן נישט — און וויל נישט — לייזן פאַר זיך אַליין) איז פאַראַנט־וואַרטלעך פאַר זיין אַנטלויפן אין דער קינדישער פאַרגאַנגענ־הייט — רעגרעסיע.

„אַז מען קאָן נישט אַריבער מוז מען אַרונטער". ס'איז דאָס זעלביקע ווי מיט אַ מענטשן וואָס פאַרלאָזט זיין היים און לאָזט זיך אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט.

קאָן ער באַזיגן אַלע שוועריקייטן און זיך איינלעבן אין דער נייער סביבה,פאַרבלייבט ער דאָרט, אויב אָבער נישט, אַנטלויפט ער צוריק אַהיים.

אויב אַזוי, הייסט עס, דאַרפן מיר, כּדי צו העלפן און היילן דעם מענטשן, קודם־כּל נישט זוכן אויסצוגעפינען פון וואָס פאַר אַ פּסיכישער דערפאַרונג אָדער פיקסירונג־פּונקט אין זיין קינד־הייט ער ליידט, נאָר זען אויסצוגעפינען וואָס איז די געגנוואַר־טיקע פליכט אָדער אויפגאַבע וואָס ער זוכט אויסצומיידן, אַ־דער וואָס פאַר אַ מכשול אויף זיין לעבנס־וועג ער קאָן נישט בייקומען.

אַז אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך אַרויס וואַנדערן, גייט אָפּ אַ שטיק וועג און מיטאַמאָל בלייבט ער שטיין, ווערט אומרואיק, צערודערט, דאַרפן מיר — ווען מיר ווילן וויסן פאַרוואָס דאָס איז און ווי אַזוי צו העלפן אים — דאַרפן מיר, קודם־כּל, נישט

זוכן די סיבה אין דעם צושטאַנד פונעם שוין אָפּגעגאַנגענעם וועג, נאָר אין דעם צושטאַנד פון דעם איצטיקן אָרט וואו ער געפינט זיך.

ווען מיר געפינען אויס, אַז זיין אָפּשטעלן זיך איז מחמת דעם וואָס ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שטיין, אָדער אַ וועלכן-נישט-איז אַנדער מכשול וואָס ער קאָן נישט בייקומען אָדער אויסמיידן — דעמאָלט קאָנען מיר אים העלפן. אויב מיר קאָנען אים נישט העלפן צו באַזייטיקן דעם שטיין אד"גל, קאָנען מיר אים אָבער העלפן צו געפינען אַן אַנדער וועג-אויס-גאַנג, אָדער גאָר איינגאַנצן אַן אַנדער וועג וואו די אַלע מכשו-לים זיינען נישטאָ.

אָבער איך אַליין האָב שוין אויך באַלד אָנגעהייבן ריידן ווי אַ דאָגמאַטיקער — און דאָס בין איך גאָרנישט אויסן. וואָס איך וויל זאָגן איז אָט-וואָס :

די זון און די שטערן, זאָגן זיי, זיינען באַשאַפן געוואָרן כדי צו באַלייכטן די ערד און אַז בהמות, עופות און צמחים זיינען באַשאַפן געוואָרן כדי דער מענטש זאָל האָבן וואָס צו עסן. שטותעריי ? אָבער פונקט אַזוי זיינען אויך אַ סך באַהויפּ-טונגען דיינע.

ווייל עס קומט אַרויס אַזוי און אַזוי, איז נאָך נישט קיין ראיה, אַז ס'איז לכתחילה צוליב דעם !

און דאָס ברענגט מיר אַרויף אויפן געדאַנק דיין קוק אויף דעם , וואָס דו רופסט אָן "פּאָלימאָרפיש פּערווערזע סעקסואַ-ליטעט".

איינגעוואָרצלטער אויטאָ-עראָטיזם, סאַדיזם, מאַזאָכיזם, עקסהיביציאָניזם אד"גל אינעם דערוואַקסענעם מענטשן זיי-נען נישט קיין נאָרמאַלע דערשיינונגען. דאָס זיינען פּערווער-זיעס. אויב אַ קינד ווייזט אַרויס די זעלביקע „זאַכן" הייסט עס אַז ער איז פול מיט פּילפּאָרמיקע פּערווערזיעס און דערפאַר איז

דאָס קינד אין דיינע אויגן, פּרויד, אַ פּאָלימאָרפיש פּערווערזע באַשעפעניש.

די מאַניפעסטאַציעס פונעם נאָרמאַלן קינד זיינען ביי דיר דאָס זעלבע ווי די פּערווערזיעס פונעם דערוואַקסענעם נעווראַטיקער!

נאָך דיר נאָך קומט אויס, אַז איידער דאָס קינד קומט אָן צום גן־עדן פון קלאָרער דערוואַקסנקייט, דאַרף עס פריער דורכגיין אַלע שבעה־מדורי־גיהנום פון פּערווערזיעס און שגעונות!

„פּאָלימאָרפיש פּערווערזע סעקסואַליטעט" — וואָס פאַר אַן אַבסורד!

אויב די הון גייט שפּעטער אַוועק פון איין אָרט צו אַ צווייטן כדי צו פּיקן קערנער, הייסט עס נאָך נישט, אַז דאָס, וואָס דאָס איי האָט זיך פריער אַוועקגעקייקלט פון איין אָרט צו אַ צווייטן, איז אויך מחמת רעם.

אויב דאָס קינד וועט שפּעטער, ווען עס וועט זיין אַ טאַטע, אויפפירן זיך אַזוי און אַזוי מחמת ער איז אַ טאַטע, איז דאָס נאָך נישט קיין באַווייז, אַז דאָס, וואָס ער פירט זיך אויף אויך איצט אויף אַן ענלעכן אופן, איז עס מחמת ער איז אַ טאַטע...

די צרה מיט דיר איז, וואָס אויך דיין לאָגיק איז דאָס רוב פּילפּאָרמיק פּערווערז.

אינעם קינד לייענסטו אַריין די שטריכן און די אייגנשאַפטן פונעם דערוואַקסענעם, און אין די שטריכן און אייגנשאַפטן פונעם דערוואַקסענעם לייענסטו אַריין דעם קינד!

היינט דיינע פּילפּאָרמיקע פאַנטאַזיעס פון דיין, למשל, „טאָטעם און טאַבו", וואָס הגם אינטערעסאַנט ווי פאַנטאַזיעס אָדער ווי פּילפּול, דאַרפן זיי אָבער זיין „טאַבו" פאַר ערנסט־וויסנשאַפטלעך־דערקענדיקע מענטשן.

געהערט אַ מעשה? דערפאַר וואָס מיט מיליאָנען, צי אַפילו מיט טויזנטער, יאָרן צוריק האָבן זין דערהרגעט זייער

פאָטער, — לויט דאַרווינס פאַנטאַזיע, — טראָג איך זיך איצ־טער אַרום מיט אַ שולד־געפיל !...

אַזוי אויך וואָס שייך דיין „מעטאַ־פּסיכאָלאָגיע פון גע־וויינהייט", דיינע פאַנטאַזיעס וועגן דעם, אַז דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט, זיין כאַראַקטער, זיינע מידות ווערן באַ־שטימט פון זיין קינדישן מויל־אָדער פּי־טבעת־עראָטיזם. ס'הייסט, צו פאַראַפראַזירן דעם דייטשישן דיכטער, ווער דעם מענטשן וויל פאַרשטיין, מוז צו דעם „שהכל" און „אשר יצר" פון זיין קינדהייט גיין. (...)

אין אַ סך פּרטים — און וויכטיקע דערצו — קאָן מען בשום־אופן נישט מסכים זיין מיט דיר. איבערהויפּט איז אומ־מעגלעך צו פאַרטראָגן דיין סאָציאַלער בלינדקייט.

דו האָסט זיך אויף אַזוי פיל פאַרטיפט אינעם אומבאַ־וואוסטזיין, אַז דו האָסט אינגאַנצן פאַרזען דעם זיין, וואָס באַשטימט אין אַ גאַר גרויסער מאָס נישט נאָר דעם באַוואוסט־זיין, נאָר אויך דעם אומבאַוואוסטזיין !

אָבער צי דען ווייל זי האָט פלעקן אויף זיך, איז די זון קיין זון נישט ?

„לפום חורפא שבשתא" ! אויף אַ פּיש האָסטו מיר גע־זאָגט, אַז דאָס איז אַ חיה, אויף אַ חיה — אַז דאָס איז אַ פלאַנץ און אויף אַ פלאַנץ — אַז דאָס איז אַ מינעראַל, וואָס אַרט עס מיך אָבער ? אַבי דו האָסט מיר געהאָלפן אין די טיפע תהומות פונעם אומבאַוואוסטזיין צו נידערן און דער־מעגלעכט מיר אַלע ברואים וואָס ווידמענען זיך דאָרטן צו זען.

דו האָסט מיך זעענדיק געמאַכט, איז ווי קאָן איך דיך גע־נוג אָפּדאַנקען דערפאַר ? !

זיגמונד פרויד, מענטש פון מיינע מענטשן, דו פון די אינע־ווייניקסטע, פון די טיפע, — זאָל דיין אָנדענק זיין געבענטשט אויף אייביק און שטענדיק.

דערציאונג

די הויפּט־אויפגאַבע פון אמתער דערציאונג דאַרף זיין דער „דע את עצמך" : העלפן דעם מענטשן צו דערקענען זיך אַליין, ס'הייסט, אַז וואָס מער פונעם אומבאַוואוסטזיין זאָל אינעם באַוואוסטזיין אַריין.

מיט אַנדערע ווערטער : האַלטן אין איין ציען און דער־ציען דעם אומבאַוואוסטזיין צום באַוואוסטזיין, כדי דער שטח פונעם אומבאַוואוסטזיין זאָל ווערן וואָס קלענער און דער שטח פון באַוואוסטזיין — וואָס גרעסער, אַזוי, אַז דער מענטש זאָל קאָנען ווערן וואָס מער באַלעבאָס איבער זיך, און זיין בחירה — וואָס גרעסער, ברייטער, וואָס אַרומנעמענדיקער.

און, במילא, אויך, אַז ער, דער מענטש, זאָל זיין וואָס מער אין דער בחינה פון אַ פּילקע.

אַ „געזונטע" פּילקע, ווען זי פאַלט, ווערט געשליידערט, כאַפּט „קלעפּ" — ווערט טאַקע פלאַטשיק ; פאַרלירט איר לכתחילהדיקע פאָרם און ווערט אויס „נאָרמאַלע" רונדע פּיל־קע, אָבער דאָס איז בלויז צייטווייליק. זי בלייבט נישט לאַנג אין איר פלאַטשיקן צושטאַנד, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום קומט זי צו־זיך און איז ווידער די פריערדיקע רונדע „געזונטע" פּילקע.

*

אָבער מען טאָר נישט „דוחק זיין דעם קץ".

דערציאונג — קיין שום דערציאונג — טאָר נישט זיין אין דער בחינה פון מתן־תורה : אַרויפגעצוואונגען מיט געוואַלט. און מעגן די גרעסטע חכמים שרייען „חושך שבטו — שונא בנו" !

ווייל הגם ס'איז טאַקע אמת, אַז מיט כוח, מיט געוואַלט קאָן מען אַפילו אַ פּירקאַנטיק פלעקל אַריינקלאַפּן אין אַ רונד לאָך, איז אָבער די מעשה, אַז דאָס פלעקל וועט שוין נישט זיין דאָס זעלבע פלעקל וואָס געווען, נאָר וועט ווערן און פאַרבלייבן אויף שטענדיק באַשעדיקט, פעלערדיק. און דאָס לאָך וועט אויך ליידן פון דעם.

יצירה און חלום

אינספּיראַציע

אינספּיראַציע — לויט דער היינט-צייטיקער פּסיכאָלאָגיע — איז נישט קיין פּראָדוקט פון „רוח הקודש" וואָס נידערט אַראָפּ אויפן מענטשן; די שפּע פון זעאונגען, בילדער, געדאַנקען אאַז"וו איז נישט אַ געטלעכע אַנטפּלעקונג, נאָר אַן אויפברויז פונעם אומבאַוואוסטזיין (ווי יונג פאַרשטייט דעם דאָזיקן טערמין) אָדער פונעם אונטערבאַוואוסטזיין (ווי פרויד פאַרשטייט עס) אָדער פון ביידע צוזאַמען.

אונטער אַ דרויסנדיקער אָדער אינערלעכער ווירקונג ווערט דער אומבאַוואוסטזיין (דער „סקלאַד"—לאַגערהויז — וואו עס ליגן פאַרבאָרגן די אָנגעזאַמלטע פּסיכישע דערפאַרונגען פונעם מענטשן-מין, פונעם כלל) אָדער אונטערבאַוואוסטזיין (דער „קעלער" וואו עס ליגן אָפּגעלייגט דעם מענטשנס פּערזענלעכע דערפאַרונגען) — אונטער אַ דרויסנדיקער אָדער אינערלעכער ווירקונג אָדער אָנרעגונג ווערט דער אומבאַוואוסטזיין—אָדער אונטערבאַוואוסטזיין—אויפגעברויזט און עס הייבן אָן קוואַלן און שטראָמען פון אים זעאונגען, בילדער אאַז"וו.

דער מענטש שאַפט נישט דעמאָלט, נאָר עס קוואַלט און שטראָמט פון אים. ער איז בלויז אַ מעדיום.

דאָס מיינט אָבער נישט, אַז דאָס, וואָס דער מענטש שאַפט אונטער דער ווירקונג פון אינספּיראַציע, מוז איפּסאָ

פּאַקטאַ זיין גוט און ווערטפול. ווייל אַזוי ווי אינעם אומבאַ־וואוסטזיין איז אָנגעזאַמלט די גאַנצע חכמה, גוטסקייט און שיינקייט פון דער מענטשהייט, אַזוי איז דאָרט אויך אָנגע־זאַמלט איר גאַנצע טפּשות, רשעות און מיאוסקייט.

ניטשע, אונטער דער ווירקונג פון אַ געוואַלדיקער אינס־פּיראַציע, האָט זיין זאַראַטוסטראַ געשאַפן, איז עס איינס פון די טיפסטע און שענסטע ביכער וואָס די וועלט פאַרמאָגט! איקס דער גראַפאָמאַן קאָן אָבער אויך אַזוי באַגייסטערט זיין און דאָך זאָל ער אָנשרייבן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיין בלויז אומפאַרשטענדלעכע פּלוידעריי!

אינספּיראַציע איז נישט קיין גאַראַנטיע פאַר טיפער קונסט, פאַר ווערטפולקייט!

דער פּראָצעס פון שאַפן און אַ חלום האָבן דעם זעלביקן „מעכאַניזם”.

שוין אויפן ערשטן בליק זעען מיר ווי נאָענט און פאַר־וואַנדט זיי זיינען, דאָס שאַפן און דער חלום. אין ביידע פאַלן איז דער מענטש בלויז אַן אויפנעם־געפעס. נישט ע ר שאַפט ע ר חלומט, נאָר ע ס שאַפט זיך, ע ס חלומט זיך.

און אַ חלום איז נאָך אַ העכערע מדרגה פון אינספּיראַציע, ווייל בעת אינספּיראַציע איז נאָך דער מענטש מער־ווייניקער באַוואוסטזיניק, סעלעקטיוו, איז ער בעתן חלומען אינגאַנצן פאַרשלונגען, בלויז אַ בינע אויף וועלכער עס שפּילן זיך אָפּ די אַלע „זאַכן”. מ׳קאָן אָבער צוליב דעם נישט זאָגן, אַז יעדער חלום איז אַ קונסטווערק!

דער חלום מעג זיך טאַקע זיין אַ פּראָדוקט פונעם אום־אָדער אונטערבאַוואוסטזיין, אָדער פון זיי ביידע, אָבער אָפט איז ער בלויז אין דער בחינה פון „תהו ובהו” אָדער אָפּפאַל.

אַמאָל קאָן — צוליב וואָס פאַר אַ סיבה עס זאָל נישט זיין — אַמאָל קאָן די אויבערפלאַך פון דער ערד אויפגעריסן ווערן און אַ קלאָרער, לויטערער שטראָם קאָן אָנהייבן שטראָמען,

עס קאָן אָבער, פאַרקערט, אויך בלאָטע אָנהייבן שטראָמען, און נאָך אפשר מיט מער אימפעט!

באַגער נאָך מאַכט

אין זיין בוך „מאַכט" ברענגט בערטראַנד ראָסעל אַרויס, אַז נישט עקאָנאָמיק איז דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, נאָר מ אַ כ ט. די לוסט צו מאַכט.

אויף דעם פרעגט א. אַ ל מ י : „מאַכט — צוליב וואָס?" און זיין ענטפער איז : „... אין „סעקס" (געשלעכט) און אין מאַכט, אָדער דורך זיי, וויל דער מענטש אַנטלויפן פון דעם אומ־פאַרמיידלעכן, פון דעם לעצטן סך־הכל, פון טויט און פאַר־געסנקייט".

ס'הייסט, נישט געשלעכט איז, ביים מענטשן, אַ ציל פאַר זיך און נישט מאַכט. אי געשלעכט, אי מאַכט זיינען בלויז מיט־לען צו אַ ציל — און דער ציל איז : פאַראייביקן זיך.

אַזאַ קוק איז, דוכט מיר, נישט אין הסכם מיטן אָביעק־טיוון אמת.

אויב איך וויין, למשל, איז עס נישט דערפאַר וואָס איך וויל פאַראייביקט ווערן. נאָר ווייל עפּעס דריקט מיך ; אויב איך שריי, איז עס אויך נישט מחמת דעם, וואָס איך וויל נישט פאַרגעסן ווערן, נאָר ווייל עפּעס טוט מיר וויי, און אַזוי אויך אויב איך זוך „מאַכט" דורך עקאָנאָמישע, מיליטערישע, וויסנ־שאַפטלעכע אָדער קינסטלערישע דערגרייכונגען.

נישט די לוסט צו מאַכט איז די סיבה פון מיינע אויפטו־אונגען, אָדער מיין שטרעבונג צו זיי, נאָר דער ד ר אַ נ ג צ ו ז ע ל ב ס ט ־ א ו י ס ד ר ו ק!

ווען דער בעש"ט האָט דערהערט דעם בת־קול, אַז דער־פאַר וואָס ער האָט זיך איינגעשפּאַרט געגן הימל האָט ער

פאַרלאָרן זיין עולם-הבא, האָט ער זיך גאָר דערפרייט: ערשט איצטער וועט ער קאָנען דינען גאָט מיט אַן אמת!

און אַז ירמיהו האָט געשריבן זיין קונסטווערק איכה, איז עס אויך נישט געווען דערפאַר וואָס ער האָט געוואָלט דורך דעם פאַראייביקט ווערן!

זעלבסט - אויסדרוק

— פילסטו נישט גרוים און שטאָלץ ביי זיך, וואָס דו האָלטסט אין איין אויסטראַכטן נייע געדאַנקען און וואָס דו שרייבסט ביכער?

— און פילסט דו נישט גרוים און שטאָלץ ביי זיך, וואָס דו האָלטסט אין איין דערפילן דיינע נאַטירלעכע הצטרכות'ן?

— וואָס איז פאַראַן וואָס צו שטאָלצירן מיט דעם? איך טו בלויז דאָס, וואָס די נאַטור פאָדערט פון מיר!

נו, איך טו אויך בלויז דאָס, וואָס מיין נאַטור פאָדערט פון מיר!

שאַפער — וואולקאַן

טיף אין דער ערד קאָכט און זידט אומעטום. די ערד איז אומעטום פול מיט לאַווע, אָבער בלויז דורך אַ וואולקאַן רייסט זי זיך ארויס.

חלום און שאַפונג —

פונעם זעלביקן מקור. נאָר וואָס דען? אַ מענטש אין היץ זעט בילדער און אַ קינסטלער זעט בילדער. ביים ערשטן זיי-נען די בילדער אין דער בחינה פון כאַאָס, דור-הפלגהש, און אַזוי פאַרבלייבן זיי. און זיי באַהערשן אים; ביים צווייטן זיינען זיי דור-הבלגהש. ער ברענגט זיי אין אָרדענונג, גיט זיי פאָרם. ער באַהערשט זיי.

דער שאַפער און זיין ווערק

דר. יעקב קלאַצקין האַלט, אַז אויב אַ שעפערישער מענטש האָט נישט קיין גאָר גרויסע הנאה פון זיין שאַפונג, איז אַ סימן, אַז ער איז נישט קיין שאַפערישער מענטש.

נו, דער אמת איז, אַז דער אמת-טיפער, שאַפערישער מענטש האָט זעלטן גרוים הנאה פון זיין שאַפונג, ווייל שטענ-דיק פילט ער: „ס'איז עפּעס נישט דאָס!" „דאָס איז בלויז אַ שאָטן פון דעם וואָס איך האָב געוואָלט אַרויסברענגען פון זיך!" און דערפאַר טאַקע האַלט ער אין איין שאַפן נייע ווערק.

אין דעם-אַ זינען איז דער שאַפערישער מענטש צו גאָט געגליכן.

אַפילו גאָט, דער גרעסטער קינסטלער (ואין צור — ואין צייר!) האָט ווינציק-וואָס הנאה געהאַט פון זיין שאַפונג. „בונה עולמות ומחריבן" — געבויט וועלטן און זיי חרוב גע-מאַכט. און די-אַ וועלט? „כי טוב" און „כי טוב" — און גע-בראַכט אַ מבול!

אמת, דער פּראָצעס פון שאַפן און דאָס באַטראַכטן דאָס נאָר-וואָס פאַרענדיקטע ווערק פאַרשאַפט אַמאָל הנאה, דאָס איז אָבער, אין בעסטן פאַל, ווי די הנאה פון אַן אָרגאַזם. (שפּאַנונג — אָפּשפּאַנונג). טאַקע אַ הנאה, אָבער ווי לאַנג האַלט זי אָן?

שפּינאָזיסטיש גערעדט: די הנאה וואָס דער שאַפער האָט בעתן פּראָצעס פון שאַפן איז מחמת דעם, וואָס ער גייט אַרי-בער פון אַ קלענערער פולקאָמענהייט צו אַ גרעסערער.

אָבער שפּעטער, ווען ער, זייענדיק אויסגעניכטערט, באַ-טראַכט זיין פאַרענדיקט ווערק, פילט ער, אַז ער האָט זיין ציל נישט דערגרייכט; אַז ער איז געווען אַ גייער אָבער נישט קיין

קומער. און ער ווערט אַנגעפּילט מיט קומער און — ווערט ווידער אַ גייער...

*

בלויז אַ פּאָר ביישפּילן פון אַ סך:

„פּאַן טאַדעאוש" — איינס פון די גרעסטע קינסטלערישע ווערק אין דער וועלט־פּאָעזיע — ווי האָט אַדאַם מיצקעוויטש געפילט לגבי אָט־דעם ווערק זיינעם? „איך וואָלט אפשר פאַר־וואָרפן טאַדעאושן, ווען איך וואָלט מיט אים נישט געהאַלטן שוין ביים סאַמע סוף".

און קאַרל מאַרקס האָט אָט־וואָס געשריבן וועגן זיין „קאַ־פּיטאַל": „די גאַנצע שייסע (צואה) וועט צעטיילט ווערן אין זעקס ביכער".

טיפקייט און לשון

ווען אַ קלאַנג איז צו־הויך, קאָן דאָס אויער אים נישט באַנעמען. אַזוי אויך ווען דער געדאַנק, דאָס געפיל, די זעאונג איז אויסערגעוויינלעך טיף און אוממיטלבאַר, ווערט דאָס לשון הילפלאָז.

„משה עלה למרום". אַ גרויסער, דערהייבענער מענטש איז משה געווען. אַ טיפער דענקער און ז ע ע ר, דערפאַר איז ער אין טאָג־טעגלעכן לעבן אַ כבד־פה געווען.

אָבער זאָלן זיך די כבד־פה'ניקעס נישט איבערנעמען, אַז אַ גרויסער, טיפער מענטש איז אַ כבד־פה, הייסט עס נאָך נישט, אַז יעדער כבד־פה איז אַ גרויסער, טיפער מענטש!

טאַלאַנט

יעיטס זאָגט, אַז די שטרייטיקייט פונעם מענטשן מיט זיך גופא געבוירט פּאָעזיע. איז דאָס גוט געזאָגט. זעען מיר דאָך:

אַז עס קומט פאַר אַ רייבונג צווישן דאָס שוועבעלע און דעם פּאַספּאַר וואָס אויף דער שאַכטל וואו עס געפינט זיך, צינדט עס זיך אָן און פייער ווערט געבוירן. (בכלל איז דאָך באַוואוסט, אַז רייבונג געבוירט היץ).

אָן רייבונג קאָן דאָס שוועבעלע נישט ארויסגעבן קיין פייער פון זיך גופא. די פראַגע איז אָבער: ווי אַזוי דאָס שוועבעלע צינדט זיך אָן ווייסן מיר, אָבער וואָס פאַר אַ כוח ליגט עס אינעם שוועבעלע פאַרבאָרגן וואָס מאַכט, אַז עס זאָל זיך אָנצינדן שוין פון אַ לייכטער רייבונג בלויז?

וואָס איז דער מהות פונעם פּאָעטס טאַלאַנט צו שאַפן פּאָעזיע — אָט־דאָס בעט זיך אויסצופאָרשן און דערגייין!

נישט אַזוי דעם ווי אַזוי פון זיין שרייבן פּאָעזיע, ווי דעם אינעווייניקסטן וואָס און פאַרוואָס פון זיין פּאָעטישן טאַלאַנט!

*

די סיבות וואָס טרייבן דעם פּאָעט צו שרייבן לידער קאָנען מיר ווי עס איז אויסגעפינען. אָבער, ווי זאָגט פישל שניאורסאָן: „מיסט מאַכט וואַקסן דעם קאָרן בעסער. מיסט און קאָרן זיינען אָבער נישט איינס און די זעלבע זאַך!"

דאָס איז קלאָר: נישט ווייל — פישל שניאורסאָניש גערעדט — די פרוי האָט ווייטאָגן שווענגערט זי און געבוירט אַ קינד, נאָר ווייל זי שווענגערט און געבוירט אַ קינד האָט זי ווייטאָגן.

אָבער אַזוי קאָן דאָך אויך געמאָלט זיין איז מיט דעם שאַפער. נישט ווייל ער איז נעוראָטיש שאַפט ער, נאָר ווייל ער שאַפט איז ער נעוראָטיש.

ווי אַזוי און וואָס

דער וויסנשאַפטלער זוכט צו דערקלערן אַ זאַך אָדער אַ

דערשיינונג דורך געבן אונדז די געשיכטע פון איר ווערן. קוים ווייסן מיר ווי אַזוי די זאַך איז געוואָרן, איז זי שוין, לויט די וויסנשאַפטלערס, דערקלערט. דאָס הייסט, אַז די זאַך אָדער די דערשיינונג ווערט דערקלערט דורך איר אורזאַך.

נו, אַזוי ווי דער אינטעלעקט איז באַשרענקט און קאָן נישט אַריינדרינגען אין דער זאַך, קאָנען מיר פון אים נישט פאָדערן, אַז ער זאָל טאָן דאָס, וואָס איז איבער זיינע כוחות. אָנשטאָט דעם וואָס ווייזט ער אונדז דעם ווי אַזוי? מילא, דאָס איז פאַר אים נאָך אויך צופיל... אָבער אין דער אמתן טאָרן מיר זיך נישט צופרידנשטעלן מיט זיינע ענטפערס אויף אונדזערע פראַגן.

די זאַך איז, אַז די אורזאַך איז נישט די זאַך!

אַ בין קלייבט צונויף בלומענזאַפט און מאַכט פון דעם האָניק. ווייסן מיר ווי אַזוי האָניק ווערט געמאַכט. אָבער צי ווייסן מיר דורכדעם אויך וואָס איז עס אַזוינס האָניק בכלל און וואָס איז עס פאַר אונדז בפרט? כדי צו וויסן דאָס, איז דאָס זוכן אויסצוגעפינען זיין אַנטשטייאונג נישט גענוג. דערצו מוזן מיר אויך — און טאַקע איבערהויפּט! — אַ ־ ריינגעמען אים אין זיך און הערן וואָס דער גומען און די גלי־דער ווען זאָגן!

קונסט און שונד

דער מענטש איז אַ הרכבה פון מענטש און חיה. קונסט זוכט (בכוונה, צי שלא בכוונה) איינצושטילן די חיה וואָס אינעם מענטשן און אויפצוּוועקן און דערהייבן דעם מענטש אין אים. שונד — פאַרקערט.

ליד — אַ קערן

דער טיפער פּאָעט רעדט נישט, נאָר רעגט־אָן. זיין ליד איז

אַ קערן, נישט קיין פּאַרטיקער בוים. אינעם לייענער גופא דאַרף פונעם קערן אַרויסוואַקסן דער בוים, וואָס איז אין אים פאַרבאָרגן.

ווייטזיכטיקייט און בלינדקייט

איינער שרייבט אָדער טראַכט וועגן דעם עתיד, ווייל דער הווה איז פאַר אים אומדערטרעגלעך, און איינער — ווייל ער איז גייסטיק ווייטזיכטיק און זעט נישט, דערפאַר, וואָס עס טוט זיך ביי אים אונטער דער נאָז.

ברייטקייט און טיפקייט

דער וואָס גייט אין דער ב ר יי ט, זעט אַלץ וואָס אַרום זיך; דער וואָס גראָבט זיך אין דער ט י ף, איז צום אַרום כמעט ווי בלינד.

געשלעכט און ליבע

געשלעכט — „עטער"

געשלעכט איז ווי דער — כלומרשדיקער — עטער : „מלא כל הארץ כבודו", אומעטום און אין יעדער זאַך איז ער דאָ. **ער איז אָבער נישט די זאַך גופא!**

אויב מיר זאָלן צווישן די עלעקטראָנען און צווישן די אַ־טאָמען פון, למשל, בליי אַ וועלט מיט „עטער" געפינען, וועט עס נאָך נישט מיינען, אַז בליי שטאַמט אָדער איז די „סובלי־מירונג" פון „עטער".

געשלעכט איז דער „עטער" פון דער לעבעדיקער וועלט.

געשלעכט און ליבע

„אַז מען קאָן נישט אַריבער—גייט מען אַרונטער". אַזוי איז אויך בנוגע געשלעכט, נאָר פאַרקערט: קאָן עס נישט אַרונ־טער, גייט עס אַריבער. קאָן זיך עס נישט (אינגאַנצן) אויסלאָדן, אויסלעבן „אונטן" אין דער ווירקלעכקייט, לעבט זיך עס אויס, קריגט עס אַ תיקון „אויבן" אין דער פאַנטאַזיע.

ליבע און תכלית

ל י ב ע (וואָס דאָס מיינט שוין אויך: באַטראַכטן דאָס חתונה האָבן און ברענגען קינדער אויף דער וועלט ווי אַ גליק) איז נישט מער ווי אַ צוקערלעקעכל וואָס די נאַטור גיט אונדז, כדי מיר זאָלן וועלן אַריינגיין און זיך איינשפּאַנען אינעם יאָך פון קיום-המין.

משל למה הדבר דומה ? מ'דאַרף אַ קינד — צוליב זיין געזונט — געבן אַן אָפּפיר-מיטל. ווי אַזוי זשע מאַכט מען, אַז ער

זאָל וועלן איינגעמען? אַפּעלירן צו זיין שכל, אַז דאָס איז גוט פאַר אים, וועט נישט העלפן, נעמט מען דעם אַפּפּיר-מיטל און מען באַדעקט עס מיט שאָקאָלאַד.

אַז דאָס קינד דערזעט שאָקאָלאַד, כאַפּט ער עס מיט פרייד און הייבט עס אָן צו קייען מיט אַפּעטיט. ער איז זיך מחיה, באַלעקט זיך אַזש: אַי, געשמאַק!

דער סוף איז: דאָס שאָקאָלאַד צעגייט און דאָס קינד ווערט געגעזן...

אַלץ פאַר קיום-המין

פאַרוואָס פאַרלייקענען פרויען זייערע יאָרן? עלטערע זאָגן אַז זיי זיינען יינגער און יונגע זאָגן, אַז זיי זיינען עלטער. און אויב זיי זאָגן נישט, האַנדלען זיי אַזוי: עלטערע פרויען טוען אַלץ כדי אויסצוקוקן — אָדער מאַכן גלייבן, אַז זיי זיינען — יינגער, און יונגינקע מיידלעך — עלטער.

פאַרוואָס? גאָר פשוט: דער לעצטער זין, תוך און תכלית פון לעבן איז זיין אָנהאַלטונג און פאַרזעצונג.

נו, די עלטערע מאַכן זיך יונג, עס זאָל הייסן: מיר קאָנען נ א ָ ך האָבן קינדער! און די יונגינקע מאַכן זיך עלטער, עס זאָל הייסן: מיר קאָנען ש ו י ן האָבן קינדער!

מענטש, וועלט און לעבן

מענטש און לעבן

אַ ווילדער, טיפער וואַלד — דאָס לעבן.
פאַרפּלאָנטערט און געדיכט ווי אַלטע שפּינגעוועבן.
סודותדיק און פול מיט מורא־פויגלען סטאַיעס,
פול מיט געפּאַרן און מיט פחד־חיות.
האָבן מענטשן מורא זיך אין אים פאַרטיפן,
בויען זיי אויס הייזלעך ביי די ברעגן
פונעם וואַלד (ווי אין אַ האַפן — שיפן)
און טרעטן אויסעט קליינע, שמאָלע שטעגן
אַרום זיי. (נאָר וואו די הייזלעך שטייען!)
און בלויז אויף אָט־די שטעגן אָט־די אויסגעטראָטענע זיי גייען.
האָבן מורא — און זיך פוילן! — אָן אַ זייט זיך אָפּצוקערן.
גרינגקייט, זיכערהייט, געוויסנהייט — זייערע באַגערן.

*

מענטשן זיינען פויל און האָבן מורא פאַר דאָס אומבאַוואוסטע,
דאָס איז ביי זיי פאַרבונדן ענג מיט שווערקייט און געפאַרן, —
פון דעם — פיקסירונג סקלעראַזירטע, הערשאַפט פון געוויינהייט,
פון דעם — אַזויפיל ק י נ ד ע ר אויף דער וועלט און נ א ר ן.

וועלט און לעבן — מיליקען און בערגסאָן

וווערט.
צעשטערט.
נישט בלויז גראַם —
טיפער טעם:
וואו נאָר ווערונג —
דאָרט צעשטערונג.
שפּייז, צעשטערונג און פאַרדייאונג. —
נאָך צעשטערונג קומט באַנייאונג.
פון דער טויטער וועלט דער סוד.
פונעם לעבן דער יסוד.

זיין — ווערן

אַלץ וואָס איז, איז אַ פּראָצעס (אַ פאַרקומעניש). אַ פּראָצעס איז נישט איז, נאָר ווערט. אַלץ וואָס איז — ווערט.

דעטערמיניזם — שפּינאָזע און פרויד

אין אַלץ וואָס איז דאָ —
קיין צופאַל נישטאָ.
ס'האָט יעדעס געשען
זיין פאַרוואָס און פאַרוועז.
אַלץ וואָס פּאַסירט —
דעטערמינירט.
נישט באַלוינונג און נישט שטראָף.
ווי ס'איז פיר פון צוויי מאָל צוויי.
פונעם אָנהייב ביזן סוף
תמיד נויטווענדיק אַזוי.

פיזיאָלאָגישע פסיכאָלאָגיע

ס'איז איינער פויל און שרעקעוודיק, און ס'איז אַ צוווייטער
דרייסט.
דעמס האַרץ אַ צאַרטע פידל איז און דעמס—אַ שאַרפע
שפּיז. —
דער מענטש ווערט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט באַ-
הערשט פון גייסט,
סיי צדיק און סיי רשע — בלויז די אַרבעט פון אַ דריז!

די אַרבעט פון די דריזן און פון נערוון דאָס געפלעכט —
עס ברענט אַ פייער אונטן — און דאָס וואַסער אויבן זידט!
דער מענטש איז פריילעך,אומעטיק, זיין האַרץ איז גוט,
צי שלעכט, —
נישט אינעם הימל, נאָר אין א י ם זיין גורל ווערט גע-
שמידט!

לשם יחוד סענסואַליזם ואינטעלעקטואַליזם...

„די וועלט איז בלויז אַ פאַרשטעלונג פון מיין געדאַנק".
איך האָב אַ חוש-הטעם — און געשמאַק איז דער
געטראַנק;
איך האָב אַ חוש-הראיה — און דאָס גראָז איז ליכטיק-
גרין, —
נישט אין די ז אַ כ ן, נאָר אין מ י ר איז אייגנשאַפט
און זין.

אַלצדינג איז פון מיר פאַרהוילן, נאָר איין זאַך איך וויים:
כ'האָב אַ חוש-המישוש און עס איז דאָס פייער היים;
כ'האָב אַ חוש-השמיעה — און דער דונער קנאַלט און
קראַכט, —
אַלצדינג פון די חושים מיינע ווערט אַרויסגעבראַכט.

מיינע חושים גיבן יעדער זאַך איר איינגשאַפט.
אָן די חושים מיינע איז אַלצדינג אָן אַ האַפט.
וועגן וועלט איך טראַכט — און דאָס טראַכטן איז די וועלט.
אויף מיין טראַכטן איז דער גאַנצער אוניווערז געשטעלט.

געדאַנק איז ווי דער מאָגן, חושים־איינדרוקן — ווי שפּייז,
אָן שפּייז געוועזן עס וואָלט דער מאָגן טויט, אַ שטיקל אייז...
אָן מאָגן אָבער וואָלט די שפּייז געבליבן נישט־פאַרצערט,
שפּייז און מאָגן ענג פאַרבונדן — און פאַרדייאונג ווערט.

ווילן און שכל — שאָפּענהויער

ס׳לויפט דער שטוב־הונט דער געטרייער
פאַר זיין באַלעבאָס אין פייער;
ס׳היט דעם באַלעבאָסעס גיטער,
ער, דער שומר דער געניטער!
באַלעבאָס עס איז דער ווילן,
(די אינסטינקטן און געפילן);
שכל, דער גאַלאַנטער ריטער, —
זיין באַגלייטער בלויז און היטער!

אַפֿאָריזמען און עפּיגראַמען

לעבן

דאָס לעבן איז קורץ? לאַנג לעבן זאָל עס דערפֿאַר...

*

באַקלאָגט נישט דאָס לעבן. ס'איז אַזוי אויך גענוג קלאָ־געדיק...

*

דאָס רוב מענטשן פֿילן נישט די נישטיקייט פֿון זייער לעבן צוליב דער זעלביקער סיבה וואָס אַ מענטש פֿילט נישט דעם שלעכטן ריח פֿון זיין אייגן מויל.

*

ס'איז אָבער אויך אמת:
מאַך פֿון לעבן נישט קיין צימעס,
וועט עס דיר נישט ווערן נמאס.

*

לעבן אָן קאַמף, איז ווי אַ לאָקאָמאָטיוו אָן דאַמף.

*

לעבן אָן שאַפֿן — אַ ים אָן אַ האַפֿן.

*

דער וואָס דערגרייכט דאָס צו וואָס ער שטרעבט, —
ערשט דער ווייסט אויף דער וועלט, אַז ער לעבט.

*

אַ פּתי־מיסט איז אַ נאַר וואָס טענהט, אַז דאָס לעבן איז עפּר ואפֿר...

*

די באַהויפּטונג פון די אויבערפלעכלעכע פּעסימיסטן, אַז דאָס לעבן — אין ברייטן זין, בכלל — איז נישטיק, איז — נישטיק.

*

וואָס גרעסער די סטאַטוע, אַלץ ווייטער מוז מען שטיין פון איר, כדי צו זען זי אין איר גאַנצער גרויס און שיינקייט. ווען מען שטייט האַרט לעבן איר אָדער אויף איר, זעט מען זי כמעט ווי נישט.

*

שטייסטו ביים ברעג פונעם ים, זעסטו אים מיט דיינע אויגן; ביסטו אין אים, פילסטו אים אוממיטלבאַר מיט אַלע דיינע אברים.

„חזון" און „נחמו"

פון אַלע מצוות זיינען מיר שטענדיק מקיים דעם „הלוית המת". תמיד גייען מיר נאָך דער לוויה פון אונדזערן אַ חלום.

*

די שענסטע בלום ווערט אָפּגעריסן צוערשט.

*

זיינען נאָר פאַראַן מזבחות, וועלן קיין קרבנות נישט פעלן. אויב נישט קיין אָקס, איז אַ טויב!

*

ס'איז טאַקע אמת, אַז וואָס מער זויערשטאָף, אַלץ שטאַר-

קער און העלער ברענט די זאַך, ס'איז אָבער אויך אמת, אַז וואָס מער זויערשטאָף, אַלץ גיכער ווערט די זאַך פאַר־ברענט.

*

וואָס פינצטערער די נאַכט, אַלץ ליכטיקער די לבנה; וואָס פינצטערער דאָס לעבן, אַלץ ליכטיקער די האָפענונג.

*

לייגסטו איין האָפענונג אַריין אין אַן אָרון,
ווערט גלייך אַן אַנדערע אויף איר אָרט געבאָרן.

*

ווען דער מעטעאָר פליט אין די הימלען, איז ער טונקל און ס'זעט אים נישט קיינער. ערשט דעמאָלט ווען ער האַלט אין פאַלן ווערט ער ליכטיק און ס'דערזעט אים איטלעכער.

*

גרויס איז די זון ווען זי פאַרגייט.

*

אפילו דאָס פאַרגיין פון דער זון איז אויך שיין.

*

דער, וואָס איז מקנא דעם טויטן, איז נאָך טויטער פון אים.

*

פון קלאָג און געוויין קריגט מען נישט קיין חן.

*

האָט איר אַמאָל געהערט, אַז אַ הירש זאָל זיך באַקלאָגן,

וואָס ער מוז שטענדיק טראָגן אויף זיך אַזעלכע גרויסע הער־נער?

אָדער אַ פרוכט־באַלאָדענער בוים אַזוי בנוגע די פרוכט וואָס בייגן זיינע צווייגן צו דער ערד?

*

ווען דער אַקער שניידט די ערד, קרעכצט זי פון יסורים און מיינט, אַז ס'איז אוים וועלט. אָבער שפּעטער, ווי אַ רעזול־טאַט פון דעם, געבוירט זי זאַנגען גאָלדענע.

אַקער — יסורים; ערד — מענטש.

*

דער קלענסטער וואָלקן קאָן די זון פאַרשטעלן,
דער קלענסטער צער — דעם שכל.
הייבט מען זיך אַריבער איבערן וואָלקן, דערזעט מען די זון;
הייבט מען זיך אַריבער איבערן צער, דערזעט מען דאָס ליכט פון אייביקייט...

*

ווען די יידן זיינען געזעסן איינגעפּונדעוועט אין מצרים, האָט זיך דער ים דעמאָלט פאַר זיי נ י ש ט געשפּאָלטן. ווען זיי זיינען אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון מצרים און געבליבן שטיין ביים ברעג פון ים פאַרצווייפלטע; ווען זיי זיינען געקומען צו דער לעצטער מדרגה פון יאוש, — ערשט דעמאָלט האָט דער ים מיטאַמאָל געשפּאָלטן זיך פאַר זיי.

*

אַ וואָרט וואָס איז מיט גאָלד צוגלייך,
האָב איך איצטער דאָ פאַר אייך;

נעמט זיך עס אין זין אַריין —
און וויסן וועט איר נישט פון פיין,
האַלט אין קאָפּ און אין געמיט:
אייביק דויערט קיין זאַך נ י ט!

יחיד און כלל

אַ מענטש לאָזט זיך נישט אומברענגען על קידוש־השם,
נאָר על קידוש־ה„איך״!

*

דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף יענעם, פאַרלאָזט ז י ך.

*

ווען דער עפּל איז נאָך רוי,
האַלט ער פעסט זיך אָנעם בוים;
ווערט ער צייטיק, ווערט ער רייף,
דעמאָלט פאַלט ער שטיל אַראָפּ.

*

שטענדיק גיי־נאָך נאָך יענעם —
און פאַרקריכן וועסטו אין גיהנום.

*

ווער ס׳ציטערט שטענדיק פאַרן „אויב״,
דעמס לעבן איז נישט מער ווי שטויב;
ווער ס׳שרעקט זיך תמיד פאַרן „טאָמער״,
דעמס לעבן איז אַ קאַצניאַמער.

קאָנסטו זיך אַליין באַפעלן,
דעמאָלט פאָלג נאָר זיך אַליין;
אויב דו ווייסט נישט וואָס צו וועלן,
דעמאָלט וויל דאָס אונטערגיין.

*

רחמנות אויף זיך אַליין — פע, נישט שיין. דאָס איז אַ מידה מגונה; רחמנות אויף יענעם — נישטאָ נאָך קיין בעסערע און שענערע מידה.

ווער זאָגט עס? י ע נ ע ר!

*

זינג וועגן קלאָס אָדער לאַנד —
און ברייט וועסטו ווערן באַקאַנט;
זינג וועגן זיך און דיין צער —
און איינזאַמקייט זיין וועט דיין שכר.

*

ביסטו אין אַ מדבר, מוזסטו קאָנען איר היץ פאַרטראָגן; ביסטו צווישן קליינע מענטשעלעך, מוזסטו קאָנען זייער קליינלעכקייט פאַרטראָגן.

*

ווען דער מענטש וואָלט נישט געטראַכט נאָר פון זיך אַליין, וואָלט די וועלט נישט געווען אַזוי פול מיט געוויין.

*

ווילסטו גליק פאַר זיך געפינען?
ז י ך האָב ווינציקער אין זינען!

*

א ווייטאַג, וואָס מ׳קאָן מיט יענעם זיך טיילן,
וועט ווערן גרינגער און זיך לאָזן פאַרהיילן;
פרייד, וואָס מ׳מוז האַלטן פאַר זיך אַליין,
וועט לאַנג זיך נישט האַלטן, וועט גיך פאַרגיין.

טייל זיך מיט דיין וויסן און מיט דיין לעבן—און דו וועסט וויסן פון אַ לעבן.

דער „גרויסער״ און דער „קליינער״ מענטש

ווייל מיר זיינען זייער ווייט פון די שטערן, גיבן מיר זיך אַ זאָג מעשה־ביטול: ואת הכוכבים.

*

אַ וואָרעם און אַ קאַטערפילאַר זיינען געקראָכן אויף דער ערד. ביידע קריכערס און צוזאַמען אויף דער ערד — זיינען זיי געוואָרן גוטע פריינט און חברים.

אין אַ צייט אַרום האָט דער וואָרעם פלוצלינג דערזען ווי דער קאַטערפילאַר האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שמעטערלינג און האָט אָנגעהייבן פליען.

און געקוקט האָט דער וואָרעם אויף דעם פליענדיקן שמע־טערלינג מיט באַדויער: געווען אַמאָל אַזאַ פיינער וואָרעם, געקראָכן אויף דער ערד ווי אַ נאָרמאַלער וואָרעם און איצט, נעבעך, וואָס פון אים איז געוואָרן! אוים ערד, אוים קריכן... על אלה אני בוכיה...

*

באטראכט האט א הארבאטער, געלער קעמל
א שווארצן רייטפערד און באדויערט אים מיט הארץ:
א געשטראפטע בריאה, וואס פאר א רחמנות.
האט נעבעך נישט קיין הארב און איז דערצו נאך
שווארץ!

*

אויב דו זאגסט אויף א מענטשן וואס איז פארטאן אין גייסטיקע אקטיוויטעטן, אז ער איז א בטלן, ווייס איך פון דעם, אז אין דער וועלט פון גייסט ביסטו אן עובר-בטל.

*

דער גרויסער מענטש טוט עפעס אויף,
דער קליינער מענטש שפייט דערויף.

*

די זון שיינט און ווארעמט — און דאך קאן מען זי נישט אנקוקן...

*

פון בלאטע צו מאכן א מענטשן —
געקאנט האט עס בלויז גאט,
אבער צו מאכן פון א מענטשן בלאטע —
דאס קאן יעדער אידיאט.

*

יעדער איינער וויל זיין גרויס,
איטלעכער וויל שמ'ען;
קאן ער גרויס אליין נישט זיין,
דערנידעריקט ער יענעם.

*

עס האָט אַ פּנים פון חוזק צו מאַכן חוזק פון חוזק־מאַכערס.

*

ווי נאָר דער מענטש הייבט אָן פּילן, אַז ער האָט דער־גרייכט פולקאָמענהייט, אַזוי הייבט זיך אָן זיין ירידה.

*

ווען דו שטייסט לעבן אַ באַרג און קוקסט אַרויף צו זיין שפּיץ, מיינסטו ווער־ווייסט־וואָס דאָרטן טוט זיך; ווען דו קומסט אָבער אַרויף אויף אים, זעסטו בלויז שטיין און ווים־מעניש.

*

פון אַלע הימלישע קערפּערס
איז די לבנה צאַרטער און שענער.
אין דער אמתן: אַן ערד ווי אונדזערע,
נאָר נאַקעטער און קלענער.

יוגנט און עלטער

די יוגנט מיט איר פאַרבלענדעניש —
מיט לויטער לעבן פול;
די עלטער מיט איר פאַרשטענדעניש —
ביינאַכט אַ פּוסטע שול...

*

יוגנט איז שיכור מיט לעבן,
עלטער איז ניכטער אָן לעבן.

*

„חטאות נעורים". דאָס וואָס יוגנט באַטראַכט ווי לעבן, באַטראַכט עלטער ווי זינד.

עלטער האָט מער קיין כוח נישט צו זינדיקן און דאָס לעבן האַלט אין איין אויסריינען פון איר. איז דאָס אַ מעשה מיט „זויערע ווייַנטרויבן".

וויסן

ווען דער בויך איז פריידיק, איז דער מוח ליידיק.

*

ווילסטו וויסן נאָך וואָס צו שטרעבן ? שטרעב נאָך וויסן !

*

האַלט פון געבן און פאַרגעבן,
און געניסן זע פון וויסן,
וועסטו וויסן פון געניסן

און געניסן וועסט פון לעבן.

*

ווען מיר דערגרונטעווען זיך צום אָפּגרונט פון אַ זאַך, באַנעמען מיר דאָן בעסער אויך איר אויבערפלאַך.

*

רעגן — אוניפאָרמיקע טראָפּנס ; שניי — פאַרשידנפאַרמיקע קריסטאַלן.

רעגן — אב ; שניי — תולדה.

געפיל — רעגן ; געדאַנק — שניי.

*

אין געלעכטער, אין געוויין, —

שטיי נישט, ברודער, האַלט אין גיין,
ווייל ווי נאָר דו שטעלסט זיך אָפּ
גלייך פאַרלירסטו האַרץ און קאָפּ.

*

צו דערגרייכן דעם באַוואוסטזיין, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו דערגרייכן, — דאָס אַליין איז אַ גרויסע דערגרייכונג.

אמת און שקר

„שקר אין לו רגלים" — טראָגן מיר זיך אַרום מיט אים; דער אמת האָט פּיס, גייט ער אַליין.

*

„שקר אין לו רגלים". וואָס איז דער חידוש, אַז יעדער איינער האַלט אים אין איין אַרומשלעפּן!...

*

„שקר אין לו רגלים" — און דאָך פאַרגייט ער אַזוי ווייט!...

*

„דער אמת איז דער בעסטער שווינדל". — נישט אומזיסט ווערן די אמת־זוכערס פאַרפאָלגט.

*

א—מ—ת — די אותיות דערווייטערט; שקר — די אותיות צוזאַמען אין אַחדות. איז אַ חידוש וואָס דער שקר איז מצליח?

פאַרשידנס

וואָס העכער די זון, אַלץ קלענער דער שאָטן; וואָס גרעסער די צידקות, אַלץ גרעסער דער שטן.

וואָס גרעסער דער גליק, אַלץ שטאַרקער זיין קלאַנג;
וואָס שטאַרקער די אונטערדריקונג, אַלץ גרעסער דער פאַר־לאַנג.

*

אַז פאַרלאַנגען און געפילן זיינען אונטערדריקט, איז דער מענטש דערדריקט.

*

שטענדיק וויל אַ מענטש קריגן דאָס וואָס ער דאַרף, אָבער נישט שטענדיק דאַרף ער קריגן דאָס וואָס ער וויל.

*

ווי דאָס ווערט פאַר דיר אַנטפּלעקט, אַזוי ווערט דאָס אָפּ־געמעקט.

*

מע דאַרף אַ סך דורכמאַכן, כדי צו קאָנען זיך איבערמאַכן.

*

ווילסטו, ברודערקע, נישט פאַלן?
מוזסטו שטענדיק זיין אַ בעלן
ווי אַ שלאַנג צו זיין אַ קריכער. —
דאַן וועסטו נישט פאַלן זיכער!...

*

דער קלוגער באַדויערט דעם נאַר, און דער נאַר— דעם קלוגן.

*

דעם הימל אין טייך קאָן מען זען; דעם טייך אין הימל — נישט.

*

נאַרישקייט: אַמאָל אַ נישט־אָנערקענטע חכמה.

*

ליגנער: אַמאָל אַ מענטש וואָס זאָגט אָן אמת פאַר דער צייט.

אין אַ הייסן זומער־טאָג איז דער שאָטן פֿונעם בוים לי־
בער ווי דער בוים גופֿא.

*

ווען מיאוסקייט קוקט אַריין אין אַ שפּיגל און דערזעט זיך
אין אים, הייבט זי אָן שרייען: אַ שפּיגל? פֿע, דאָס איז עפּעס
אַזוינס, וואָס איז פֿול מיט מיאוסקייט און מ׳דאַרף ווייכן פֿון
דעם!

*

וואָס פֿאַר אַ קול, אַזאַ עכאָ.

*

ווען מען זאָגט אויף אַ פּיסלאָזן אָדער פּאַראַליזירטן
מענטשן, אַז ער איז נישט קיין אַרומלויפֿער, נאָר אַ שטענדיקער
יושב־אוהל, איז דאָס אַ קנאַפּער קאָמפּלימענט פֿאַר אים.

*

ווער עס האָט די מאַכט, דער איז אַ גאַנצער מאַכער,
און דאָס מאַכט אים ענדלעך פֿאַר אַ גאַנצן דבר־אחר.

*

אָנקומען צו יענעם, איז ערגער ווי גיהנום.

*

ס׳טרעפֿט אַמאָל, אַז אויך מיט שווייגן קאָן מען יענעם
איבערצייגן.

*

שנאה־האָס — די גרעסטע חולאת.

*

נישט ווען דיין שונא שטאַרבט זאָלסטו זיך פֿרייען, נאָר
ווען עס שטאַרבט דיין שנאה.

„כדי שלא להוציא הנייר חלק״

(פון מיין לידער־בוך — אין כתב־יד — „צווישן עטאָס און עראָס״)

שאָלעכץ און קערן

אַלץ וואָס דרויסן איז שאָלעכץ, איז צודעק,
וואָס פאַרדעקט דעם לעבעדיקן קערן.
מוז איך שטענדיק זיין אַ ברעכער, אַ צעשטערער.
ניט ווייל כ׳האָב פיינט די שאָלעכץ
האַלט איך זי אין איין ברעכן און פאַרוואַרפן,
נאָר ווייל כ׳האָב ליב דעם קערן
און זוך אים צו געפינען.

*

נישט פון וועגן זאַכן וויל איך לעבן,
נאָר פון וועגן זיך.
ניט שפּילן זיך מיט די בלעטער פונעם לעבן,
איז מיין באַגער,
נאָר באַהעפטן זיך מיט זיינע וואָרצלען
און זיך צונויפוואַקסן מיט זיי אחד׳יק.

*

וואו זיינען די וואָרצלען פון לעבן,
אין מיין אייגענעם גוף!
נישט אין מיין קלאָרן באַוואוסטזיין,
נאָר אין מיין טונקעלן זיין!

*

איך וויל אין זיך די וואָרצלען פון לעבן געפינען,
זיי זיינען אָבער פאַרבאָרגן אין חשכות

טיף אונטערן אויבערפלאַך פון מיין זינען.
מוז איך פריער מיין זינען צעשפּאַלטן, צעגראָבן,
איידער איך לאָז מיך זיי זוכן;
מוז איך אין זיך זיך אַלץ טיפער פאַרטיפן,
אַלץ טיפער און טיפער אונטערן זינען.
זוך איך די וואָרצלען פון לעבן,
און זיי, די וואָס שטייען אינדרויסן,
קוקן אויף מיר מיט באַדויער:
דער מענטש איז פון זינען אַרונטער!

גאָלד און קופּער...

דאָס גאָלד פון מיין לעבן מוז איך שטענדיק אויסבייטן
אויף קופּערנע מטבעות פון ווערטער — — — — —

הייב איך אָן טרינקען פון אורקוואַל פון לעבן וואָס אין מיין לייב,
און פלאַמיקע פרייד גייט אין מיר אויף, ווי זון אין זומער פרימאָרגן,
מוז איך זי פאַרוואַנדלען אין ווערטער.

הער איך ס׳געזאַנג פונעם לעבן צום סוד און יסוד פון דער וועלט
און מיינע גלידער הייבן אָן זינגען צוזאַמען מיט אים
און ווערן אַליין אַ געזאַנג, —
מוז איך עס פאַרוואַנדלען אין ווערטער.

זאַפּ איך אַריין אין זיך די שיינקייט און צויבער פון טבע און תאווה,
און דאָס ליכט פון דער וועלט שפּיגלט זיך אָפּ אין מיין בלוט,
און מיין לעבן ווערט אַ רעגנבויגן — אַ געזאַנג אין קאָלירן, —
מוז איך אים פאַרוואַנדלען אין ווערטער.

דאָס גאָלד פון מיין לעבן מוז איך שטענדיק אויסבייטן
אויף קופּערנע מטבעות פון ווערטער — — — — —

סוד שביסוד...

עפּעס האַלטן זיך אין איין וועבן

אין די שטומע צייט־געצעלטן;
חורבות אַלע ווילן־וועלטן,
פול מיט שאַרבנס טאָל פון לעבן.

און דער נביא און די זונה —
נישט דאָס וואָסער, נאָר די רערן —
שפּיל פון ווערן און ניט־ווערן. —
לאָרעליי פון היינריך היינע.

אייביק...

טאָג נאָך טאָג פאַרגייט,
נאַכט נאָך נאַכט פאַרשווינדט;
פונדערוויטנס ווייט
שוואַרצע פאָן אין ווינט...

קערפּער — טינטער בלויז,
לעבן — שוואַרצער טינט;
פלוצלינגדיקער שטויס —
און עס רינט און רינט...

ער און זי...

(טראַגי־קאָמעדיע אין דריי אַקטן)

א

ער און זי און טיפע נאַכט.
חיסור — אַלץ פון וואָס געדאַכט,
און פרייד — געכפלט.
עראָס פריידיק זיי באַטראַכט,
מאָרפעאוס איז פאַרצווייפלט.

ב

ער און זי און טיפע נאַכט.
געוויין פון קינד איז איינגעשפּאַרט.

אומגעדולד — געכפּלט.
עראָס קוקט אויף זיי און לאַכט,
מאָרפעאוס איז פאַרצווייפלט.

ג

ער און זי און טיפע נאַכט.
חיסור — אַלץ נאָך וואָס געגאַרט.
מידקייט איז געכפּלט.
מאָרפעאוס פריידיק זיי באַטראַכט
און עראָס איז פאַרצווייפלט.

אַליין...

אַלע הערצער פול מיט וואונדן,
פול די לופט איז מיט געוויין;
מענטש מיט מענטש צונויפגעבונדן —
און ס׳איז יעדער איין־אַליין.

ס׳איז דאָס לעבן פול מיט וואונדער,
און די וועלט איז ברייט און גרויס, —
און ס׳גייט איטלעכער באַזונדער
אין זיין שטילן ווינקל אויס.

אַי־לע־ליו, נשמה...

אַי־לע־ליו, נשמה,
אַי־לע־ליו־ליע, שלאָף.
דאָס לעבן — אַ מלחמה
אָן אָנהייב און אָן סוף.

דער, וואָס האַלט אין שטרעבן
און שוועבן אין דער הויך —
אַ ווייל אַ פלאַם אין לעבן
און באַלד אַ ביסל רויך.

ווער עס זוכט דעם זינען
פון לעבן, וועלט און זיין,
אַנטוישונג וועט געפינען. —
שלאָף נשמה איין.

שכל איז אַ קוליע,
געפיל — אַ בלודנע שאָף. —
אַי־לע־ליו־ליע־ליו־ליע,
שלאָף, נשמה, שלאָף.

די וועלט — אַ גראַמע וואוינונג
פאַר רשע און פאַר נאַר.
דער גוטער — זיין באַלוינונג
בלויז האַרצווייטאָג און צער.

גליק — ווי אומגעהייער
ווינציק, קליין און קאַרג;
אומגליק איז אַ פייער־
שפייענדיקער באַרג.

אַזוי פון תמיד אָנעט,
געווען, איז און וועט זיין. —
שלאָף איז גאָטס מתנה, —
שלאָף נשמה איין.